STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02179

LEKOVED SHABES

Solomon Rudzki

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב שלמה רוצקי

לכבוד שבת

הכרת תודה וברכה

לר' אברהם אלטער ב"ר אליעזר ליפּע
ורעיתו מרת שושנה בת ר' יעקב

IN HONOUR OF
ALFRED (FRED) and ILSE BRAND
יחיו

לזכרון עולם

ר, מרדכי ב״ר אהרן
וזוגתו מרת חוה בת ר׳ יצחק

In Memory of

MAX and IDA REVELMAN
ז״ל

לכבוד

הקהלה הקדושה „תפארת ישרון"
במלבורן אויסטראליא

IN HONOUR OF

THE SOUTH CAULFIELD HEBREW CONGREGATION
MELBOURNE, AUSTRALIA

הרב שלמה רוצקי

לכבוד שבת

ווערטער, געדאנקען
און פאָלקסטימלעכע דערציילונגען
פון אלטן קוואל

מעלבארן, ה׳תשל״א 1971

LEKAVOD SHABBAT

(In Honour of the Shabbat)

by

Rabbi SOLOMON RUDZKI

Chief Minister

SOUTH CAULFIELD HEBREW CONGREGATION

MELBOURNE, AUSTRALIA

Copyright © 1971 by Rabbi S. RUDZKI, Melbourne.

Printed by YORK PRESS LIMITED — 41 7591

אינהאלט:

א פאר ווערטער צו די לייענער — 11
שבת — 13

ערשטער טייל

בראשית — 19
נח — 21
לך־לך — 23
וירא — 25
חיי־שרה — 27
תולדות — 29
ויצא — 31
וישלח — 33
וישב (חנוכה) — 37
מקץ (חנוכה) — 41
ויגש — 45
ויחי — 49

צווייטער טייל

שמות — 55
וארא — 59
בא — 63
בשלח (שבת שירה) — 68
יתרו — 73
משפטים — 77
תרומה — 82
תצוה (פורים) — 87
כי־תשא — 91
ויקהל — 95
ויקהל־פקודי — 98
פקודי — 101

דריטער טייל

ויקרא — 105
צו (שבת־הגדול) — 109
פסח — 113
שבת חול־המועד פסח — 115
שמיני — 117
תזריע — 122
תזריע־מצורע — 124
מצורע — 126
אחרי — 128
אחרי־קדושים — 130
קדושים — 133
אמור — 135
בהר — 139
בהר־בחקותי — 141
בחקותי — 143

פערטער טייל

במדבר — 147
במדבר (שבועות) — 150
שבת שבועות — 152
נשא — 154
בהעלותך — 157
שלח — 159
קרח — 162
חקת־בלק — 164
פינחס — 167
מטות־מסעי — 169

פינפטער טייל

דברים (חזון) — 175
ואתחנן (נחמו) — 178
עקב — 181
ראה — 183
שופטים — 185
כי־תצא — 188
כי־תבא — 191
נצבים־וילך — 193
ראש־השנה — 196
האזינו (שובה) — 199
סוכות — 201
שמיני־עצרת שמחת־תורה — 203

לאשתי היקרה
רבקה רחל תהי׳

ב ר כ ת א ב

מעומק לבי אני מברך את בני שבתי ואשתו גילה.
בני מיכאל. בתי אסתר ונכדי הנחמדים.
יאריך ד׳ ימיהם ושנותם בשלום ובשלוה ובכל טוב.

לאחי היקר יצחק, ואשתו צפורה,
ומשפחתו יחי׳



הרב שלמה רוצקי

בס"ד

א פּאָר ווערטער צו די לייענער

ביים ארויסגעבן דאָס בוך „לכבוד שבת", קומען מיר אויפן געדאנק די ווערטער פון רבי משה חיים לוצאטו זצ"ל, אין דער הקדמה פון זיין בארימט מוסר־ספר „מסלת־ישרים". — איך בין נישט געקומען עפּעס מחדש צו זיין, נאָר בלויז דערמאָנען דאָס וואָס מ'האָט אמאָל געוווּסט.

פיל ספרים, ביכער און קאָמענטאַרן, אין פאַרשידענע שפּראַכן, זענען ארויסגעגעבן געוואָרן אויף די סדרות פון דער וואָך און ימים טובים. אָבער אונדזערע גייסטיקע אוצרות זענען דאָך אזוי רייך, מיט געדאַנקען, דערקלערונגען, אגדות, פאָלקסטימלעכע דערציילונגען און אפאָריזמען. אזוי, אז אלע שריפטן קענען פאַררעכנט ווערן אלס א צופרידנ־שטעלנדער צוגאָב צו אונדזער „אלטן קוואל" וואָס איז ביי אונדז שטענדיק ניי.

שלמה רוצקי

מעלבארן
אדר ה'תשל"א
מערץ 1971

אלע מאמרים פון דאָזיקן בוך, זענען דערשינען וועכנטלעך אין די „אויסטראַלישע יידישע נייעס" (רעד. יצחק רובינשטיין) מעלבורן, אין די יאָרן: 1970 ־ 1969 ־ 1968

לזכרון עולם

ר׳ מרדכי גבריאל ב״ר יואל פייוויש
אשר נאסף פתאום אל עמיו
ש״ק כ״ד תשרי ה.תשל״א

In Memory of

MORDCHA PINCZEWSKI

who departed this life as a result of an accident on October 23, 1970.

ז״ל

שבת

שבת איז דער ערשטער און עלטסטער יידישער טאָג פון מנוחה, אפילו עלטער ווי פסח, דער יום-טוב פון באפרייאונג. נאָך זייענדיק קנעכט אין מצרים, איז שוין פאַר די יידן באַשטימט געוואָרן שבת, אַלס אַ טאָג פון רו, נישט טאָן קיין שום אַרבעט.

ווען משה רבינו איז אַרויס צו זיינע ברידער און געזען ווי זיי אַרבעטן שווער, איז ער געקומען צו פרעה'ן און צו אים גע־זאָגט: אויב מען לאָזט נישט אַ קנעכט זיך אָפּרוען איין טאָג אין דער וואָך קען ער שטאַרבן פאַר דער צייט. דיינע קנעכט אַר־בעטן אָן אויפהער, און אויב דו וועסט זיי נישט געבן איין טאָג אין דער וואָך צו רוען וועלן זיי דאָך אומקומען. האָט פרעה גע־געבן משה'ן די דערלויבעניש צו טאָן ווי ער פאַרשטייט, און משה רבינו האָט באַשטימט פאַר זיינע ברידער דעם טאָג פון שבת צום רוען.

שבת איז מער ווי אַן אָפּרו־טאָג. שבת קודש איז זינט אונ־דזער עקזיסטענץ געווען און געבליבן דער סימבאָל פון יידיש לעבן, און דערפאַר האָבן אונדזערע מיסטישע דיכטער געשאַפן, מיט אַזוי פיל הייליקייט און דערהויבנקייט, די „זמירות" לכבוד שבת.

דער „שפת אמת" זאָגט: די ראשי תיבות פון פסוק (שמות י"ט) 'שמוע תשמעו'בקולי' (אויב צוהערן וועט איר־זיך צו הערן צו מיין קול) מאַכן — שבת — אין שבת דערהערט מען דאָס קול פון קבלת התורה. דעריבער זאָגן די ספרים, אַז משה רבינו גיט יידן שבת צוריק די צוויי קרוינען, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַרן „נעשה ונשמע", ווייל שבת דערהערט מען צוריק.

מזמור שיר ליום השבת — „ליום שכולו שבת" — אַ גע־זאַנג פאַר דעם טאָג וואָס איז דורכאויס שבת (די קומענדיקע וועלט). שבת איז דער טויער פון עולם־הבא, דער טויער דורך וועלכן דער מענטש גייט דורך צו זיין צוקונפטיקן אייביקן לעבן, וואָס ווערט אָנגערופן „שבת", און אויב אַ מענטש האָט געהאַלטן

שבת אויף דער וועלט, האָט ער א טויער דורך וועלכן אריינצוקומען אין דער צוקונפטיקער וועלט פון אייביקער רו...

עס ווערט דערציילט אין ספר „שערי ירושלים": — מיט ארום 150 יאָר צוריק, האָט מען אין ארץ ישראל אויסגעקליבן א רב, א גרויסן תלמיד חכם, ער זאָל פאָרן איבער דער וועלט און אפעלירן צו די יידן אין חוץ-לארץ וועגן הילף פאר די אָרעמע לייט אין ארץ ישראל. וויסנדיק אז מען וועט דארפן דורכגיין א מדבר, א מהלך פון ארום 12 טעג, צווישן וועלכע עס פאלט אויס שבת, האָט דער רב אויסגענומען א תנאי מיטן פירער פון קאראוואן, אז מען וועט זיך אָפּשטעלן און רוען דורכן הייליקן טאָג — און דערפאר האָט דער פירער באקומען גוט באצאָלט.

פרייטיק, ווען די זון האָט שוין געהאלטן ביי שקיעה, האָט דער פירער נישט געוואָלט זיך אָפּשטעלן. עס האָט נישט געהאָלפן דעם רבס בקשות. דער רב, דער תמים, איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, מיט פארשידענע געדאנקען: צי זאָל ער מחלל שבת זיין און פאָרן ווייטער מיטן קאראוואן, אָדער ער זאָל בלייבן דאָ אין מדבר צווישן די ווילדע חיות. אָבער ווען ער האָט זיך גוט דורכגעטראכט, איז ער געקומען צום באשלוס אז: — אויב איך בלייב איבער דאָ אין מדבר, קען זיין, אז עס וועט מיר אויסקו-מען צו שטאַרבן. אויב אָבער איך וועל מחלל שבת זיין, וועל איך דאָך זיכער פארשפילן מיין נשמה אויף אייביק...

איז דער רב אַרונטער פון קעמל, גענומען זיין פעקל זאכן אויף די פּלייצעס און פארלאָזן דעם קאראוואן. אייניקע פון די מענטשן האָבן געלאכט פון אים און אייניקע האָבן אויף אים רחמנות געהאט, ווי אויף איינעם וואָס גייט צו א זיכערן טויט.

די זון איז אונטערגעגאנגען, און דער רב האָט געווענדעט זיין פּנים צו ארץ ישראל און מקבל שבת געווען מיט גרויס כוונה. נאָכן דאַווענען האָט ער אַרויסגענומען ברויט מיט וויין, געמאַכט קידוש, געגעסן און געזונגען זמירות לכבוד שבת.

פּלוצלונג איז אים א שרעק באפאלן, ווען ער האָט דערזען, ווי א מעכטיקער לייב האָט זיך פאר אים צעברומט. דער רב האָט שוין געמיינט אז דאָס איז דער סוף פון זיין לעבן. נאָר דער לייב האָט זיך גאָר אוועקגעלייגט פאר אים אויף דער ערד און גע קוקט אויף אים מיט טרייסטנדיקע אויגן און מיט פריינדלעכ-קייט. דער רב האָט פארשטאנען, אז דער לייב איז זיין שומר

וואָס טוט אים באוואכן. אזוי האָט ער פארבראַכט שבת אין רו, מיט זמירות און תפילות צו ג־ט.

נאָך הבדלה, האָט דער לייב זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאַץ, זיך אוועקגעלייגט דעם רב צו די פיס, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל זיך זעצן אויף אים רייטן.

דער רב האָט פארשטאַנען, האָט ער גענומען זיין פעקל, אוועקגעלייגט אויפן לייב און אליין זיך אויך אַרויפגעזעצט. דער לייב האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען לויפן און דער רב האָט זיך אָנגעהאַלטן אין לייב ווי אין א צוים ביי א פערד.

גאַנץ פרי האָט דער רב אָנגעיאָגט דעם קאַראַוואַן, וואָס איז געלעגן און גערוט מיט זיינע קעמלען. דער לייב האָט זיך גע קניט אַז דער רייטער זאָל פון אים אַרונטערגיין. דער רב איז אַראָפּ פון לייב מיט גרויס שמחה און דער לייב איז צוריק אַנט-לאָפן אין מדבר אַריין און איז פארשוואונדן.

די מענטשן פון קאַראַוואַן האָבן גלייך פארשטאַנען דעם רבס גרויסקייט און אים באַטראַכט אַלס א הייליקן מאַן, און דער פירער האָט מיט טרערן אין די אויגן, ביים רב מחילה געבעטן. דעם רב האָט מען גערופן „אריאל" (צוליבן נס מיטן לייב).

ביזן היינטיקן טאָג איז די משפחה „אריאל" א בכבודיקע אין ישראל . . .

ערשטער טייל

בראשית

בראשית

בראשית ברא אלקים. רש״י זאָגט: דאָס וואָרט „בראשית״ איז א צוזאַמענשטעל פון צוויי ווערטער „בשביל ראשית״ — וועגן דעם וואָס עס הייסט „ראשית״ — האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט. און מיר געפינען, אז דאָס יידישע פאָלק הייסט „ראשית״ ווי עס שטייט (ירמיה ב׳) „ראשית תבואתו״ — די יידן זענען ביים אויבערשטן די ערשטע תבואה. די תורה הייסט אויך „ראשית״ ווי עס שטייט (משלי ח׳) „ראשית דרכו״ — דער ערשטער וועג פון אויבערשטן׳ס באַשאַפן די וועלט, איז געווען די תורה.

די תורה האָט אייגנטלעך געדאַרפט זיך אָנהויבן פון „החודש הזה לכם וכו׳ וואָס איז די ערשטע מצוה, געבאָטן צום גאַנצן פאָלק, נאָר „כח מעשיו הגיד לעמו״ (תהילים קי״א) — די שטאַר־קייט פון זיינע ווערק האָט ער געוויזן זיין פאָלק, כדי זיי צו געבן די נחלה פון די פעלקער.

אויב עס וועלן אַמאָל קומען פעלקער (אַראַבער) און וועלן זאָגן צו אונדז, אז מיר זענען אַגרעסאָרן און פאַרכאַפּער, וועלכע האָבן פאַרנומען זייערע שטחים, דאַרפן מיר זיי געבן דעם קאַטע־גאָרישן ענטפער: ג—ט האָט איינגעטיילט די וועלט, וועלכע ער האָט באַשאַפן, און ארץ־ישראל, צוגעטיילט דעם יידישן פאָלק. לויט ג—ט׳ס באַפעל איז דורך משה רבינו און יהושע־בן־נון פאַרווירקלעכט געוואָרן דער בונד וואָס ג—ט האָט געמאַכט מיט אברהם אָבינו: לזרעך נתתי את הארץ הזאת וכו׳ — צו דיינע קינדער האָב איך געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך פון מצרים ביז דעם גרויסן טייך פרת. (בראשית ט״ו). איר זענט די „פאַרכאַפּער״ נישט מיר, ווייל מיר קומען מיט די רעכט, וועלכע זענען געוואָרן אָנגעצייכנט פון ג—ט אליין, און אונדזערע היסטאָרישע רעכט זענען אויף גאַנץ ירושלים און גאַנץ ארץ־ישראל...

✶

מען דערציילט: דער רמב״ן האָט אַמאָל שפּאַצירט אין א גאָרטן מיט זיינעם א נישט יידישן פריינד א כומר, און עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי א שמועס וועגן יידן. — איר יידן, — זאָגט דער כומר — זענט מסתם א שלעכט פאָלק, ווען נישט וואָלט מען דאָך אייך נישט אזוי פיינט געהאַט.

אלס ענטפער, נעמט אים דער רמב״ן ארומפירן איבערן גאָרטן

און וּווייזט אים: אַט האָט איר דאָ שיינע, שמעקעדיקע רויזן, וועלכע זענען צעפּרעסן פון די פליגן און ווערים, און אַט האָט איר דאַקעגן דערנער און שטעכעדיקע בלומען, אויף וועלכע די פליגן און ווערים האָבן קיין שליטה נישט. צי באַווייזט דאָס, אַז די דערנער זענען בעסער ווי די רויזן? — זיכער נישט, דאָס באַווייזט בלויז, אַז די רויזן, אלס אידעלע און צאַרטע געוויקסן, זענען ליידער נישט בכח זיך אַנטקעגנצושטעלן זייער פיינט, ווי דאָס זענען אומשטאַנד צו טאָן די שטעכעדיקע דערנער... דאָס זעלבע — האָט דער רמב"ן צוגעגעבן — איז מיט יידן. נישט ווייל זיי זענען שלעכט, רודפט מען זיי, נאָר ווייל זיי זענען שוואַך און איידל, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַר־טיידיקן, און דאָס נוצן אויס די שונאים און זעצן זיך אָן אויף זיי...

*

ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו — און ג—ט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, אַן האָט אים געהייליקט.

ר' סעדיה גאון זאָגט: די בענטשונג און הייליקונג גייט אויף די היטער פון שבת, אז זיי זאָלן זיין געבענטשט און גע־הייליקט...

ר' אברהם אבן־עזרא זאָגט: די ברכה איז א גוטער צוגאָב, אַז דער גוף זאָל באַניִיט ווערן מיט פרישע כוחות, און די נשמה מיט חכמה און שכל, און די ברכה אין טאָג פון שבת איז דער קוואַל פון אלע ברכות...

דער רמב"ם (מורה־נבוכים ג') זאָגט: דער ענין פון שבת, א חוץ וואָס ער האַלט אָן שטענדיק און באַשטעטיקט דאָס גלויבן אין דער נייטיקייט פון דער וועלט — איז אויך חשוב מצד דער רו גופא, אז א זיבעטער חלק פון מענטשנס לעבן זאָל פאַר־בראַכט ווערן אין רו און צופרידנהייט, זיך אָפּצורוען פון דער מי און האָרעוואַניע, וואָס סיי גרויס, סיי קליין קענען זיך נישט אַרויסדרייען דערפון...

ר' מרדכי טשערנאָבילער זאָגט: די אותיות פון „בראשית" מאַכט: „ירא שבת" — האָב מורא פאַרן שבת. א מענטש דאַרף זיך אָנקליידן מיט אימה און פחד דורך אלע זעקס טעג פון אַר־בעט און זיך דאגה'ן: ווי וועל איך אַריינקומען אין טאָג פון שבת, ווייל דער שבת האָט זיין השפעה אויף די זעקס טעג פון וואָך, נאָר דער אינדערוואָכן גרייט אַן אויף שבת...

ר' נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זאָגן: שבת איז גרעסער פון עולם־הבא, ווייל שבת איז דער קוואַל, וואָס פון אים ווערט דער עולם־הבא גענומען...

נח

ווען דער אויבערשטער האָט געזען, אז די מענטשן נאָכן באשאפן די וועלט זענען נישט דאָס וואָס ער האָט געמיינט, זיי זענען געווען פול מיט זינד, האָט ער באַשלאָסן זיי אומצוברענגען. גאַנצע הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָט ער זיי געוואָרנט דורך נחן, אז זיי זאָלן בעסער ווערן, און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ג—ט א מבול געבראכט אויף דער וועלט, און אלץ איז אומגעקומען, אויסער נח און אלע וואָס זענען געווען אין דער תיבה.

נח איש צדיק וכ"ו בדורותיו — יעדער דור האָט זיך זיינע צדיקים, נישט יעדער, וועלכער גילט, אלס צדיק אין זיין דור, וואָלט אויך גערעכנט געווען פאר א צדיק אין א פריערדיקן דור. דער לויב פאר נחן איז געווען, אז „תמים היה בדורותיו" הגם ער האָט געלעבט במשך פון עטלעכע דורות — ווייל ביים מבול איז ער אלט געווען פינף הונדערט יאָר — פונדעסטוועגן איז ער אין אלע דורות גערעכנט געווען פאר א צדיק...

עס ווערט דערציילט אין מדרש: אז אברהם אבינו האָט גע-פרעגט שם'ען, נח'ס זון, ווי אזוי זיי זענען געוואָרן געראַטעוועט פון מבול, האָט ער געענטפערט: אין זכות וואָס זיי האָבן רחמנות געהאַט אויף די בהמות, חיות און עופות, האָט ג—ט אויף זיי אויך רחמנות געהאַט. ווען די מענטשן פון דור-המבול, וואָלטן זיך באַצווינגן מיט רחמנות איינער צום צווייטן, וואָלטן זיי דער-וועקט, אין הימל, אויף זיך, אויך רחמנות און וואָלטן ניצל גע-וואָרן פון מבול. ווען אָבער, זיי האָבן איינער דעם צווייטן נאָר באַ'גזל'ט און בארויבט אָן קיין שום מיטגעפיל, דערפאר זענען זיי אויך פאראורטיילט געוואָרן צו אן אומ'ברחמנות'דיקן אומקום...

✶

די חז"ל זאָגן: דער אונטערשייד פון אברהם'ען ביז נח'ן איז: ביי אברהם'ען שטייט — ד' אשר התהלכתי לפניו — ג־ט וואָס איך בין געגאַנגען פאר אים. און ביי נח'ן שטייט — את האלקים התהלך נח — מיט ג־ט איז געגאַנגען נח.

דאָס וועלן מיר בעסער פארשטיין מיטן פאָלגנדיקן עפיזאָד: עס זענען געווען צוויי חשוב'ע בעלי-בתים,ביידע גבירים, ביידע פיל צדקה געגעבן און מכניסי־אורחים געווען. פונדעסטוועגן פלעגט מען איינעם פיל לויבן און בענטשן, און דעם צווייטן, פיינט געהאַט.

דער גביר וועמען אלע האבן געבענטשט, האט זיך אזוי גע-פירט, ווען ער איז געקומען פריטיק־צו־נאכטס אהיים פון שול מיט אן אורח: מקצר געווען מיטן זינגען „שלום-עליכם" און „אשת־חיל" און באלד באפוילן דער פרוי ארייננצוברענגען די געשמאקע געפילטע פיש, דיווארעמע גוטע זופ, פלייש און אנ־דערע גוטע שפייזן, ער האט געוווסט, אז דער אורח איז אן אויס-געמאטערטער וואנדערער און ער ווארט נעבעך מיט א ליידיקן מאגן אויף דער שבת'דיקער סעודה. דערנאך האט דער בעל־הבית אנגעהויבן זינגען זמירות און זאגן תורה, און איז געבליבן אין דעם זכרון פון ארעמאן, מיט ליבע און רעספעקט.

דער צווייטער גביר, דאקעגן, א היים קומענדיק מיטן אורח, האט זיך ברייטליך געזעצט אויף זיין שטול, און געוואלט זיך פארשטעלן פארן איידעלן אורח, אז ער איז נישט עפעס א פרא-סטאק, האט ער זיך דעריבער בהרחבה'דיק צעזינגען ביים שלום-עליכם און אשת-חיל, און דערנאך ערשט, געזאגט לכבוד דעם אורח א דבר-תורה... ער האט זיך נישט געאיילט, ווייל ער איז נאך געווען זאט פון בייטאג.

דער אורח, ווידער, איז געזעסן ביים טיש הונגעריק, פאר־מאטערט, דער הונגער איז שוין ביי אים געווען איבערגעברענט, און נישט הנאה געהאט פון די געשמאקע מאכלים וואס מ'האט שפעטער דערלאנגט...

דער זעלבער אונטערשייד איז צווישן אברהם און נח. ביי אברהם'ען שטייט: „ד' אשר התהלכתי לפניו" — אברהם האט צוערשט איבערראשט דעם געקומענעם מיט זיין מענטשלעכער פריינדלעכקייט, ערשט שפעטער, ווען יענער איז שוין זאט געווען און צופרידנגעשטעלט, האט אים אברהם אנגעהויבן לערנען גאטהייט.

דאקעגן ביי נח'ן שטייט „את האלקים, התהלך נח" — ער האט ארומגעטראגן דאס „אלקות" גאטהייט, און באלד פארגע־לייגט יענעם. דער פרעמדער, א הונגעריקער, א מידער, איז באלד אנטלאפן פון אים, דעריבער איז נח'ס דערפאלג געווען נישטיק, און אברהם'ס דערפאלג אזוי גרויס...

✶

ויחל נח איש האדמה, ויטע כרם — און נח דער אקערמאן האט גענומען און האט געפלאנצט א וויינגארטן.

נאכן דור־המבול, וועלכער איז אומגעקומען, ווייל די מענטשן זענען געווען פול מיט רויב און גזלה, האט זיך נח ארומגעזען, אז נאר ביים פארנעמען זיך מיט ערד ארבעט, איז דער מענטש בכוח און קען פירן א ריין ערלעך און אנשטענדיק לעבן...

לך־לך

לך לך וכו׳ — גיי דיר אוועק פון דיין לאנד, און פון דיין אפשטאם, און פון דיין פאטער׳ס הויז, צו דעם לאנד וואס איך וועל דיר ווייזן.

ארץ־ישראל איז באשטימט געווארן אין הימל, אויסשליסלעך פארן יידישן פאלק.

„ארץ־ישראל, עם ישראל, חד הוא" — דאס לאנד ישראל און דאס פאלק ישראל איז איינס. איינער אן דעם צווייטן קען קיין רו נישט געפינען. ווען דער ייד איז דערווייטערט פון ארץ־ישראל, איז ער דערווייטערט פון זיך אליין, פון זיין אייגענעם „איך" און איז ווי א גוף אן א נשמה. דעריבער זאגט ג—ט צו אברהם׳ען „לך־לך" אויב דו ווילסט קומען צו זיך, צו דיין אייגענעם שורש, מוזטו גיין „אל הארץ אשר אראך" צו דעם לאנד וואס איז פאר דיר באשטימט געווארן, און נאר דארט קענסטו געפינען דיין סאטיספאקציע...

★

אין דער צייט ווען אברהם האט געלעבט, האט געקיניגט א מלך, א גרויסער רשע, וועלכער האט זיך אליין פאר א גאט געהאלטן. זיין נאמען איז געווען נמרוד, און תרח׳ן אברהם׳ס פאטער, האט ער באשטימט אלס הויפט פון זיינע ארמייען. ווען נמרוד האט זיך דערוואוסט, אז אברהם פריידיקט גאטהייט, אז עס איז פאראן בלויז איין ג—ט אין הימל, האט ער אים געפייניקט און פיל מאל געוואלט אומברענגען, אבער דער אויבערשטער האט אים שטענדיק מציל געווען.

ס׳ווערט דערציילט אין מדרש: אברהם אבינו האט בייגעוווינט א טרויעריקע פאסירונג. עס פאלט אראפ, פון דער הויך צו דער נידעריקייט, א מענטש מיט א ספעציעל אויסגעארבעטן שטיין, לויט דער לעצטער דערפינדונג פון יענער צייט. דער מענטש שטארבט און דער שטיין ווערט צעבראכן, און די מענטשן באקלאגן און באדויערן דעם פארלוסט פון שטיין, אבער נישט דעם מענטשן...

אברהם האט אויסגעדריקט זיין שטארקן באדויערן צו אזא דור ביי וועלכן די טעכניק שטייט העכער פון דעם מענטש. (ענלעך צו אונדזער דור). —

זאגט ג—ט צו אברהם׳ען — לך־לך — גיי צו דיר אליין, ווייל לויט דער אויפפאסונג פון דעם דור, איז דאס די ווייטסטע

שטרעקע, און זע, צו דערציען די מענטשן פון דער וועלט, צו־ערשט, פאר אלע טעכנישע דערגרייכונגען, זאָלן זיי בעסער קענען — גיין צו זיך אליין — און דאָס „פינטעלע מענטש" אוועק־שטעלן אויף דער געהעריקער הויך...

✶

ווי באַוווסט האָט אברהם אבינו זייער ליב געהאַט מענטשן און איז געווען דער גרעסטער מכנים אורח, זיין הויז האָט געהאַט טירן אין אלע זייטן, כדי דער דורכרייזנדער זאָל זיך אפילו נישט דאַרפן באַמיען צו זוכן די טיר, פון וועלכער זייט ער זאָל נישט אָנקומען, זאָל ער גלייך קענען אריינגיין אין הויז.

די דאָזיקע מצוה פון „הכנסת-אורחים" איז פארבליבן ביי אונדז יידן אלס זייער וויכטיק. אין דער אַלטער היים האָט כמעט יעדער ייד געהאַט, פון צייט צו צייט, אן אורח אויף שבת, און אפילו אין מיטן דער וואָך. אייניקע האָבן זיך באַרימט געמאַכט מיט זייער גאַסטפריינדלעכקייט. עס ווערט דערציילט, אז ר' ישעיה זשוכאָוויצער ז"ל איז געווען א גרויסער מכנים־אורח.

איינמאָל האָט ער געהאַט אן אורח אויף שבת, באַלד נאָך שבת איז דער אורח אוועקגעפאָרן און האָט פארגעסן זיין שבת-דיקן הוט. א צייט איז אריבער און דער ייד איז נישט געקומען אָפּנעמען דעם הוט.

האָט ר' ישעיה דאָס פארקויפט פאר עטלעכע גילדן, און געדונגען דערפאר א שטיקל ערד. ער האָט עס געלאָזט אָסערן, זייען, שניידן און די תבואה האָט ער פארקויפט. אזוי האָט ער געטאָן עטלעכע יאָר נאַכאַנאַנד. אין א צייט ארום איז דער אורח ווידער געקומען צו ר' ישעיה'ן. ר' ישעיה האָט אים באַלד דערקענט און אים געפרעגט צי ער האָט נישט אמאָל עפּעס איבערגעלאָזט ביי אים? און דער אורח האָט געענטפערט, אז ער האָט פארגעסן זיין שבתדיקן הוט. — וויפל א שטייגער, מיינט איר, האָט עס די ווערט געהאַט — פרעגט אים ר' ישעיה. — ארום צען גילדן — זאָגט דער אורח. האָט ר' ישעיה ארויסגע-נומען עטלעכע הונדערט גילדן און געזאָגט: אָט דאָס האָב איך פון אייער הוט. נעמט דאָס, עס געהערט צו אייך...

וירא

והוא יושב פתח האהל וכו' — אברהם איז געזעסן אין איינגאַנג פון געצעלט און אויסגעקוקט אורחים.

אברהם'ען איז צוגעשיקט געוואָרן די מצוה פון הכנסת־אורחים אין דער זעלבער צייט, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט דער מצוה פון מילה, כדי דאָס זאָל דינען אלס א לערע פאַר אלע־מען, אז ווען עס קומט צו הכנסת-אורחים, זאָל מען נישט וועלן זיך ארויסדרייען מיטן תירוץ, אז מען איז גראָדע פאַרנומען מיט אן אנדער מצוה. אָט איז דאָך אויך אבינו אברהם דאַן באַשעפ־טיקט געווען מיט אן אנדערער מצוה, פונדעסטוועגן האָט ער מיט פארגעניגן אויפגענומען די פאַרבייגייענדיקע אורחים.

✶

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, דורכפאָרנדיק אמאָל לעמבערג, איז אריינגעגאַנגען צו א געוויסן גביר און געבעטן ער זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. דער גביר, נישט וויסנדיק ווער ער איז, האָט אים געזאָגט, אז אין לעמבערג זענען פאַראַן גענוג גאַסט־הייזער. — מיין קעשענע אָבער דערלויבט מיר נישט צו נעכטיקן אין א גאַסטהויז, — זאָגט דער בערדיטשעווער, — איז דאָ א „הכנסת־אורחים" ווו אלע דורכגייער נעכטיקן, — האָט אים דער גביר געענטפערט.

צומאָרגנס, אז מען האָט זיך דערוווסט אין שטאָט, אז דער בערדיטשעווער איז דאָ, זענען מאַסן מענטשן געקומען געבן אים שלום, צווישן זיי, איז אויך יענער גביר געקומען און נאָכן שלום געבן, געזאָגט צו אים: איר זאָלט וויסן רבי, אז אלע גדולים און צדיקים וואָס קומען צו אונדז אין שטאָט שטייען זיי איין ביי מיר, אלזאָ בעט איך אייך איר זאָלט מיר אנטאָן דעם כבוד און זיך אריבערציען צו מיר.

דערויף האָט אים דער בערדיטשעווער געענטפערט: — די וועלט פרעגט, וואָס איז דער אונטערשייד בנוגע גאַסטפריינד־לעכקייט, צווישן אברהם אבינו און לוט'ן? האָט דאָך לוט אויפן זעלבן אופן ווי אברהם האָט אויפגענומען די דריי מלאכים, האָט עס לוט אויך געטאָן צו די צוויי מלאכים און האָט זיי אפילו באַ־שיצט פון די רשעים פון סדום, טאָ פאַרוואָס איז אברהם פאַר־בליבן דער גרויסער מכניס אורח און לוט נישט?

דער ענטפער איז: ביי לוט'ן שטייט „ויבאו שני המלאכים" און אז לוט האָט דערזען מלאכים, צדיקים, האָט ער זיי באלד

איינגעלאדן און שטארק געבעטן, אז זיי זאלן אריינגיין צו אים אין שטוב. דאקעגן ביי אברהם'ען זאגט דער פסוק „וירא והנה שלשה אנשים" דריי פשוטע מענטשן נישט קיין גדולים, נאר איינפאכע מענטשן, פונדעסטוועגן איז ער זיי אנטקעגן געלאפן און געמאכט פאר זיי א סעודה. דעריבער איז אברהם פארבליבן דער גרויסער מכניס־אורח און נישט לוט.

דאס זעלבע איז מיט אייך לעמבערגער גביר, נעכטן, האט איר מיך געשיקט אין א גאסט-הויז, שפעטער אין הכנסת־אורחים. איצט אבער ווען איר זעט מיך אלס דער בערדיטשעווער רב, ווילט איר מיך האבן פאר אן אורח, דאס איז לוט'ס דרך און איך וועל נישט גיין צו אייך...

✶

והאלקים נסה את אברהם — און ג־ט האט געפרווט אברהם'ען.

פרעגן אנדערע: פארוואס איז די „עקדת־יצחק" געווען א נסיון פאר אברהם'ען און נישט פאר יצחק'ן? — דאס וועלן מיר פארשטיין מיט א משל: צוויי מענטשן זענען געשטאנען אין גאס, איינער איז געווען א זון פון א רייכן, פיינעם מאן וואס האט פיל צדקה געגעבן, און דער אנדערער איז געווען א זון פון א קארגן שלעכטן מענטש.

איז אונטערגעקומען אן ארעמאן און ביי די צוויי א נדבה געבעטן, האבן ביידע געגעבן א גלייכע גרויסע נדבה. האבן מענטשן באוואונדערט דעם קארגנס זון פאר דער שיינער האנד־לונג, אויף דעם אנדערן האבן זיי זיך גארנישט געוואונדערט, ווייל ער האט דאך די אלע גוטע מדות פון העלפן יענעם געזען ביי זיין פאטער.

אבער דער אנדערער, זיין פאטער איז דאך קארג געווען און קיינמאל צדקה געגעבן, טא פון וואנען האט זיך גענומען צו זיין זון אט די איידלקייט און שיינע מדה? —

דאס זעלבע איז ביי יצחק'ן: אברהם זיין פאטער האט אים געלערנט, ווי ווייט יעדער מענטש דארף זיין איבערגעגעבן צו ג־ט. אברהם האט אים דערציילט וועגן זיינע נסיונות וואס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין און אלץ, מיט ג-ט'ס הילף, ביי־געקומען. אברהם האט אים אויך געלערנט, אז א מענטש דארף זיין גרייט אפילו זיך אליין מקריב זיין פאר ג־ט. דעריבער איז דאס שוין ביי יצחק'ן קיין גרויסע פראבע נישט געווען.

דאקעגן אברהם, פון וואנען האט ער געקענט לערנען ליב צו האבן ג־ט אויף אזוי פיל, צו זיין גרייט אפילו מקריב צו זיין, זיין איינציקן זון, וועלכן ער האט אזוי ליב געהאט? זיין פאטער תרח איז דאך א געצן-דינער געווען. דעריבער איז די עקדת-יצחק, באטראכט געווארן פאר אברהם'ען אלס א גרויסער נסיון...

חיי־שרה

שני חיי שרה. זאָגט אויף דעם רש"י:—כולן שוין לטובה — אלע יאָרן פון שרה'ן זענען געווען גלייכע, גוטע יאָרן.

שטעלט זיך א פראגע. ווי איז דאָס מעגלעך, אז ביי א מענטשן זאָלן אלע יאָרן זיין גלייך אין גוטסקייט? בפרט, ווען מיר ווייסן, אז אונדזער מוטער שרה איז פיל צרות אויסגעשטאַ־נען, זייענדיק אזוי פיל יאָרן קינדערלאָז, די צרות מיט פרעה'ן, מיט אבימלך'ן, מיט הגר'ן, און נאָך און נאָך. נאָר דער ענטפער איז, אז אונדזער מאַמע שרה, איז געווען א צדיקת, און אלץ וואָס עס האָט מיט איר פאסירט האָט זי גענומען פאר ליב, און איר האָט שטענדיק קיין זאך נישט געפעלט, אפילו ווען עס איז א הונגער געווען, דעריבער זענען אלע אירע יאָרן געווען גוטע.

אין ילקוט משלי ווערט דערציילט: מען האָט איינמאָל אויפ־געגראָבן א הייל פון מוראשקעס, האָט מען דאָרט געפונען דריי הונדערט קערץ מיט ווייץ, וועלכע זענען צונויפגעזאמלט גע־וואָרן דורך די מוראשקעס במשך פון דורות. הגם די מוראשקע לעבט נישט מער ווי זעקס חדשים און אויף איר באשפייזונג האָט זי גענוג אָנדערהאַלבן ווייץ א טאָג, ווערט זי דאָך נישט מיד צו זאמלען און צוצוגרייטן, אויס מורא, טאָמער וועט פלוצ־לונג געשען א נס און זי וועט לעבן גאָר לאנג...

אזוי איז אויך מיטן מענטש. ער באַגנוגנט זיך קיינמאָל נישט, און שטענדיק פעלט אים און איז נישט צופרידן...

✶

ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה — און אברהם איז געקומען צו באַקלאָגן שרה'ן און איר צו באוויינען. דער פסוק זאָגט נישט „לספודה", אזוי ווי „לבכותה" — נישט דערמאָ־נענדיק דעם נאָמען שרה. ווייל פריער רעדט זיך דאָך וועגן שרה'ן (ותמת שרה), איז דאָך שוין גענוג געווען צו זאָגן: ויבא אברהם לספודה: טאָ צי וואָס דערמאָנען איר נאָמען — לספוד לשרה? —

זאָגט אויף דעם הרב זעווין: אברהם איז געווען אומעטום באוווסט, אלס דער נשיא אלקים. ווען אברהם איז נפטר געוואָרן, האָבן זיך אלע גדולי הדור געשטעלט אין א שורה און געזאָגט: „ווי איז צו דער שיף וואָס האָט פארלוירן איר קאַפּיטאַן". דעריבער ווען די פרוי פון נשיא הדור איז נפטר געוואָרן, זענען געקומען אלע אָנגעזעענע לייט זיך צו באטייליקן אין צער פון

אברהם און צוליב זיין כבוד ווען האָבן זיי אַנטייל גענומען אין דער לוויה פון אונדזער מוטער שרה. אָבער אברהם אבינו האָט האָך גוט געוווּסט די גרויסע צדקות און לויטערע מעלות פון שרה׳ן, איז ער געקומען לספוד לשרה — צו באַקלאָגן די הימל דערהויבענע פּערזענלעכקייט פון שרה׳ן און נישט צוליבן כבוד פון עמעצן אַנדערש, נאָר צוליב שרה׳ן אליין...

✶

ויאמר אברהם אל עבדו וכו׳ — און אברהם האָט געזאָגט צו זיין קנעכט אליעזר, וואָס האָט געוועלטיקט איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן: — שווער מיר, אז דו וועסט נישט נעמען א פרוי פאַר מיין זון פון די טעכטער פון כנען.

דאָ מערקט זיך דער אונטערשייד פון אברהם׳ען און אַנדערע. ביי סתם א יידן איז ווען עס קומט צו פרומקייט, למשל כשרות, גלויבט איין יידן דעם צווייטן אויפן וואָרט. אָבער ווען עס האַנדלט זיך אין געלט זאכן, צום ביישפּיל א גמילת-חסד, דאַן פרעגט זיך שוין דער געבער גוט נאָך ווער דער לייער איז, און אפילו דאַן באַוואָרנט ער זיך מיט אלערליי באַוואָרענישן.

אברהם דאקעגן, האָט זיך געפירט גאָר פאַרקערט. אין געלט זאכן, האָט ער פולשטענדיק געטרויט דעם הויז פאַרוואלטער אליעזר. ער האָט אים געמאַכט פאַר דעם „מושל" איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן, אָן קיין שום באַוואָרענישן, אָן וועלכער עס איז גאַראַנטיע. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט צו באַוואָרענען, אז ער זאָל נישט נעמען פאַר יצחק׳ן א פרוי פון די טעכטער פון כנען, וואָס קען האָבן אַן עפעקט אויפן גאַנצן פאַמיליע לעבן, דאָ האָט ער שוין נישט געטרויט אליעזר׳ן אויפן וואָרט, נאָר ער האָט געפאָדערט פון אים א שבועה, א גאַראַנטיע, אז ער וועט דערפילן זיין פאַרלאַנג...

תולדות

ויקראו שמו עשיו. — זאָגט רש"י: הכל קראו לו כן" — אלע האָבן אים גערופן עשיו. דאַקעגן ביי יעקב'ן שטייט „ויקרא שמו יעקב" אָביו קרא לו יעקב — בלויז זיין פאָטער האָט אים גערופן יעקב. אלע זענען געווען פאַראינטערעסירט אין עשיו'ס נאָמען, און אין יעקב'ס נאָמען איז קיינער נישט פאראינטערעסירט געווען נאָר יצחק, ווייל שקר האָט אין זיך א צוציאונגס־קראַפט. ווען עשיו איז געבוירן געוואָרן האָבן אלע געוואוסט זיין נאָמען און האָבן אים גערופן עשיו.

אָבער אויף „אמת" דארף מען שוין האָבן מבינים. יצחק האָט באַלד דערקענט דעם אמת אין יעקב'ן, דעריבער איז ער געווען דער איינציקער וואָס האָט אים גערופן יעקב.

✶

ויגדלו הנערים — און די יינגלעך זענען אויפגעוואַקסן, איז עשיו געווען „איש יודע ציד, איש שדה" (צוויי מאָל איש). ער האָט געשפּילט א דאָפּלטע ראָל, פון איין זייט איז ער געווען „איש יודע ציד" א מאַן וואָס האָט געקענט מיט זיינע פאַלשע רייד פאַנגען מענטשן, געקענט אָפּנאַרן אפילו זיין אייגענעם טאַטן, זיך פאַרגעשטעלט פאר אים אלס אן ערלעכער גוט האר־ציקער מענטש און געוואָלט געבן מעשר אפילו פון שטרוי, און אין דער אמת'ן איז ער געווען אן „איש שדה" אווילדער פעלד־מענטש.

אָבער יעקב איז געווען „איש תם" א גאַנצער רעכטפאַרטי־קער מענטש, דער זעלבער אין הארץ און דער זעלבער פאר מענטשן „פיו ולבו שוין" דאָס וואָס ער האָט גערעדט מיטן מויל האָט ער אין הארצן געטראַכט...

✶

קום נא שבה ואכלה מצדי — הויב דיך אויף, איך בעט דיך, זעץ זיך, און עס פון מיין געפאַנג. אזוי האָט גערעדט יעקב, פול מיט איידלקייט, צום פאָטער. דאַקעגן עשיו, האָט א זאָג געטאָן: „יקום אָבי ויאכל" שטעל זיך אויף, טאַטע, און עס. — ווען עלטערן דאַרפן אָנקומען צו קינדער, איז אויב דאָס קינד איז איידל איז נאָך נישט אזוי שלעכט. ווען יעקב האָט געבראַכט די צוגעגרייטע שפּייז צו יצחק'ן, האָט ער אים געזאָגט: זיי נישט

געפאלן ביי זיך „כי הקרה ד׳ אלקיך לפני” דו עסט נישט מיינס, נאר דעם אויבערשטנס. אבער עשיו האט געזאגט: „יקום אבי ויאכל מציד בנו”, זאל דער פאטער אויפשטיין און עסן פון זיין זונ׳ס געפאנג. ער האלט אים אין איין דערמאנען, אז דאס עסט ער זיינ׳ס, דעם זונ׳ס...

★

אם תעשה עמנו רעה כאשר לא נגענוך. — דו זאלסט אונדז נישט שלעכט׳ס טאן אזוי ווי מיר האבן דיר נישט אנגערירט. די טענה פון אבימלך׳ן גילט ביזן היינטיקן טאג. אויב א רעגי־רונג פון וועלכן עס איז לאנד טוט יידן קיין שלעכטס נישט, האלט זי שוין דאס פאר א גרויסן חסד, מיט וועלכן זי הערט נישט אויף צו רימען זיך ביי יעדער געלעגנהייט.

אין — ילקוט שמעוני — ווערט געבראכט א משל: ביים לייב, דעם קעניג פון די חיות, איז אריין א ביין אין האלדז און ער האט אים געשטיקט. איז ער ארומגעלאפן איבערן וואלד און אויסגערופן מיט זיין ליב׳ן שטימע, אז דער וואס וועט ארויס־נעמען דעם ביין פון זיין האלדז, וועט גוט באלוינט ווערן. איז געקומען דער פויגל „קורא” און האט זיין לאנגן שנבאל אריינ־געשטעקט אין האלדז פון ליב און דעם ביין ארויסגעשלעפט. ווען דער פויגל האט געווארט פאר א באלוינונג פאר זיין גוטן טאט, האט דער ליב אויף אים א ברום געטאן: עס איז גענוג פאר דיר וואס דו האסט דיין שנאבל אין ליב׳ס האלדז געהאט און דו ביסט ארויס גאנץ, און דו ווילסט נאך א באלוינונג אויך?...

★

ויגדל האיש וכו׳ — און דער מאן (יצחק) איז געווארן רייך, און איז נאכאנאנד רייכער געווארן, ביז ער איז געווארן זייער רייך. געוויינלעך קען מען שטענדיק באמערקן ביי מענטשן וואס ווערן רייך, אז וואס מער עושר אלץ וויניקער „איש”, וואס העכער אין רייכטום, אלץ נידעריקער ווערן זיי אין מענטש־לעכקייט. ביי יצחק׳ן אבער, איז צוזאמען מיט „הלוך וגדל” — מיטן רייך ווערן, איז אויך „ויגדל האיש” איז ער אלס מענטש געוואקסן און געשטיגן...

צווישן די ברכות וואס יצחק האט געבענטשט יעקב׳ן, האט ער אים געבענטשט „הוה גביר לאחיך” — א גביר זאלסטו זיין „לאחיך” פאר דיינע ברידער. זאלן דיינע ברידער געניסן פון דיין רייכטום. נישט ווי עס פירן זיך לידער פיל יידישע גבירים, וועלכע גיבן די גרעסטע נדבות אויף כל׳ערליי נישט יידישע צוועקן, און פארגעסן גלייכצייטיק, אז קודם־כל דארפן זיי זיין גבירים „לאחיך” פאר זייערע אייגענע ברידער, פאר זייער אייגן פאלק און פאר זייער אייגן לאנד...

ויצא

ויצא יעקב וכו' — זאָגט אויף דעם רש"י: „יציאת צדיק מן המקום עושה רושם", דעם צדיק'ס אוועקגיין פון א פּלאַץ מאַכט אן איינדרוק. אויב אזוי, טאָ פאַרוואָס שטייט נישט אויך ביי אברהם אבינו דאָס לשון „ויצא" כדי צו לערנען, אז — דעם צדיק'ס אוועקגיין מאַכט אן איינדרוק? — זאָגט אויף דעם דער חתם סופר: יעקב איז געווען אין דער געזעלשאַפט פון יצחק'ן מיט רבקה'ן, וועלכע האָבן געפילט דעם חסרון פון יעקב'ס אוועקגיין האָט עס ביי זיי א רושם געמאַכט, דאַקעגן ביי אברהם'ען האָט זיין געצנדינערישע סביבה גאָרנישט געפילט דעם חסרון פון זיין אוועקגיין און עס האָט אויף זיי קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט...

לויט ווי עס ווערט געבראַכט אין מדרש, האָט מען געקענט מאַכן די רייזע פון באר-שבע ביז חרן, בלויז אין עטלעכע טעג, אָבער ביי יעקב'ן איז די לאַנגע אנדערש ווי ביי אלעמען. „ויפגע במקום", אז יעקב וויל ערגעץ אָנקומען, מוז ער זיך פריער גוט אָנפּלאָגן, ער ווערט באַפאַלן פון אלערליי פגעים רעים, וואָס שטערן אים צו דערגרייכן זיין ציל. „וילן שם" ער האָט דורכגע-מאַכט פינצטערע נעכט. אזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט אין זיין אייגן לאַנד, האָט פאַר אים די זון שטענדיק געשיינט, אָבער ווי ער האָט נאָר פאַרלאָזן זיין לאַנד איז „בא השמש" גייט פאַר אים אונטער די זון, און זיין וועג ווערט פאַרטונקלט און פול מיט שוועריקייטן, אזוי, אז די קורצע רייזע פון עטלעכע טעג, האָט געדויערט גאַנצע פערצן יאָר...

✶

והיה זרעך כעפר הארץ — און דיינע קינדער וועלן זיין אזוי ווי די שטויב פון דער ערד. ר' צבי הירש קאַלישער האָט געזאָגט: דער גלות האָט געמאַכט פון די יידן אזוי ווי די שטויב פון דער ערד. כאָטש מען האָט גרויסע נוצן פון דער ערד, דאָך טרעט מען אויף איר. יידן האָבן שטענדיק ביי געטראָגן צו דער אנט-וויקלונג פון יעדן לאַנד, ווו זיי האָבן געוווינט, און דאָך ווערן זיי פאַרפאָלגט. אָבער פונקט ווי די ערד לעבט איבער אלץ און אלעמען, אזוי וועט אויך דער ייד אלץ איבערלעבן און בלייבן שטענדיק אין עקזיסטענץ...

ווען ר' משה מאָנטעפיאָרע, האָט באַזוכט ווילנע, זענען אים געקומען זען פאַרשידענע דעלעגאַציעס, יידישע און נישט יידישע,

און אלעמען האָט ער זייער שיין און פיין אויפגענומען, אויסער איין דעלעגאציע, וואָס אין איר האָט זיך באַטייליקט א משומד, האָט ר׳ משה נישט געוואָלט אויפנעמען. די קריסטן האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט: ווי פּאַסט דאָס פאר אזא גרויסע פערזענלעכ-קייט ווי ר׳ משה, אזא האנדלונג?—האָט מאָנטעפיאָרע זיי געגעבן צו דערקלערן: די פעלקער פון דער וועלט זענען געגליכן צו וואַ-סער, די יידן זענען געגליכן געוואָרן צו זאמד, וואסער באזונדער איז זייער א גוטע זאך. זאמד איז אויך זייער גוט פאר זיך, אָבער אויב מען נעמט וואסער און מען שפּריצט אויף דעם זאמד, ווערט דערפון א בלאָטע, און בלאָטע האָב איך נישט ליב...

✶

ויהיו בעיניו כימים אחדים באהבתו אותה — יעקב האָט געאַרבעט פאר רחל׳ען זיבן יאָר, און ער האָט זי אזוי שטאַרק ליב געהאַט, אז די זיבן יאָר זענען געווען, אין זיינע אויגן ווי בלויז עטלעכע טעג.

איינגנטלעך איז א פּראַגע: געוויינלעך איז עס דאָך פאַר-קערט, ווען א מענטש וואַרט אויף א זאך וואָס איז אים זייער טייער, אָדער אויף א מענטשן וואָס איז אים זייער ליב, איז יעדער טאָג א יאָר, און ביי יעקב׳ן איז גאָר געווען א יאָר א טאָג? — דערויף איז פאַראַן צוויי ענטפערס:

1) יעקב האָט אזוי שטאַרק ליב געהאַט רחל׳ען, אז דער תנאי פון דינען לבן׳ען זיבן יאָר איז ביי אים געווען אזא בילי-קער פּרייז, גלייך ווי ער וואָלט פון אים פאַרלאַנגט, אז ער זאָל אים דינען בלויז עטלעכע טעג.

2) דער שטייגער פון דער וועלט איז, אז וואָס לענגער פאַר-ליבטע זענען צוזאַמען, אַלץ מער ווערט די ליבע אָפּגעקילט, מיט דער צייט ווערט די ליבע שוואכער און שוואכער ביז עס ווערט צייטנווייז איגנאַנצן אויסגעוועפּט. אָבער די ליבשאַפט צווישן יעקב׳ן און רחל׳ען איז געווען אזוי שטאַרק, אז נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען מיט איר אין איין הויז צוזאַמען, גאַנצע זיבן יאָר, איז עס געווען אין זיינע אויגן ווי בלויז עטלעכע טעג...

וישלח

די סדרה, וישלח, דערציילט אונדז, אז נאָכדעם ווי יעקב האָט פאַרלאָזן זיין שווער לבן, און האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיין משפחה און פאַרמעגן צוריק אהיים, איז „וישלח יעקב מלאכים" — האָט יעקב געשיקט שליחים צו עשו'ן, זיי זאָלן אים זאָגן צוערשט, אז „ויהי לי שור וחמור" — אז ער איז רייך.

ווייל שיקנדיק אַ גרוס צו עשו'ן, האָט יעקב פאַרשטאַנען, אז עשו וועט געוויס ביי זיך טראַכטן: — אויב אַ ברודער שיקט אַ גרוס, איז מסתמא דאַרף ער פון מיר עפּעס אַ טובה'לע, אַן אונטערשטיצונג. האָט ער דעריבער באַפוילן די שליחים זיינע, אז באַלד ביי די ערשטע ווערטער זאָלן זיי אים זאָגן, אז ער איז ב"ה אַ פאַרמעגלעכער מענטש וואָס דאַרף חלילה צו קיינעם ניט אָנקומען...

רש"י זאָגט, אז יעקב האָט געשיקט „מלאכים ממש" — אמתע מלאכים. ווייל יעקב האָט געצווייפלט צי עשו וועט איינשטימען צו שליסן אַ שלום מיט אים, דאַן דאַרף מען דאָך רעדן מיט אים געלאַסענע און פריינטלעכע ווערטער, אָדער ער וויל דווקא אַ מלחמה, דאַן מוז מען שוין אים געבן צו וויסן יעקב'ס כח און גבורה, אז אויב ער האָט זיך געקענט אַן עצה געבן מיט לבן'ען, וועט ער אים אויך קענען בייקומען. דעריבער האָט ער געמוזט שיקן אַזעלכע שליחים, מלאכים, וואָס זאָלן זיך קענען אויף עשו'ס מחשבות און קענען צו יעדער צייט צופּאַסן זייער ראָלע און זייער אַרט רעדן צו דער סיטואַציע, צי אין גוטן אָדער אין בייזן...

✶

„הצילני נא מיד אחי מיד עשו"

די חז"ל גיבן אַ משל: ווען דיביימער אין וואַלד האָבן דערהערט דעם קלאַנג פון אייזן, וואָס מען האָט אין וואַלד אַריינגעפירט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו ציטערן: — ווי צו אונדז, מען גרייט זיך געוויס אונדזערע יונגע לעבנס אונטערצושניידן... רופט זיך אָן איין בוים צו די איבעריקע ביימער און זאָגט: — אויב דאָס זענען בלויז אייזנס אָן הילצערנע הענטלעך, האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן. מיט אַ בלויזן אייזן קען מען קיין בוים נישט אונטערהאַקן. שלעכט איז נאָר, אויב דער אייזן איז באַהאָפטן מיט אַזעלכעס, וואָס שטאַמט פון אונדזער אייגענעם מין, מיט אַ הילצערנעם הענטל...

ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט בלויז אין „הצילנו נא מיד עשו", וואָלט האָס אומגליק נישט געווען אַזוי גרויס. ער־גער איז אַז ווען צו „יד עשו" איז צייטנווייז אויך צוגעטשע־פּעט אַ „יד אחי" אַ הענטל פון אייגנעם מין, אַ הענטל פון „אחי"...

✶

ווען יעקב האָט געהאַלטן ביים אַריבערגיין דעם טייך יבוק, האָט אים באַגעגנט אַ מלאך און אָנגעהויבן זיך צו ראַנגלען מיט אים. דערויף איז פאַראַן צוויי מיינונגען אין דער גמרא. איין מיינונג איז, אַז „כגוי נדמה לו" — דער מלאך האָט זיך באַוויזן צו יעקבן אין געשטאַלט פון אַ גוי. אַ צווייטער מיינונג איז, אַז „כתלמיד חכם נדמה לו" — אַז ער האָט זיך באַוויזן צו אים אין געשטאַלט פון אַ תלמיד־חכם. וואָס איז אייגנטלעך דער זין פון דער אומפאַרשטענדלעכער מיינונגס־פאַרשידנהייט? — נאָר חער חתם־סופר דערקלערט אויף פאָלגנדיקן אופן: די חז"ל זאָגן, אַז יעקב איז באַגאַנגען צוויי זינד. די ערשטע זינד, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט צוויי שוועסטער. און דאָס האָט ער געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אין חוץ־לארץ האָט ער דעם דין פון אַ בן־נח, פון אַ גוי, וואָס איז נישט פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט צוויי שוועסטער (אַ באַווייז: ווי נאָר יעקב איז אָריינגעקומען אין ארץ־ישראל, איז רחל אויפן וועג געשטאָרבן). די צווייטע זינד איז, וואָס אין די צוואַנציק יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי לבנען, און פערצן יאָר אין דער ישיבה פון שם ועבר, האָט ער נישט מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב ואם.

אַ תלמיד־חכם וואָס איז עוסק אין תורה איז פטור פון דער דאָזיקער מצוה. באַשטעטיט אַלזאָ, די מיינונגס־פאַרשידנ־הייט אין דעם: פאַר וועלכע זינד איז יעקב באַשטראָפט גע־וואָרן, אַז דער מלאך זאָל זיך מיט אים ראַנגלען. איין מיי־נונג איז, אַז פאַר די זינד פון „כגוי נדמה לו", וואָס יעקב האָט אָנגעווענדעט אויף זיך דעם דין פון אַ בן־נח. די צווייטע מיינונג איז, אַז די שטראָף איז געווען פאַר דעם חטא פון „כתלמיד חכם נדמה לו" — וואָס יעקב האָט זיך באַטראַכט אַלס תלמיד־חכם און דערפאַר נישט מקיים געווען די מצוה פון כבוד אב ואם...

✶

עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי — מיט לבן'ען האָב איך געוווינט, אָבער די זעקס הונדערט און דרייצן מצוות האָב איך אָפּגעהיט. יעקב האָט געשיקט זאָגן עשיו'ן: דו זאָלסט זיך ניט

וואנדערן וואָס, כאָטש איך האָב געוווינט מיט לבן'ען גאַנצע צוואַנציק יאָר און „גרתי", בין איך געבליבן א „גר", א פרעמ-דער. דאָס איז דערפאַר, ווייל „ותרי"ג מצוות שמרתי", ווייל איך בין א ייד פאַרבליבן, און א ייד, ווי לאַנג ער זאָל נישט וווינען אין א לאַנד, איז ער אַלץ א פרעמדער, א גר...

דער בעש"ט איז אַמאָל געגאַנגען פון מקוה, זענען פונקט אַדורכגעגאַנגען עטלעכע מוסולמענער, האָט ער מורא געהאַט, אז זיי זאָלן אים נישט אָנרירן. אין דעם הערט ער, ווי איינער זאָגט צום צווייטן: „זיי נאָר פאָרזיכטיק, אז דער דאָזיקער ייד זאָל דיך נישט אָנרירן, ווייל ער וועט דיך מטמא זיין"...

האָט דער בעש"ט געזאָגט, אז דאָס איז די דערקלערונג צום פסוק (במדבר כ"ג) „הן עם לבדד ישכון" — דאָס וואָס א ייד קען בלייבן ביי זיין אייגנאַרטיקייט און הייליקייט, טראָץ דעם וואָס ער געפינט זיך כסדר צווישן אַנדערע פעלקער, איז נאָר צוליב דעם, ווייל „ובגויים לא יתחשב", ווייל ער האָט ביי די פעלקער קיין שום חשיבות נישט, און זיי ווילן גאָרנישט זיך חבר'ן מיט יידן...

✶

ואת אחד עשר ילדיו — ווען יעקב איז געגאַנגען באַגע-גענען עשיו'ן האָט ער אויך גענומען זיינע עלף קינדער. פרעגט דער מדרש, יעקב האָט דאָך שוין דאַן געהאַט צוועלף קינדער (איינגעשלאָסן דינה) אזוי אַרום דערשיינט די פראַגע: „ודינה היכן היתה?" וווּ איז יעקב'ס טאָכטער דינה, דאַן געווען?

— ענטפערט דער מדרש: — יעקב האָט באַהאַלטן דינה'ן אין א קאַסטן, עשיו זאָל זי נישט זען. איז אייגנטלעך א פראַגע, פון וואַנען דרינגען די חז"ל, אז דינה האָט געפעלט, און נישט איינער פון די זין?

— ענטפערט דער ווילנער גאון דערויף אזוי: דער מדרש זאָגט, אז דער בית-המקדש איז געבויט געוואָרן אין בנימין'ס חלק, ווייל בנימין האָט זיך נישט געבוקט צו עשיו'ן, ווייל בנימין, איז נאָך דאַן אויף דער וועלט נישט געווען. איז דערפון געדרונגען, אז דינה האָט געפעלט. ווייל, ווען איינער פון די זין וואָלט געווען געפעלט, און ער האָט זיך נישט געבוקט צו עשיו'ן, איז פאַרוואָס האָט גראָד בנימין זוכה געווען, אז דער בית-המקדש זאָל געבויט ווערן אין זיין טייל און נישט ביי דעם זון...

✶

אויפן וועג קיין אפרת, איז די מוטער רחל געשטאָרבן, ביים געבוירן בנימינ'ען. זאָגט די תורה: „ויהי בצאת נפשה כי מתה" רחל'ס נשמה איז אויסגעגאַנגען, ווייל זי איז געשטאָרבן. אייגנט-

לעך איז א פראגע, צו וואס א טאפלטער לשון, געווים, אויב די נשמה גייט ארוים איז מען געשטארבן? — נאר עס איז דא צווייערליי שטארבן, איינער שטארבט מיט דער נאטור, ער ווערט אלט, די אויגן ווערן טונקל, די אויערן טויב, דער קערפער ווערט שוואך, דאס בלוט קאלט, ווערט ער אלע טאג נענטער צום טויט, ביז ער שטארבט אינגאנצן, פונקט ווי א לאמפ וואס ברענט, אז די נאפט ווערט ווייניק, ווערט דער פייער טונקעלער און טונקעלער ביז עס ווערט אינגאנצן פארלאשן. און אויב דער קערפער ווערט שוואך און קען נישט דערהאלטן אין זיך די נשמה, גייט די נשמה ארוים פון אים, אזוי ווי איינער וואס האלט א כלי אין האנט און ווערט אנטשלאפן פאלט די כלי ארוים פון זיין האנט, ווייל די הענט זענען שוואך געווארן.

עס איז אבער דא, נאך א סארט טויט, ווען דער מענטש איז אין זיינע בעסטע יארן פון לעבן, האט נאך כח צום לעבן, פיל יארן, און דער אויבערשטער האט ארויסגעצויגן זיין נשמה מיט שטארקייט, פונקט ווי א מענטש קומט אין וואלד מיט א גרויסער האק און האקט אפ א שטארקן, געזונטן בוים. אזעלכעס האט פאסירט ביי אונדזער מוטער רחל, זי איז נאך יונג געוועזן און דער אויבערשטער האט ארויסגעצויגן איר נשמה. אט דאס זאגט דער פסוק „בצאת נפשה”, די נשמה איז פון איר ארויסגעגאנגען, „כי מתה”, ווייל זי איז געשטארבן מיט א פלוצלינגדיקן טויט, נישט נאטירלעך.

דעריבער האט זי גערופן דאס קינד „בן אוני” — דער זון פון מיין פיין, אלס א צייכן, אז זי איז אוועקגעגאנגען פון דער וועלט, נאך זייענדיק אין די בעסטע יארן פון איר לעבן. יעקב האט אבער נישט געוואלט, אז דער טרויעריקער אנדענק זאל פארבלייבן, און זיין קינד זאל אויפגעבראכט און דערצויגן ווערן פאראומערט און פארביטערט, האט ער אים גערופן בנימין...

וישב (חנוכה)

וישב יעקב, און יעקב האט זיך באזעצט אין דעם לאנד פון זיינע עלטערן און געוואלט זיצן בשלום, אין רואיקייט, ווייל דאס גאנצע לעבן האט ער געפירט מלחמות מיט שלעכטע רוחות, צי דאס איז געווען אין פארם פון א לבן, אדער אין א געשטאלט פון א עשיו. איצט אויף דער עלטער האט ער שוין געוואלט זיצן א ביסעלע רואיק. זאגט דער אייבערשטער: נישט גענוג פאר די צדיקים די אנגעגרייטע עולם-הבא, אייביקע רו, נאר זיי ווילן נאך אויך געניסן פון עולם הזה?... איז „קפץ עליו רוגזו של יוסף", רוקט זיך אים אונטער די שרעקלעכע טראגעדיע מיט זיין זון יוסף...

די גמרא זאגט: „לעולם אל ישנה אדם בנו מן הבנים", מען טאר נישט מאכן אן אונטערשייד צווישן קינד און קינד, נאר ליב האבן אלע גלייך. יעקב אבינו האט געהאט א בכבודיקע משפחה און אן אידיליע האט געהערשט אין שטוב, נאר איין חסרון: יעקב האט ליב געהאט יוסף'ן מער פון זיינע ברידער. דאס האט פארדראסן די אנדערע ברידער און זיי האבן אנגעהויבן פיינט האבן יוסף'ן און דאס איז געווען דער אנהויב פון דער יידישער טראגעדיע...

די חז"ל זאגן, אז דער בעסטער פון די אבות איז געווען יעקב. אברהם, האט געהאט א זון ישמעאל, יצחה, האט געהאט א זון עשיו, ביי יעקב'ן אבער, אלע זיינע קינדער זענען געווען צדיקים. שטעלט זיך א פראגע: ווי קומט עס, אז אזעלכע גוטע קינדער זאלן האנדלען אזוי שלעכט קעגן אן אייגענעם ברודער? — אלס ענטפער וויל איך באנוצן א פאסירונג אין אמאליקן „וואלאזשין":

דער נצי"ב (ר' נפתלי צבי יהודה בערלין) און ר' יאשע בער בריסקער, ביידע ראשי ישיבה אין וואלאזשין, האבן נישט גע-לעבט בשלום צווישן זיך, יעדן טאג זענען געווען סכסוכים צווישן זיי. דער נצי"ב איז געווען א „פשט'ן", ער האט געהאלטן פון בקיאות און פשט. דאקעגן ר' יאשע בער, דער „חריף" האט גע-לייגט מער געוויכט אויף חריפות.

די ישיבה לייט האבן זיך אויך צעטיילט אין צוויי גרופן, איין טייל האט זיך גרופירט ארום דעם נצי"ב, און דער צווייטער טייל ארום ר' יאשע בער, און פון טאג צו טאג האט זיך די מחלוקה מער צעפלאקערט. האט מען אראפגעבראכט אייניקע גדולי-הדור, ווי ר' יצחק אלחנן, ר' טעבעלע מינסקער, ר' יאסעלע

סלוצקער און ר׳ וועלוועלע דער ווילנער שטאָט מגיד, זיי זאָלן זען שלום מאַכן צווישן די צוויי ראשי ישיבה.

זיצן די רבנים און קלערן וועגן עפּעס א שטיקל פּשרה. רופט זיך אָפּ ר׳ וועלוועלע פון ווילנע: איך פאָר אהיים רבותי, ווייל ביי מיר גייט איצט די סדרה „וישב". „וואָס הייסט, רופן זיך אלע אָפּ, מיר לייענען דאָך גאָר דעם שבת פּ׳ פינחס"? — איך וועל אייך זאָגן, ענטפערט זיי ר׳ וועלוועלע, מיין וועג אין דרוש איז שטענדיק, אוועקצושטעלן דעם צדיק, דעם גוטן מענטש אַנטקעגן דעם רשע דעם שלעכטן, און באווייזן די רעכטפאַרטיקייט פון צדיק און די שלעכטסקייט פון רשע.

אין אלע סדרות פון בראשית האָב איך געפונען די צוויי קעגנזאַצן. אין „בראשית" קין מיט הבל׳ן, אין „נח": נח מיטן דור המבול, אין „לך לך": אברהם מיט פּרעה׳ן, אין „וירא": אברהם מיט סדום אאַ"וו. איז אין אלע סדרות האָב איך פאר זיך א צדיק מיט א רשע, מאך איך גערעכט דעם צדיק און באשולדיק דעם רשע.

אָבער ווען איך קום צו דער סדרה „וישב", ווו עס ווערט דערציילט די געשיכטע פון יוסף׳ן מיט זיינע ברידער, געפין איך זיך אין א פארלעגנהייט: מיט וועמען זאָל איך האלטן? ביידע צדדים זענען דאָך צדיקים גמורים...

ווען איך וואָלט געדאַרפט אורטיילן צווישן דעם נצי"ב און אן אנדערן, אָדער צווישן ר׳ יאָשע בער און אן אנדערן, וואָלט איך שוין געוווסט וועמען גערעכט צו מאַכן. גיי, אָבער, אורטייל צווישן אזעלכע פערזענלעכקייטן? ... — לאָמיר בעסער פאָרן אהיים.

דאָס זעלבע אויך דאָ צווישן יוסף׳ן מיט זיינע ברידער. עס איז שווער צו אורטיילן די דעמאָלסדיקע פאַרעהעלטעניש. די חז"ל זאָגן: אז דאָס איז געווען מן השמים, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם צוזאָג וואָס דער אייבערשטער האָט געגעבן צו אברהם׳ען, אז מיר וועלן זיין אן אויסדערוויילט פאָלק, האָט ער אונדז געמוזט לייטערן מיט שיקן אין גלות. ווען נישט די פּאַרסירונג מיט יוסף׳ן, וואָלט קיין גלות מצרים נישט געווען און „מתן תורה" וואָלט נישט געקענט צושטאַנדקומען. יהודה, וואָס האָט פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן יוסף׳ן קיין מצרים, האָט זוכה געווען, אז פון אים איז ארויסגעקומען דוד המלך.

✶

וישב יעקב וכו׳ — בקש יעקב לישב בשלוה — יעקב האָט שוין געוואָלט זיצן רואיק, אין זיין אייגן לאַנד, זיך אָפּגעבן מיט דער לערע פון זיינע עלטערן און פאַרשפּרייטן צווישן די ארומיקע שכנים די אידעע פון ג—ט. „קפץ עליו רוגזו של יוסף" קומט אים אונטער די טראַגעדיע מיט זיין זון יוסף.

אין דער געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברידער, שפיגלט זיך אָפּ דער שיקזאַל פון יידישן פאָלק אין די טויזנטער יאָרן פון זיין עקזיסטענץ. שטענדיק איז אים אויסגעקומען צו ליידן מער פון דער צעשפּליטערטקייט פון זיינע אייגענע ברידער ווי פון די אויסערלעכע שונאים.

יעקב'ן איז אויסגעקומען צו קעמפן קעגן אַזעלכע בלוטיקע שונאים ווי עשיו און לבן, דער קאַמף איז געווען זייער א לאַנ-גער, אָבער זיין מוט און אויסדויער האָט אים געהאָלפן ענדלעך זיי צו באַזיגן. די הויפּט צרות זענען אָבער געקומען פון זיינע אייגענע. שוואַך און הילפלאָז איז נעבעך יעקב געבליבן קעגן די קנאה און שנאה וואָס האָט געהערשט צווישן זיינע אייגענע קינדער, און האָט ליידער מיטגעווירקט און געבראַכט צום שרעק-לעכן גלות מצרים...

ירמיהו הנביא זאָגט: (איכה א') „היו צריה לראש", דער-פאַר האָבן אונדזערע פיינט אונדז באַזיגט, ווייל זיי זענען אַלע געווען פאַראייניקט קעגן אונדז, אונטער דער אָנפירונג פון איין „ראש", וועלכן אַלע זענען געווען געהאָרכזאַם, מיר אָבער, זענען ליידער אין דער צייט פון חורבן געווען צעטיילט אויף פאַרשידענע גרופּעס, אונטער פאַרשידענע — ראשים — וועלכע האָבן זיך איינער דעם צווייטן באַקעמפט, און דאָס איז געווען די הויפּט-סיבה פון אונדזער טראַגעדיע...

✶

מתתיהו מיט זיינע קינדער ווערן אָנגערופן „חשמונאים". וועגן דער באַדייטונג פון וואָרט „חשמונאים" זענען פאַראַן פאַר-שידענע דערקלערונגען. איך וויל בערנגען בלוז צוויי פון זיי: 1) אין תנ"ך (יהושע ט"ו) ווערט דערמאָנט אן אָרט אין דער נחלה פון שבט יהודה מיטן נאָמען „חשמון" און זיי האָבן וואַרשיינלעך פון דאָרט געשטאַמט; 2) חשמונאי, איז א צוזאַמענשטעל פון די ראשי-תיבות: חדש, שבת, מילה, נידה, אישות, און איז מרמז אויף די גזירות וואָס די יונים האָבן דאַן גוזר געווען אויף די יידן.

דער נס פון חנוכה ווערט בכלל נישט דערמאָנט אין דער משנה. ווייל: זאָגט דער חתם-סופר, ר' יהודה הנשיא, וועלכער האָט מסדר געווען די משנה, האָט געשטאַמט פון „מלכות-בית-דוד" און דער נס פון חנוכה איז געשען דורך די חשמונאים, וועלכע האָבן נאָכן נצחון פאַרכאַפּט די מלוכה, טראָץ דעם, וואָס זיי זענען דערצו נישט באַרעכטיקט געווען, ווייל זיי זענען נישט געווען פון בית-דוד. דעריבער האָט ער אין דער משנה נישט דער-מאָנט דעם יום-טוב חנוכה...

ווי באַוווסט, האָבן די חשמונאים געהערשט אין יהודה איבער הונדערט יאָר, און אין דער צייט פון הורדוס דעם ערשטן

(ארום 105 יאָר פאַרן חורבן בית שני), איז קיינער נישט געבליבן פון די חשמונאים (ב"ב ז').

זאָגט דערויף דער רמב"ן: דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין גוטן סוף, כאָטש זיי האָבן מקדש השם געווען, ווייל זיי האָבן עובר געווען אויף דער ברכה פון יעקב'ן, וואָס ער האָט געזאָגט „לא יסור שבט מיהודה" (בראשית מ"ט) — אַז מלכות ביי יידן געהערט נאָר צום שבט יהודה, און די חשמונאים האָבן צוגענומען די ממשלה פאַר זיך...

זאָגט אויף דעם ר' שמחה זיסל פון קעלם זצ"ל: אויב, אזא שווערע שטראָף קומט דעם, וואָס איז עובר אויף דער ברכה פון יעקב'ן, אפילו ווען ער האָט מקדש השם געווען. הייסט וואָס פאַרא שטראָף קען שוין קומען דעם וואָס איז עובר אויף דער ברכה פון אויבערשטן אליין, און מכל-שכן אויף א קללה פון אויבערשטן, און ווער רעדט נאָך, אז איינער איז מחלל השם און נישט מקדש־השם...

די באַדייטונג פון נאָמען „מכבי" איז געוויינלעך אָנגענומען, אז דאָס זענען די ערשטע אותיות פון „מי כמוך באלים ד'" וואָס דאָס איז אויך געווען דער עמבלעם פון די מכבים. עס איז אָבער פאַראַן נאָך א מיינונג, אז דאָס וואָרט מכבי — מיינט די ערשטע אותיות פון — מתתיהו כהן בן יוחנן — דער נאָמען פון פאָטער פון די מכבים...

מ ק ץ (חנוכה)

ויהי מקץ שנתים ימים — און עס איז געווען ביים סוף פון צוויי יאָר, נאָך דער באַפרייאונג פון שר־המשקים — ופרעה חולם — און פּרעה האָט גע'חלום'ט, אין איין נאַכט צוויי חלו־מות, וועלכע האָבן אים שטאַרק באַאומרואיקט, ווייל אַלע זיינע קלוגע לייט האָבן אים נישט געקענט אויסטייטשן די חלומות.

האָט דער שר־המשקים דערציילט פּרעהן, אַז אין תפיסה זיצט אַ יידישער יונגערמאַן, און ער איז אַ גרויסער קענער אין באַשיידן חלומות. פּרעה האָט געשיקט נאָך יוסף'ן און יוסף האָט אויסגעטייטשט, אַז אין מצרים וועלן זיין זיבן פעטע יאָרן און גלייך דערנאָך זיבן יאָר פון הונגער. ער האָט אויך געראָטן פּרעה'ן ער זאָל באַשטימען אַ קלוגן און פאַרשטענדיקן מאַן, וועמענס אויפגאַבע עס זאָל זיין אָנצוזאַמלען גענוג שפּייז אין די זיבן גוטע יאָר, אַז עס זאָל אויך גענוג זיין פאַר די זיבן הונגער יאָרן.

איז אייגנטלעך אַ פראַגע: פּרעה האָט נאָר גערופן יוסף'ן פּותר־חלום צו זיין, אָבער נישט געבן עצות, טאָ ווי פאַלט איין יוסף'ן אים עצות צו געבן? — נאָר דער ענטפער איז: יוסף האָט מורא געהאַט, אַז די חרטומים און ראַטגעבער פון פּרעה'ן זאָלן נישט סאַבאָטירן זיין „באַשיידונג" און אויסלאַכן אים, האָט ער דעריבער געראָטן פּרעה'ן, אַז ער זאָל זוכן אַ קלוגן און פאַרשטענדיקן מאַן, כדי יעדער פון זיי זאָל זיין זיכער ביי זיך און מיינען, אַז דאָס וועט מען געוויס אים באַשטימען אויפן דאָזיקן אַמט, ווייל יעדער פון זיי האָט דאָך געהאַלטן, אַז נאָר ער איז דער ריכטיקער „נבון וחכם" און אַזוי איז טאַקי געווען: ווי נאָר יוסף האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער, איז — ויטב הדבר וכו' — האָבן זיי אַלע דערויף מסכים געווען אָן אויסנאַם...

✶

עס ווערט דערציילט: אַז צום „נודע ביהודה" זענען איינמאָל געקומען פאַר אַ דין תורה צוויי רייכע לייט, וועלכע זענען געווען שכנים. אַזוי ווי אַ מוזיקאַנט האָט געשפּילט זייער אַ שיינעם ניגון אין דעם הויף, וועלכער איז צווישן זייערע ביידנ'ס הייזער, און יעדער פון זיי האָט גע'טענה'ט, אַז פון זיין כבוד וועגן האָט דאָס דער מוזיקאַנט געשפּילט... פאַרשטייט זיך, אַז יעדער פון זיי האָט גאַנץ פיין באַפרידיקט דעם „נודע־ביהודה" פאַר זיין טרחה. — דער אמת איז, האָט דער „נודע־ביהודה" געזאָגט, אַז דער מוזיקאַנט האָט נאָר געשפּילט פאַר מיינעטוועגן...

דאָס זעלבע דאָ אויך: פרעה האָט געמיינט, אז אויב מען באַווייזט אים אזא וויכטיקן חלום, איז ער זיכער אַ וויכטיקער מענטש אין הימל. די חרטומים ווידער האָבן געמיינט, אז דער חלום איז פון זייערטוועגן. אָבער יוסף האָט פארשטאַנען, אז דער חלום איז פון זיינערטוועגן. האָט ער געזאָגט: „ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם" — ווייל דאָס איז דאָך דער גאַנצער ציל און תכלית פון חלום... פרעה, האָט ווארשיינלעך פארשטאַנען די טיפקייט פון יוסף'ס רייד, האָט ער געזאָגט: קיין קלוגערער פאר דיר איז נישט פאַראַן...

✶

ויקרא פרעה שם יוסף צפנת-פענח — און פרעה האָט גערופן דעם נאָמען פון יוסף'ן צפנת-פענח. פרעה האָט געטוישט דעם נאָמען פון יוסף'ן, נישט ווילנדיק, ווי עס ווייזט אויס, האָבן אַ הויפט-מיניסטער מיט אַ יידישן נאָמען, אָבער יוסף — דערציילט אונדז ווייטער דער פסוק — האָט דעם נייעם נאָמען נישט אָנגענומען און — ויצא יוסף על ארץ מצרים — ער האָט זיך ווייטער גערופן מיט זיין אַלטן יידישן נאָמען, און דער נאָמען „צפנת-פענח" ווערט מער נישט דערמאָנט.

עס האָט אַמאָל איינער שטאַרק געזאָרגט, וואָס וועט זיין אין די גלות-לענדער מיט די יידישע נעמען? — אז מען קוקט זיך צו, צו די פירונגען פון די נייע דורות, וועלכע גיבן זייערע קינדער לויטער נישט יידישע נעמען, איז אַ געפאַר, אז אין אַ דור צוויי אַרום וועט דער אַלטער יידישער נאָמען אינגאַנצן פאַרשווינדן.

האָט איינער אַ קלוגער מאַן, צו אים אזוי געזאָגט:—אוודאי וואָלט בעסער געווען ווען יידן וואָלטן גערופן זייערע קינדער מיט עכט יידישע נעמען. אָבער זאָגן וועל איך אייך, אז דאָס איז נישט דער עיקר. — וואָס זשע דען איז דער עיקר? — פרעגט דער צווייטער. — איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה — האָט דער קלוגער מאַן געזאָגט:

אַמאָל איז משה-רבינו מיט אליהו-הנביא געקומען אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט ניו-יאָרק. הערן זיי ווי איין ייד זאָגט צום צווייטן: מאָיזעס, קום נאָר אהער, — וואָס ווילסטו עליק? — ענטפערט אים דער צווייטער. זענען ביידע משה-רבינו מיט אליהו-הנביא, צוריק ארויף אין הימל און זיך גענומען קלאָגן פאַרן אויבערשטן, אז די יידן אין ניו-יאָרק רופן אונדז מיט פרעמדע נעמען.

האָט דער אויבערשטער זיך צעשמייכלט, זיי רופן אייך מיט פרעמדע נעמען? און וואָס זאָל איך שוין זאָגן, ווען מיך רופן זיי אינגאַנצן נישט?... איר פאַרשטייט — האָט פאַרענדיקט דער קלוגער מאַן — די צרה איז נישט אין די פרעמדע נעמען, די

צרה איז אין דעם וואָס דער עיקר פון יידישקייט איז זיי פרעמד געוואָרן...

✶

די סדרה „מקץ" ווערט שטענדיק געלייענט שבת - חנוכה, ווייל דער נס פון חנוכה, וועלכער איז באַשטאַנען פון „מסרת גבורים ביד חלשים", אַז ג—ט האָט איבערגעגעבן די שטאַרקע אין די הענט פון שוואַכע, איז שטאַרק ענלעך צו פרעה'ס חלום פון „ותאכלנה הפרות רעות המראה, את שבע הפרות יפות המראה והבריאות", די דאַרע אויסגעמאָגערטע קי האָבן אויפגעגעסן די זיבן געזונטע און פעטע, און די זיבן דינע זאַנגען האָבן איינגעשלונגען די זיבן פולע זאַנגען.

✶

דער „בית-יוסף" פרעגט: פאַרוואָס פייערן מיר אַכט טעג חנוכה, דער נס איז דאָך נאָר געווען זיבן טעג, ווייל אויפן ערשטן טאָג איז דאָך אין קריגעלע געווען גענוג בוימאייל? — אין ספר „קומץ-המנחה" ווערט געבראַכט אַן ענטפער מיט אַ משל:

א רייכער סוחר איז אַמאָל געפאָרן קיין לייפציק אויף אַ יריד און ער האָט געהאַט ביי זיך אַכט זעקעלעך מיט גאָלדענע רענדלעך; אויפן וועג זענען אים באַפאַלן גזלנים, וועלכע האָבן פון אים צוגערויבט דאָס געלט, נאָר דורך אַ נס האָבן זיי איין זעקעלע מיט גאָלד נישט דערזען און עס איבערגעלאָזן.

קומענדיק צו אַ נאָענטן ישוב, האָט ער געדונגען אַ גרופע פויערים, זיי זאָלן נאָכיאָגן די גזלנים און ער האָט אַ נדר געטאָן, אַז אויב דער אויבערשטער וועט אים העלפן און ער וועט אָפּראַטעווען זיין געלט, וועט ער דערפון אַראָפּגעבן מעשר (אַ צענט'חלק) אויף צדקה.

זיין געבעט איז דערהערט געוואָרן און אַ פריילעכער איז דער סוחר אַהיימגעפאָרן מיט זיין געלט. גלייך זענען געקומען צו אים די גבאים פון צדקה איינצוקאַסירן דעם צוגעזאָגטן מעשר, און דאָ איז אַנטשטאַנען אַ מיינונגס - פאַרשידנהייט צווישן זיי. לויט דער מיינונג פון סוחר איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף געבן מעשר נאָר פון די זיבן צוגערויבטע און צוריק געפונענע זעקעלעך מיט גאָלד, אָבער נישט פון אַכטן זעקל. האָבן, אָבער די גבאים דערקלערט, אַז נישט אַזוי נאָר אויך פון אַכטן זעקעלע דאַרף ער געבן מעשר, ווייל מיטן אַכטן זעקעלע גאָלד איז געשען דער וויכטיקסטער נס: ווען עס וואָלט נישט געבליבן דאָס דאָזיקע זעקעלע מיט גאָלד, וואָלט ער נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו דינגען פויערים נאָכצויאָגן די גזלנים, און ער וואָלט גאָרנישט אָפּגעראַטעוועט.

דאָס זעלבע, אויך, דאָ, מיטן קריגעלע בוימאייל, ווען נישט

דער נס, וואָס די גריכן, וועלכע זענען געווען אין יעדן ווינקעלע פון בית-המקדש, האָבן פארזען דאָס דאָזיקע „פך-שמן" און עס נישט אָנגערירט, וואָלט דאָן נישט געקענט געשען דער ווייטערער נס, אז אָנשטאָט איין טאָג זאָל די בוימאייל ברענען אכט טעג, און צוליבן דאָזיקן נס וואָס האָט גורם געווען צו די ווייטערע ניסים פייערן מיר דעם אכטן טאָג חנוכה.

✶

דער של"ה הקדוש, דערקלערט דעם ענין חנוכה ווי אַן אָנ-דייטונג אויף א באַנייטער יידישער וועלט, פונקט ווי די באַנייי-אונג פון קרבנות אין די טעג פון די חשמונאים. דער של"ה דרינגט עס ארוים פון א גמטריה, א צוזאמענרעכענונג פון אותיות און ציפערן. דאָס וואָרט „יהי" פון „יהי אור" מיט וואָס ג—ט האָט באַשאַפן די ליכטיקייט, באַטרעפט כ"ה — פינף און צוואַנציק, און חנוכה איז אין פינף און צוואנציקסטן טאָג פון כסלו..

✶

אין ספר „עזרת ישראל" ווערט געבראכט: אז דאָס פאָלק ישראל איז שטאַרק ענלעך צום שמש פון די חנוכה-ליכט. ער איז דער ליכט-טרעגער, וואָס צינדט אָן אלע ליכטעלעך און אליין בלייבט ער דערנאָך שטיין אין דער זייט, ווי אַן איבע-ריקער אין וועלכן קיינער נויטיקט זיך מער נישט...

ויגש

ויגש אליו יהודה וכו' — און יהודה האט גענענט צו אים. ווען יוסף האט געוואלט פארהאלטן זיין יינגסטן ברודער בנימין, האט יהודה זיך איינגעשטעלט פאר אים און געזאגט, אז ער האט גאראנטירט זיין פאטער, אז ער וועט בנימין'ען אהיים ברענגען. דעריבער וועט ער אים בשום־אופן נישט איבערלאזן.

איינגנטלעך איז א פראגע: ווען יוסף האט געהייסן די ברידער ברענגען בנימין'ען, האבן זיי דאך געקענט ברענגען עפעס אן אנ־דערן מאן און זאגן, אז דאס איז בנימין. נאר דער ענטפער איז אז יעקב'ס קינדער האבן קיין ליגן נישט געזאגט, נאר געגאנגען מיטן אמת, און דער אמת מוז סוף־כל־סוף זיגן.

מען דערציילט: עס האט אמאל פאסירט א שרעקלעכע זאך: מען האט געפונען הינטער דער שטאט א גע'הרג'עטן מענטשן. נעבן דעם טויטן איז געלעגן א פראבלוטיקטער מעסער, און מען האט דערקערנט, אז דאס מעסער שטאמט פון דעם רב'ס הויז. פארשטייט זיך, אז א שרעק איז באפאלן די גאנצע שטאט. עס איז געווען קלאר פאר יעדן איינעם, אז דער מערדער האט גע'גנב'עט דאס מעסער פון דעם הויז פון רב, כדי צו פארוויקלען דעם רב אין דעם מארד.

פיל מענטשן האבן געראטן דעם רב, אז ביי דעם פראצעס זאל ער לייקענען, אז דאס מעסער איז פון זיין הויז. אבער דער רב האט נישט געפאלגט, און אויף דעם ריכטערס פראגע צי דאס איז זיין מעסער, האט ער גלייך געענטפערט, אז דאס מעסער איז טאקע זיינס, אבער דעם מארד איז ער נישט באגאנגען. דער רב איז באפרייט געווארן. און ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער האט נישט געלייקנט, אז דאס מעסער איז זיינס, האט ער גע-ענטפערט: יהודה האט נישט מיטגענומען אן אנדערן מאן אנ-שטאט בנימין'ען, ווייל ער האט נישט געקענט אנדערש טאן ווי זאגן דעם אמת, און ענדלעך מוז דער אמת זיגן...

✶

והנה עיניכם ראות וכו' כי פי המדבר אליכם — און אט זעען אייערע אויגן, און די אויגן פון מיין ברודער בנימין, ווי מיין מויל רעדט דאס צו אייך. זאגט אויף דעם רבי אלעזר (מגילה ט"ז): „כפי כן לבי" אזוי ווי איך רעד, אזוי טראכט איך אין הארצן. איר זאלט נישט מיינען, אז די גוטע רייד וואס איך רעד צו אייך איז נאר מיטן מויל, און אין הארצן טראג איך א שנאה

צו אייך, נישט אזוי, נאָר איך רעד צו אייך מיט מיין גאַנצער אויפריכטיקייט און ערנסטקייט.

רש"י זאָגט: כי פי המדבר אליכם — בלשון הקודש. — איר קענט זען, אז איך בין אייער ברודער יוסף, ווייל איך רעד צו אייך אויף לשון-הקודש. איז אייגנטלעך א פראַגע: וואָס איז דאָס פאַר א סימן, ווען אלס משנה-למלך, וואָס דארף קענען אלע שפראַכן קען אויך די שפראַך פון די עברים? — און צווייטנס, אז מען רעדט, דארף מען הערן, נישט זען, האָט דאָך געדאַרפט שטיין „והנה אָזניכם שומעות" — אָט הערן אייערע אויערן, אַנשטאָט „והנה עיניכם ראות" אָט זעען אייערע אויגן? נאָר יוסף מיינט נישט דאָ די שפראַך, נאָר דאָס „מויל" — כי פי המדבר אליכם — דאָס מויל וואָס רעדט צו אייך במשך דער גאַנצער צייט, איז אויך „בלשון-הקודש" — ווען איר וועט אריינטראַכטן אין דעם אלעם וואָס איך האָב ביז איצט גערעדט דורכן מליץ אין דער עגיפּטישער שפּראַך, וועט איר זען, אז עס זענען אויך געווען הייליקע דיבורים, נישט קיין געוויינלעכע רייד, נאָר זיי האָבן געהאַט טיפע הייליקע כוונות, מיט א העכערן אינהאַלט...

✶

דער חפץ חיים זאָגט: אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט זינט די ברידער זענען געקומען צום ערשטן מאָל קיין מצרים קויפן תבואה, האָט זיך יוסף געמאַכט פרעמד צו זיי און האָט גערעדט שטרענגע רייד צו זיי און האָט זיי פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש. האָבן יוסף'ס ברידער געפרעגט איינע די אנדערע פאַרשידענע קשיות: פאַר וואָס קומט דאָס אונדז? און זיי האָבן באַשולדיקט איינער דעם צווייטן. אויך דעם צווייטן מאָל, קו- מענדיק קיין מצרים, האָבן זיי זיך געוואונדערט: „מה זה עשה אלקים לנו"? — ביז זיי האָבן געהערט פון זייער ברודערס מויל די 2 ווערטער: „אני יוסף", זענען זיי באַלד פאַרענטפערט געוואָרן אלע פראַגן און וואונדערס זענען זיי קלאָר געוואָרן. אזוי וועט אויך זיין, ווען די וועלט וועט הערן די צוויי ווערטער „אני ה'", דאַן וועלן באַלד פאַרענטפערט ווערן אלע קשיות און וואונדערס אויף דער הנהגה פון דער וועלט, וואָס פיל זאַכן קוקן איצט אויס צו אונדז אומפאַרשטענדלעך און אומבאַגרייפלעך. אָבער דאַן וועט אלץ קלאָר ווערן, אז אלץ האָט אזוי געדאַרפט זיין...

✶

אין היינטיקער סדרה ווערט דערציילט, ווי יוסף האָט זיך ענדלעך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער. זיי דערציילט וועגן זיין גרויסקייט און רייכטום, און ווי ער זאָגט זיי אָן, אז וואָס שנעלער זאָלן זיי אראָפּברענגען זיין פאָטער מיט דער גאַנצער משפחה קיין מצרים. אזוי הויבט אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן די

נבואה, וואָס אברהם אבינו האָט געהאַט: „וויסן זאָלסטו וויסן זיין, אז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין א לאַנד וואָס איז נישט זייערס, און מ׳וועט זיי פאַרקנעכטן, און מ׳וועט זיי פּיי-ניקן פיר הונדערט יאָר (בראשית ט״ו). גלות מצרים איז טאַקע געווען דער ערשטער גלות אָבער ליידער נישט דער לעצטער.

✶

ווען יוסף האָט געשיקט זיינע ברידער ברענגען זייערע פאַמיליעס קיין מצרים, האָט ער זיי אָנגעזאָגט: „אל תרגזו בדרך" (איר זאָלט זיך נישט קריגן אויפן וועג). גיבן די חז״ל דערויף דריי דערקלערונגען: 1) „אל תתעסקו בדבר הלכה" איר זאָלט נישט שמועסן און לערנען אויפן וועג; 2) „אל תפסיעו פסיעה גסה" איר זאָלט נישט שטעלן קיין צו גרויסע טריט אויפן וועג; 3) „והכניסו חמה לעיר" ער האָט זיי אָנגעזאָגט אריינצוברענגען די זון אין שטאָט.

יוסף האָט פאָראויסגעזען די צוקונפט, וואָס דערוואַרט זיינע ברידער אין מצרים, כל זמן ער לעבט, וועט זיי קיין בייז נישט געשען, אָבער אז ער וועט שטאַרבן, וועט זיך אָנפאַנגען פאַר זיי א שרעקלעכער גלות. האָט ער זיי געגעבן דריי וואָרנונגען, וואָס וועט זיי נוצן ברענגען: 1) „אל תתעסקו בדבר הלכה" איר זאָלט נישט ברענגען קיין שפּאַלטונג אין רעליגיעזע פראַגן „בדרך" אין גלות. ווען מיר געפינען זיך צווישן פרעמדע, ווו מען זוכט אונדז איינצושלינגען, מוזן מיר גיין צוזאַמען אין אַלע פראַגן און נישט זיין צושפּליטערט; 2) „אל תפסיעו פסיעה גסה" איר זאָל נישט מאַכן קיין צו גרויסע טריט אין גלות. יידן ווערן די ליכט-טרעגער פון אנדערע פעלקער, באַרייכערן פרעמדע קול-טורן, פאַרשענערן פרעמדע שפּראַכן, דערנאָך ווערן זיי אָפּגע-צאָלט פאַר די גרויסע טריט געמאַכט אין גלות...

3) „והכניסה חמה לעיר" איר זאָלט אריינברענגען די זון אין שטאָט. די זון, דאָס איז דער סימבאָל פון ליכט, וואַרעמקייט און פריינדשאַפט, זאָלט איר אריינברענגען אין אייער אייגענער סביבה. אויב ס׳איז שוין יאָ באַשערט צו זיין אין גלות, זאָלט איר זען, אז אייער אָנוועזנהייט זאָל באַליכטן אייער אייגענעם „וויינ-גאָרטן". דערציט א יידישע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט יידישער עטיק, מאָראַל און יושר, וועלכע זאָלן קענען זיין א שטאָלץ פאַרן יידישן פאָלק...

✶

צו א רב, איז איינמאָל געקומען אן אַלטער חשובער בעל-הבית און זיך באַקלאָגט, אז ער איז פינאַנסיעל זייער געדריקט, און זיינע קינדער, פאַר וועלכע ער האָט זיך אזוי פיל מקריב געווען, און וועלכע זענען ב״ה גאַנץ רייך, ווילן פון אים וויניק

וויסן, אַז קיין שום רחמנות. זייט נישט איבעראַשט, — האָט אים דער רב געענטפערט — ענלעכעס געפינען מיר אין דער תורה. ווען יוסף האָט פאַרהאַלטן בנימינען, האָט יהודה געהאַלטן אין איין בעטן זיך און געטענהט, אַז דער פאָטער יעקב וועט נישט קענען דאָס איבערטראָגן דעם צער „והיה כראותו כי אין הנער, ומת״ ווי נאָר ער וועט זען, אַז דאָס ייִנגל איז נישטאָ, אַזוי וועט ער שטאַרבן.

איז דאָך אַ פראַגע, פאַרוואָס האָט יהודה נישט געזאָגט, אַז בנימין האָט געלאָזן אין דער היים צען קינדער און די אַלע צען קינדער קענען חלילה שטאַרבן, ווען זיי וועלן זען, אַז זייער טאַטע איז נישטאָ? דערפון קען מען זען, אַז בלויז אַ פאָטער ווייטיקט פאַר זיינע קינדער, אָבער קינדער זענען זיך נישט צו שטאַרק מצער פאַר די ליידן פון זייער פאָטער... איין פאָטער קען אויסהאַלטן צען קינדער, און צען קינדער קענען איין פאָטער נישט אויסהאַלטן...

פאַרוואָס איז טאַקע אַזוי, אַז עלטערן האָבן מער רחמנות אויף קינדער, ווי קינדער אויף עלטערן? — דאָס איז דערפאַר, ווייל אַלע דורות ציען זיך דאָך פון אָדם-הראשון און גלייכצייטיג, אַלע מידות גוטע אָדער שלעכטע גייען איבער בירושה פון דור צו דור. איז צווישן די אַנדערע גוטע אייגנשאַפטן איז אויך איבערגעגאַנגען די גוטע מידה פון רחמנות אויף קינדער, וועלכע איז געווען איינגעוואָרצלט אין ערשטן מענטש. דאַקעגן די מידה פון רחמנות צו עלטערן האָט נישט געקענט אין אים איינגעוואָרצלט ווערן, ווייל אָדם-הראשון האָט דאָך נישט געהאַט קיין פאָטער...

יוסף האָט אָפּגעקויפט די גאַנצע ערד פון מצרים פאַר ברויט, און דאָס פאָלק האָט ער איבערגעפירט פון איין עק מצרים צום צווייטן עק. דער געדאַנק פאַרוואָס יוסף האָט דורכגעפירט אַן איבערגרופּירונג פון דער מצרישער באַפעלקערונג, איז כדי זיי זאָלן אויך דערפילן דעם טעם פון גרים, פון וואַלגערן זיך, אפשר וועט דאָס ווירקן, אַז זיי זאָלן נישט מצער זיין די פרעמדע איינגעוואַנדערטע בני ישראל, נאָר באַהאַנדלען זיי ברידערלעך...

ויחי

ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה וכו׳ — און יעקב האָט געלעבט אין לאַנד מצרים זיבעצן יאָר, און די יאָרן פון זיין לעבן זענען געווען הונדערט און זיבן און פערציק יאָר.

דער בעל הטורים זאָגט: ווען יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן איז ער אַלט געווען זיבעצן יאָר, האָט דאָך יעקב געשפּייזט יוסף׳ן זיבעצן יאָר, איצט האָט יוסף געשפּייזט זיין פאָטער זיבעצן יאָר.

און ווייל יעקב האָט געשאָלטן זיין פרוי רחל, זאָגנדיק — ווער עס האָט גענומען די „תרפים" פון לבנ׳ען „לא יחיה" — זאָל נישט לעבן, (בראשית ל"א) און רחל האָט עס יאָ גענומען. דאָס וואָרט „יחיה" באַטרעפט דריי און דרייסיק, דעריבער איז געמינערט געוואָרן דאָס לעבן פון יעקב׳ן מיט דריי און דרייסיק יאָר. זיין פאָטער יצחק האָט געלעבט הונדערט און אַכציק יאָר, און ער הונדערט און זיבן און פערציק.

✶

בך יברך ישראל לאמר, ישמך אלקים כאפרים וכמנשה — מיט דיר זאָל זיך בענטשן ישראל, אַזוי צו זאָגן: ג—ט זאָל דיך מאַכן אַזוי ווי אפרים און אַזוי ווי מנשה.

פאַרוואָס זאָלן יידן בענטשן זייערע קינדער מיט אפרים און מנשה, און נישט מיט אַנדערע שבטים? — נאָר די הויפּט־פּרינ־ציפּן פון דער תורה זענען: נישט גרויס צו האַלטן זיך איבערן צווייטן, און נישט מקנא זיין דעם צווייטן. ווען יעקב האָט געזען אַז טראָץ וואָס ער האָט דעם יינגערן אפרים בעפאָרצוגט פאַרן עלטערן מנשה, און דאָך האָט אפרים נישט געהאַלטן זיך גרויס דערמיט, און מנשה האָט נישט מקנא געווען, נאָר זיי זענען ביידע געבליבן גלייך ווי פריער, האָט ער געזאָגט, אַז אַלע יידישע קינ־דער זאָלן אַזוי זיין אָן גאוה און אָן קנאה.

עס ווערט דערציילט: דער בעש"ט ז"ל, איז אַמאָל געקומען אויף אַ שבת קיין פּולנאה, אין אַ שיינע קאַרעטע. איז דאָרט געווען איינער אַ בעל־מחלוקה וואָס האָט גערעדט אויף׳ן בעל־שם־טוב, פאַרוואָס ער פירט זיך אַזוי גרויס. האָט דער בעש"ט געזאָגט אַ משל: עס איז געווען אַ קעניג, וועלכער האָט געזוכט אַ רפואה, אַז ער זאָל קענען לאַנג לעבן. האָט אים איינער אַ קלוי־גער מאַן געגעבן אַ רפואה, אַז ער זאָל זיך דערווייטערן פון גאוה און זיין אַן עניו.

האָט דער קעניג זיך אָנגעהויבן פירן מיט עניוות, אזוי ווייט, אז ווען ער האָט געדאַרפט פאָרן אויף דער קעניגלעכער קאַרעטע, האָט ער געהייסן די קאַרעטע פאָרן פאָראויס און ער איז נאָכגעגאַנגען צופוס. אָבער וואָס מער ער האָט זיך געפירט ווי א עניו אלץ מער האָט ער באַקומען גאווה, זאָגנדיק: זעט, איך בין אזא גרויסער מלך און דאָך האַלט איך זיך אזוי נידעריק... ביז דער קלוגער מאַן האָט אים איינמאָל געגעבן צו פאַרשטיין און געזאָגט: נישט דאָס מיינט מען, נאָר זעץ דיך יאָ אריין אין דער קעניגלעכער קאַרעטע און דאָך זאָלסטו זיין ביי דיר אין האַרץ א עניו. דאָס וועט דיר טאַקי שווער אָנקומען, אָבער די ענוה וועט זיין א ריכטיקע...

✶

הקבצו ושמעו בני יעקב, ושמעו אל ישראל אביכם — קלייבט אייך אויף, און הערט, קינדער פון יעקב, און הערט צו אייער פאָטער ישראל.

יעקב איז געווען זיין אייגנטלעכער נאָמען פון געבורט, ווערט דעריבער יעדער ייד, נישט קוקנדיק ווי אזוי ער פירט זיך, באַטראַכט אלס יעקב׳ס קינד, בלויז צוליב זיין יידישן אָפּשטאַם, געהערנדיק צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

דער נאָמען „ישראל" איז געגעבן געוואָרן יעקב׳ן שפּעטער, ווען ער האָט דערגרייכט זיין הויכע מדרגה פון „שרית עם אלקים ואנשים ותוכל". דער נאָמען ישראל, ווען ער ווערט באַנוצט אויף יידן בכלל, ווייזט ער דעריבער אויף דער הויכער גייסטיקער מדרגה פון כלל-ישראל אלס נאָכפאָלגער פון יעקב׳ס אידעען.

זאָגט דעריבער יעקב צו זיינע קינדער: הקבצו ושמעו בני יעקב — איר זאָלט אייך צונויפנעמען צו ערשט אלס קינדער פון יעקב, פון איין אָפּשטאַם און איין נאַציע. אָבער בלויז די איינפאַכע נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג איז נאָך ווייניק, נאָר — ושמעו אל ישראל אביכם — הערט צו אייער פאָטער ישראל. דער ציל פון יעדן יידישן קבוץ זאָלן זיין צו פאַרשטאַרקן דעם גייסט פון „ישראל-סבא", דעם גייסט פון „ד׳ אלקינו ד׳ אחד"...

✶

ויחי יעקב וכ"ו — זיבעצן יאָר האָט יעקב מיט זיין משפּחה געלעבט אין מצרים. ווען יעקב איז געקומען צוריק קיין כנען, שטייט „וישב יעקב" יעקב האָט זיך באַזעצט אין דעם לאַנד ווי זיין פאָטער האָט געוווינט. אין גלות איז בלויז א „ויחי" — אָפּגעלעבט, א צייטווייליקע אויפהאַלטונג, אָבער א פּערמאַנענטע באַזעצונג א „וישב" קען זיין נאָר אין כנען, אין ארץ ישראל.

מען דערציילט: רבי מאיר שמחה פון דווינסק, איז געווען

א הייסער אָנהענגער פון ישוב ארץ ישראל, און ער פלעגט זיך פרייען מיט יעדע פרישע קאָלאָניע, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד און מיטן כסדר'דיקן וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

— רבי — האָט אים איינער פון זיינע מקורבים אַמאָל געפרעגט — וואָס האָבן מיר פון אַזאַ ישוב ארץ ישראל, ווען ער באַשטייט פון אַזוי פיל פושעים? . . .

האָט אים דערויף רבי מאיר שמחה געענטפערט: — אין דער תפילה פון קדיש זאָגן מיר „יתגדל ויתקדש שמיה רבה" (גרויס און געהייליקט זאָל זיין דער נאָמען פון אייבערשטן) איז צוערשט דאַרף מען פאַרווירקלעכן דעם „יתגדל", דאָס גרויס מאַכן, און נאָכהער וועט שוין ממילא קומען דער „ויתקדש" דאָס געהייליקט ווערן . . .

✶

„וישתחו ישראל על ראש המטה" יעקב האָט זיך געבוקט ביים צוקאָפּנס פון בעט, ווייל „שהשכינה למעלה מראשותיו של חולה", די שכינה רוט צוקאָפּנס פון א קראַנקן.

אין א שטעטל אין דער אַלטער היים, האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז דער יידישער שפּיטאָל האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרמאַכן, ווייל די אָרעמעלייט האָבן אים נישט געקענט אויסהאַלטן, און די גבירים האָבן זיך נישט געוואָלט באַשטייערן, ווייל זיי האָבן זיך נישט גענוּיטיקט אין א שפּיטאָל, זייענדיק רייך, האָבן זיי זיך געקענט דערלויבן, אין צייט פון א קראַנקהייט, צו פאָרן אין א גרויסער שטאָט אָדער גאָר קיין אויסלאַנד.

צופעליק איז דער קעלמער מגיד געקומען אין יענעם שטעטל. ווען ער האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער אין זיין דרשה, זיי דערציילט פּאָלגנדע מעשה: איר ווייסט דאָך, אַז די שכינה רוט צוקאָפּנס פון א קראַנקן. האָט די שכינה זיך איינמאָל פאַרקלאָגט פאַרן אייבערשטן, פאַרוואָס ער שיקט זי שטענדיק אין אָרעמע הייזער, — ווען איך קום צו א חולה, זע איך נאָר צרות, א צעבראָכן בעט, קיין קישן איז נישטאָ, הונגעריקע קינדערלעך, און דער דלות פייפט אין אַלע ווינקעלעך. שיק מיר בעסער רבש"ע צו רייכע הייזער פון אַלדאָס גוטס. האָט דער אייבערשטער אָנגענומען דאָס געבעט פון דער שכינה.

און די גבירים האָבן אָנגעהויבן אונטערצוקרענקען. די שכינה איז צופרידן געווען, זי האָט גערוט אין גרויסע לופטיקע צימערן, שיין מעבלירט און מיט כל־טוב. ווען די רייכע פון שטעטל האָבן דערזען, אַז עס איז שלעכט, זיי האַלטן אין איין קרענקען, האָבן זיי באַשלאָסן צו בויען א שפּיטאָל, און אין פאַל ווען אַן אָרעמאַן ווערט קראַנק, זאָל ער האָבן ווו דעם קאָפּ אוועק-

צוליינן, א באַקוועם בעט, א דאָקטאָר, און זאָל די שכינה קענען רוען לעבן אים.

איז אויב רבותי, האָט געזאָגט דער קעלמער מגיד, איר גבירים וועט מער נישט וועלן געבן געלט צו שטיצן דעם שפּי־טאָל, וועט דאָך די שכינה מוזן קומען אין אייערע לוקסוסדיקע היימען!...

✶

יעקב האָט גערופן זיינע זין און האָט געזאָגט: האָספו כלכם וכ"ו — זאַמלט אייך אלע איין און איך וועל אייך פאַראויסזאָגן, וואָס מיט אייך וועט פּאַסירן, אין סוף פון די טעג. זאָגט אויף דעם דער מדרש: „היו אגודה אחת, התקינו עצמכם לגאולה" זייט פאַראייניקט, גרייט זיך צו דער באפרייאונג.

דער יידישער „אחרית הימים" איז זייער אָפּהענגיק פון דעם „האָספו" אויב די יידן וועלן זיין פאַראייניקט צווישן זיך און זוכן איין און דעמזעלבן ציל, דאן איז זייער צוקונפט א גע־זיכערטע, ווייל דאָס אליין איז דאָס וויכטיקסטע, צוגרייטונג צו דעם באפרייאונגס גערדאַנק...

דער קאָזשעניצער מגיד פלעגט זאָגן: ווען אלע יידן זאָלן שליסן צווישן זיך אחדות און זיך געבן די הענט, וואָלט פון די אלע הענט געוואָרן איין גרויסע האנט, וועלכע וואָלט געקענט אפילו דערגרייכן ביז צום כסא-הכבוד...

צווייטער טייל

שמות

שמות

ואלה שמות בני ישראל וכו' — און דאס זענען די נעמען פון די קינדער פון ישראל, וואס זענען געקומען קיין מצרים מיט יעקב'ן.

דער כח פון זייער שטאנדהאפטיקייט איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי האבן נישט פארגעסן זייער אפשטאם און דער עיקר שטאלץ איז געווען זייער אלטער פאטער יעקב. „את יעקב" — מיט יעקב'ן — שטענדיק געדענקט זיין לערע, נישט צו פאר-לירן די האפענונג אין ג—ט, און שטענדיק שלום מאכן מיטן גורל זאגנדיק: אז אלץ וואס ג—ט טוט איז צום גוטן, און די ישועה וועט דאך קומען.

די חז"ל דערציילן: רבי עקיבא איז אמאל געגאנגען אין וועג. ער האט געפירט מיט זיך אן אייזל צום רייטן; א האן, וואס זאל אים אויפוועקן פארטאג, און א ליכט, וואס זאל אים לייכטן ביינאכט.

פארנאכט איז ער אנגעקומען אין א שטעטל, האט ער גע-נומען זוכן א הויז אויף איבערצונעכטיקן. נאר קיינער האט אים נישט געוואלט געבן א נאכטלעגער. טראכט ער, אלץ וואס ג—ט טוט, איז צום גוטן. איז ער אוועקגעגאנגען אין פעלד און געבליבן דארט איבערנעכטיקן.

ביינאכט איז געקומען א לייב און האט פארצוקט זיין אייזל. דערנאך איז א ווילדע קאץ באפאלן דעם האן, און האט אים צעריסן, און צום סוף האט גענומען בלאזן א ווינט און פאר-לאשן דאס ליכט.

רבי עקיבא איז געבליבן איינער אליין אין פעלד ביינאכט, און האט ווידער געטראכט: אלץ וואס ג—ט טוט, איז צום גוטן.

אין דער פרי האט רבי עקיבא זיך דערוווסט, אז דורך דעם פעלד, ווו ער האט גענעכטיקט, זענען ביינאכט דורכגעגאנגען רויבער, וועלכע האבן אלע שטאטלייט אין געפאנגענשאפט גע-נומען. זאגט רבי עקיבא: בין איך נישט געווען גערעכט, ווען איך האב געזאגט, אז אלץ וואס ג—ט טוט איז צום גוטן? ווען די שטאטלייט וואלטן מיר געגעבן א נאכטלעגער, וואלטן די רויבער מיר געווען אוועקגעפירט מיט אלע געפאנגענע. און ווען מיין אייזל וואלט געבליבן לעבן און וואלט געהירזשעט, און דער האן וואלט געקרייט און דאס ליכט וואלט געלויכט, וואלטן די רויבער מיך באמערקט און גענומען אין געפאנגענשאפט...

✶

והנה הסנה בער באש, והסנה איננו אכל — דער דאָרן ברענט אין פייער, און דער דאָרן ווערט נישט פאַרברענט.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש פון משה רבינו מיטן אויבערשטן, האָט מען געוויזן משה'ן ווי דער „סנה" ברענט אין פייער און ווערט נישט פאַרברענט.

דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו דעם בוימעלע „סנה", דאָס קלענסטע פון אַלע ביימער, און איז שטענדיק א דאָרן אין די אויגן פון אונדזערע שונאים. די געוויקס פון „סנה" פאַלט פון איר נישט אַראָפּ א גאַנץ יאָר, נישט אין היצן און נישט אין קעלט, און אין די גרעסטע שטורעמס בלייבן אירע נאָדלען אויפן בוים. איר נעמט נישט דאָס פייער פון אַלע שונאי-ישראל, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיך די איינגעשאַפּט צו באַ-לייכטן, אָבער „ואיננו אכל" ווערט נישט פאַרברענט...

למה הרעותה לעם הזה, למה זה שלחתני — משה זאָגט דעם אויבערשטן פאַרוואָס טוסטו שלעכטס דעם דאָזיקן פאָלק, צו וואָס האָסטו מיך געשיקט? זינט איך בין געקומען צו פּרעה'ן, צו רעדן אין דיין נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט די יידן.

דער אַלעקסאַנדער רבי גיט דאָס צו פאַרשטיין מיט פאָלגענ-דער מעשה'לע:

עס איז געווען א ישוב'ניק, וועלכער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען ריכט אָפּ דעם סדר, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב, אַז זי זאָל אַריינגיין צום שכן זען ווי ער פאַראַוועט און אַריינקומען אים איבערגעבן. ווען דאָס ווייב איז אַריינגעקומען צום שכן, האָט זי פּונקט אָנגעטראָפן ווי דער שכן שלאָגט זיין ווייב. אָנגעמענדיק, אַז אַזוי ריכט מען אָפּ דעם סדר, האָט זי מורא געהאַט אַריינצוגיין און דערציילן דעם מאַן, נאָר זי איז געבליבן שטיין אין דרויסן

דער דאָרפסמאַן וואַרט לאַנג אויפן ווייב, און ווען ער זעט איר נישט צוריקקומען, לויפט ער אַרויס, מיט כעס, איר אויפ־זוכן און און טרעפנדיק איר אַרומדרייען זיך אין גאַס, האָט ער איר אָנגעהויבן שלאָגן. דאַן האָט דאָס ווייב אָנגעהויבן שרייען: אויב דו האָסט אַליין געוווּסט ווי אַזוי מען ריכט אָפּ דעם סדר, טאָ צו וואָס האָסטו מיך געשיקט געוואָר ווערן?...

דאָס זעלבע האָט משה גע'טענה'ט צום אויבערשטן: דו האָסט דאָך יאָ געוווּסט וואָס פּרעה וועט טאָן נאָך מיין באַזוך, טאָ צו וואָס האָסטו מיך געשיקט. דאָס שלאָגן יידן, וואָס מוז געשען פאַר דער גאולה, האָט דאָך געקענט געשען אויך אָן מיין גיין...

✶

צוויי הונדערט מיט צען יאָר זענען אריבער זינט יעקב מיט זיין הויזגעזינט האָבן געגידערט קיין מצרים, בלויז זיבעציק נפשות זענען זיי דאַן געווען, אָבער דורך דער צייט זענען זיי אויסגעוואַקסן און געוואָרן א גרויס פאָלק.

„ויקם מלך חדש וכ״ו" איז אויפגעשטאַנען א נייער קעניג, איבער מצרים, וועלכער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט וועגן יוסף׳ס גרויסע לייסטונגען פאַר זיין לאַנד, און האָט אָנגעהויבן צו פייניקן און אונטערדריקן די בני־ישראל.

די מצריים האָבן פּלוצלינג דערפילט אין זיך א געוואַלדיקע פיינטשאַפט צו די יידן, כאָטש זיי האָבן עס נישט אזוי פיל גע־וואָלט (בפה־רך). נאָר דאָס איז געווען דער ווילן פון אייבערשטן, כדי אָפּצוזונדערן די יידן פון די מצריים, אז זיי זאָלן נישט אסימילירט ווערן צווישן זיי.

✶

דער מדרש זאָגט: ווען משה איז געבוירן געוואָרן, איז דאָס גאַנצע הויז פול געוואָרן מיט ליכט. זיין מוטער יוכבד האָט, גלייך באַמערקט, אז ער איז אַנדערש פון אנדערע קינדער, האָט זי אים באַהאַלטן גאַנצע דריי חדשים. אז זי האָט אים שוין מער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן, האָט זי אים אריינגעלייגט אין א קעסטעלע און געלאָזט שווימען ביים ברעג טייך.

פרעה׳ס טאָכטער איז געגאַנגען זיך באָדן און באַמערקט דאָס קעסטעלע, און זעט „והנה נער בכה" — א קינד וויינט — האָט זי זיך דערבאַרעמט אויף אים און געזאָגט: — „מילדי העברים זה" — דאָס מוז זיין איינער פון די יידישע קינדער. ווייל א קליין קינד וואָס וויינט ווי א „נער", ווי א דערוואַקסענער, האָט זי פאַר־שטאַנען, אז דאָס מוז זיין א ייד... פרעה׳ס טאָכטער אדאָפּטירט איב אלס איר אייגן קינד, „ותקרא שמו משה וכ״ו כי מן המים משיתיהו" — און זי האָט אים א נאָמען געגעבן משה, ווייל פון וואַסער האָב איך אים ארויסגעצויגן.

לויט די חז״ל, האָט משה רבינו געהאַט פיל נעמען. זיין פאָטער האָט אים גערופן „חבר", ווייל צוליב אים האָט ער זיך נאָכאַמאָל באַהאָפטן מיט זיין פרוי. זיין מוטער האָט אים גע־רופן „יקותיאל", ווייל איר האָפענונג איז געווען אויף דעם רבש״ע. זיין שוועסטער מרים האָט אים גערופן „ירד", ווייל זי האָט אראָפּגעגידערט צום טייך צו זען וואָס ס׳וועט ווערן מיט אים. זיין ברודער אהרן האָט אים גערופן „אבי זנוח", ווייל זיין פאָטער עמרם האָט צוריקגענומען יוכבדן. זיין זיידע קהת, האָט אים גערופן „אביגדור", ווייל דער פאָטער אין הימל האָט פאַר־ריכט א בראָך אין ישראל. זיין אַם, האָט אים גערופן „שמעיה",

ווייל אין זיין צייט וועט דער אייבערשטער הערן דאָס קרעכצן פון די יידן און וועט זיי העלפן. אָבער פון אַלע נעמען איז ער באַקאַנט מיטן נאָמען „משה" און אפילו די תורה ווערט אָנגע־רופן „תורת משה" אויפן נאָמען וואָס ער האָט באַקומען פון בתיה, די טאָכטער פון פרעה, ווייל דער דאָזיקער נאָמען איז מרמז אויף רחמנות און גוטהאַרציקייט — „כי מן המים משי־תיהו" — ווייל פון וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגן — און געראַטעוועט. — דאָס איז איינע פון די יסודות התורה...

✶

וועו משה איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער און ער האָט געזען, אז „איש מצרי מכה איש עברי", אז א מצרי שלאָגט א יידן, און „ויפן כה וכה, וירא כי אין איש", אַרום און אַרום שטייען יידן און קיין איינער פון זיי נעמט זיך נישט אָן פאַר זייער געשלאָגענעם ברודער, האָט משה צום אָנ־הויב געמיינט, אז דאָס איז דערפאַר, ווייל יידן זענען פון דער נאַטור נישט געוווינט צו שלאָגן זיך, זיי קענען נישט אויפהויבן קעגן וועמען א האַנט, אפילו ווען מען דאַרף זיך פאַרטיידיקן.

אָבער ווען ער איז דעם צווייטן טאָג ווידעראַמאָל אַרויס־געקומען אין גאַס און דערזען די סצענע פון „והנה שני אנשים עברים נצים", אז צוויי יידן, צוויי ברידער, באַפאַלן איינער דעם צווייטן, האָט משה א דערשטוינטער אויסגערופן: „אָכן נודע הדבר" איצט לייד ער, ווייס איך שוין אייער אומגליק. ווען מען דאַרף זיך פאַרטיידיקן קעגן א מצרי, דאַן רוקט איר זיך אַלע אָפּ, ווי פּחדנים, דערקלערנדיק, אז א ייד טאָר זיך נישט באַנוצן מיט קיין פיזישער קראַפט, דאַקעגן אויף אַרומצורייסן זיך, און זיך אַרומשלאָגן מיט אייגענע ברידער, ווערט איר מיטאַמאָל דווקא גרויסע און מוטיקע קעמפער...

וארא

דער אויבערשטער זאָגט צו משהן: זאָג די יידן, אז „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — איך וועל אייך ארויסנעמען פון אונטער די לאַסטן פון מצרים.

— ווען איינער איז קראַנק און ער פילט דעם ווייטיק, איז נאָך נישט אזוי שלעכט, ווייל ער וועגדעט אַן אלע מיטלען זיך אויסצוהיילן. ערגער איז אָבער מיט אזא קראַנקן, וואָס פילט נישט דעם ווייטיק און ווייסט גאָרנישט, אז ער איז קראַנק, דאַן ווערט אַלץ ערגער און ערגער.

מיט דעם גלות איז דאָס זעלבע. ווען מען פילט דעם גלות איז נאָך נישט אזוי שלעכט, ווייל דאַן וועט, סוף-כל-סוף, די באַפרייאונג קומען. שלעכט איז דאַן, ווען מען הערט אויף צו פילן, אז מען איז אין גלות, מען ווערט צוגעוווינט צו די ליידן. אַזאַ גלות איז געווען אין מצרים, וואָס די יידן האָבן אים שוין געקענט סובל זיין. זאָגט דער אויבערשטער: — והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים — אויב איר געפינט זיך שוין אין אזא לאַגע, אז איר קענט שוין סובל זיין דעם גלות, דאָס הייסט איר פילט שוין נישט קיין ווייטיק, אייך אַרט שוין נישט דער גלות, איז שוין שלעכט, דאַן איז די העכסטע צייט אייך ארויסצונעמען פון מצרים.

ליידער געפינען זיך אויך אין אונדזער צייט אזעלכע עלע-מענטן, וועלכע פילן שוין נישט, אָדער ווילן נישט פילן דעם גלות, און זענען גלייכגילטיק (אנדערע אפילו קעגן) צו דעם שנעלן אויפבוי פון מדינת ישראל...

✶

פרעה איז געווען א גרויסער עקשן, און א פאַלשער דערצו. טראָץ די אלע וואָרנונגען און מכות, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער נישט געוואָלט ארויסלאָזן די יידן. נאָך יעדער מכה, האָט ער פייערלעך צוגעזאָגט זיי צו באַפרייען, און נישט געהאַלטן וואָרט.

די אגדה דערציילט: ווען ינאי המלך האָט דערפילט, אז זיינע טעג זענען געציילטע און ער וועט אין גיכן שטאַרבן, האָט ער צוגערופן זיין געטרייע ווייב שלומית און געזאָגט צו איר: איך פיל, אז איך וועל באַלד שטאַרבן, אונדזער זון איז נאָך צו יונג צו פירן די מלוכה, וועל איך דעריבער איבערלאָזן די מלוכה אין דיינע הענט.

נאָר איידער איך פאַרלאָז די וועלט, ווייל איך דיר איבער־געבן א סוד, וואָס דאָס וועט דיר העלפן צו הערשן מיט חכמה און גערעכטיקייט, און עס וועט דיר זיין פיל גרינגער צו פירן די מלוכה.

געדענק שטענדיק, אז מען דאַרף נישט אורטיילן מענטשן לויט דעם קאָליר פון זייער הויט, און נישט לויט זייער גלויבן און אמונה. מען דאַרף זיך אויך נישט רעכענען צו וואָס פאַרא פּאָליטישער פּאַרטיי זיי געהערן.

פרעגט די קעניגין שלומית: — לויט וואָס דאַרף מען יאָ אורטיילן? — ענטפערט איר ינאי המלך: פאַראַן צוויי מינים מענטשן: איין מין איז גוט און ערלעך, און א צווייטער מין איז שלעכט און פאַלש. האָב נישט קיין מורא פאַר די ערלעכע, צו וואָס פאַר א גלויבן און פּאַרטיי זיי זאָלן נישט געהערן. נאָר געדענק, דו זאָלסט זיך היטן פאַר די פאַלשע. נישט דער קאָליר אָדער גלויבן מאַכן א חילוק צווישן איין מענטשן און דעם אַנ־דערן, נאָר זייער כאַראַקטער מאַכט דעם אונטערשייד צווישן זיי...

✶

ואתה ועבדיך ידעתי כי טרם תיראון מפני ד׳ אלקים — און דו און דיינע קנעכט, איך ווייס, אז איר האָט נאָך אַלץ נישט מורא פאַר ג—ט.

עס איז פאַראַן א באַוווסטע פראַגע: פאַרוואָס איז געקומען די מצריים צו באַשטראָפן דערפאַר וואָס זיי האָבן געפּייניקט די יידן, עס איז דאָך געווען א פון פאַראוים באַשטימטע גזירה, וואָס ג—ט האָט גוזר געווען אויף די יידן, אז די מצריים זאָלן זיי פּייניקן? — נאָר דער ענטפער איז, אז די מצריים האָבן דאָס נישט געטאָן כדי מקיים צו זיין ג—ט׳ס גזירה, נאָר צוליב זייער שלעכטקייט און צוליב זייער פיינטשאַפט צו יידן — דעריבער זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן.

ווען פרעה וויל זיך פאַרענטפערן, אז: — ג—ט איז גערעכט מיט זיין גזירה און ער פרעה איז אויך גערעכט, ווייל ער האָט נאָר געוואָלט דערפילן ג—ט׳ס גזירה, זאָגט אים משה רבינו: — ואתה ועבדיך ידעתי כי טרם תיראון — איך ווייס, אז דו מיט דיינע קנעכט האָבן נישט געפּייניקט יידן צוליב יראת שמים, ווייל איר האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט מקיים זיין ג—ט׳ס ווער־טער און אָפּהיטן זיין גזירה, נישט צוליב פרומקייט און צוליב מורא פאַר ג—ט האָט איר עס געטאָן, נאָר צוליב איינפאַכער אכזריות און שלעכטקייט, דעריבער קומט אייך צו ווערן באַשטראָפט...

✶

דער אויבערשטער זאָגט צו משהן: זאָג די יידן, אז „והוצאתי" — איך וועל אייך אַרויסנעמען פון דער מצרישער

פאַרשקלאַפונג. „והצלתי" — איך וועל אייך מציל זיין פון דער עבודה זרה. „וגאלתי" — איך וועל אייך אויסלייזן אַז איר זאָלט מעגן גיין מיט שטאָלצע אויסגעגלייכטע רוקנס. „ולקחתי" — און איך וועל אייך נעמען פאַר מיין פאָלק. „והבאתי" — און דאַן וועל איך אייך ברענגען אין צוגעזאָגטן לאַנד.

די חז"ל, באַמערקן דערויף, אַז בכדי צו ווערן אַ פאָלקאָם פריי זעלבשטענדיק פאָלק, אין אַן אייגן לאַנד, זענען נויטיק דער־ביי פיר ערליי פרייהייטן:

1) עקאָנאָמישע פרייהייט, נישט צו זיין אונטערגעוואָרפן פאַרשידענע שיקאַנעס. 2) רעליגיעזע פרייהייט. 3) נאַציאָ־נאַלע פרייהייט. 4) פּאָליטישער פרייהייט, אַלס זעלבשטענ־דיק פאָלק מיט אַן אייגענע מלוכה...

✶

„אלה ראשי בית אבותם" — דאָס זענען די הויפּטן פון זייערע פאָטערהייזער. פאַרוואָס רעכנט די תורה אויס דעם יחוס פון משהן און אהרנען? — ווייל עס ליגט אין דער נאַטור פון מענטשן צו פאַרערן און רעספּעקטירן די פירער וועלכע באַווייזן וווּנדער. מיט דער צייט פאַרגעסט מען, אַז אויך די גרויסע פי־רער, די „בעלי מופת" שטאַמען פון מענטשן. איז כדי צו פאַר־מיידן, אַז די יידן זאָלן ח"ו נישט מאַכן דעם זעלבן טעות, ווי ניט יידן האָבן געמאַכט, באַשרייבט די תורה ספּעציעל די דערציי־לונג פון די אויסלייזער — פון משהן מיט אהרנען — אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן נאַטירלעך פון אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, פון עמרם'ען און יוכבדן...

✶

מען האָט געפרעגט ביי ר' שמואל מאָהילאָווער: פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט צוויי שליחים אַרויסצונעמען די יידן פון מצרים, איז דען נישט גענוג געווען איינער?

האָט ער געענטפערט, אַז אין דער צוקונפטיקער גאולה וועלן אויך זיין צוויי משיחים, משיח בן יוסף און נאָכדעם משיח בן דוד. האָט מען אים ווידער געפרעגט: פאַרוואָס טאַקע דאַרף מען צוויי משיחים אין דער קומענדיקער גאולה? — האָט ער גע־ענטפערט: איינעם דאַרף מען אַרויסצונעמען די יידן פון גלות, און דעם צווייטן, אַרויסצונעמען דעם גלות פון די יידן...

✶

פרעה האָט גערופן משהן און אהרנען און געזאָגט צו זיי: גייט שעכט צו אייער ג-ט אין לאַנד. זאָגט משה: — עס איז נישט רעכט אַזוי צו טאָן, ווייל אַז מיר וועלן שעכטן די מצרישע היי־

ליקייט (זיי האָבן געדינט צו בהמות), וועלן זיי אונדז נישט פאַר-שטיינען?

ווי קומט עס אייגנטלעך, אַז משה זאָל מורא האָבן? האָט ער דען חלילה נישט געהאַט קיין בטחון?

נאָר דער חתם סופר טייטשט דעם פסוק אַזוי: עס איז טאַ-קע אמת אַז „נזבח וכו׳ ולא יסקלונו״ — איך בין זיכער, אַז ווי באַלד דאָס איז דעם אויבערשטענס ווילן, וועט אונדז זיכער קיין שלעכטס נישט געשען. אָבער „לא נכון לעשות כן״ — עס איז נישט ריכטיק צו נעמען די מצרישער אָפּגעטער און זיי שעכטן פאַר זייערע אויגן.

אָט דאָס הייסט יידישע אָנשטענדיקייט, יידישע רחמנות.

פּרעה פאַרשקלאַפט די יידן, מאַטערט זיי מיט די שווער-סטע אַרבעטן, דאָך האָט דער איידעלער משה נישט געהאַט אַ האַרץ, ווי צו טאָן די געפילן פון די יידן-פּייניקער...

✶

עס ווערט דערציילט: צו ר׳ נחומקע גראָדנער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ ייד אַן אָרעמאַן און האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט נישט ווו איבערצונעכטיקן. עס איז געווען ווינטער, אַ שרעקלעכער פראָסט, האָט דער רב אים אייגעלאָדן אַלס זיין אורח, אים געגעבן עסן, טרינקען און אַ גוטן געלעגער, כאָטש ער אליין האָט געהאַט אַ קליינע וווינונג.

אינדערפרי, דער רב שטייט אויף, און דער אורח איז נישטאָ. טראַכט ער, אפשר האָט ער געדאַרפט פרי אַוועקגיין. דער רב וויל גיין אין בית המדרש דאַווענען, איז נישטאָ זיין פּעלץ. ער רעדט נישט קיין וואָרט און גייט צום דאַווענען אָן דעם פּעלץ.

ווען מען האָט דערזען אין בית - המדרש אַז דער רב איז גע קומען אָן דעם נייעם פּעלץ, וואָס די גבאים האָבן ערשט נישט לאַנג צוריק אים געגעבן אַלס מתנה, האָט מען זיך גענומען וווּנ-דערן. רופט זיך אָן אַ יונגערמאַן: — איך האָב נאָר וואָס געזען אין גאַס אַ יידן אָנגעטאָן אין דעם רב׳ס פּעלץ. האָט מען געוואָלט לויפן כאַפּן דעם גנב. האָט זיך אָבער אָנגערופן דער רב צום יונגערמאַן: „איז דער פּעלץ גוט אויף אים?״ „יאָ״, האָט דער יונגערמאַן געענטפערט „זיין מאָס״.

„אויב אַזוי״, האָט זיך דער רב אָנגערופן, „זאָל ער אים טראָגן געזונטערהייט. ער איז דאָך נעבעך אַן אָרעמאַן, עס איז ווינטער און דער פראָסט ברענט...״

רחמנים בני רחמנים...

בא

ויאמר ד׳ אל משה בא אל פרעה — און ג־ט האָט געזאָגט צו משה׳ן, קום צו פרעה׳ן. עס שטייט נישט — לך אל פרעה — גיי צו פרעה׳ן, נאָר „בא". ווייל, זאָגט דער קאָצקער רבי, ג־ט איז אומעטום, פון אויבערשטן גייט מען נישט אוועק, „מלא כל הארץ כבודו" — ער איז אומעטום דאָ. דעריבער פאַסט זיך בעסער דער אויסדרוק „בא" — קום מיט מיר — איך בין מיט דיר.

די חז"ל דערציילן: דער רוימישער קייסער האָט זיך אַמאָל באַרימט פאַרן רבן גמליאל: „איך ווייס דעם פּלאַץ, ווו אייער ג־ט געפינט זיך און וואָס ער טוט".

רבן גמליאל הערט אים אויס און גיט אַ זיפץ. פרעגט אים דער קייסער: „וואָס זיפצסטו?". זאָגט רבן גמליאל: „איך האָב אַ זון, איז ער ערגעץ אַוועקגעפאָרן זען די גרויסע שטעט ביים ים. איך בענק זייער נאָך אים און וואָלט אים זייער וועלן זען. קענסטו מיר אפשר זאָגן, ווו ער געפינט זיך?" ענטפערט דער קייסער: „ווי קען איך דאָס וויסן, ווו ער געפינט זיך?" זאָגט רבן גמליאל: „אויב דו ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד, היינט ווי קענסטו וויסן וואָס עס טוט זיך אויפן הימל און אַוו דער כבוד פון ג־ט געפינט זיך?"...

✶

אל תסף ראות פני וכ׳ו — פרעה זאָגט צו משה׳ן: זאָלסט מער מיין פנים נישט זען, ווייל אין דעם טאָג וואָס דו זעסט מיין פנים וועסטו שטאַרבן.

רבי יהושע בן לוי זאָגט (מדרש): משה האָט געזאָגט צו פרעה׳ן: זיי וויסן, אַז די בכורים וועלן אויסשטאַרבן ביינאַכט. האָט פרעה אָנגעהויבן חוזק צו מאַכן פון אים. ער האָט גע־זאָגט: וויפיל וועלן זיי עס זיין די בכורים אין מצרים? עטלעכע הונדערט...

אָבער דער דאָזיקער שוטה האָט נישט געוווסט, אַז די מער־הייט מצריים זענען בכורים. ווייל זיי אַלע האָבן זיך געוויקסט אין זנות, זענען זיי אַלע ממזרים געווען, און יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ בכור ביי זיין טאַטן...

ווען אַלע בכורים זענען אויסגעשטאָרבן, און די עלטסטע פון די הייזער, דאָרטן ווו עס זענען קיין בכורים נישט געווען

זענען אויך געשטאָרבן, און פּרעה האָט געזען, אַז די מערסטע פון זיינע זין און די זין פון זיינע קנעכט און די זין פון זיינע דינסטן זענען אויסגעשטאָרבן, האָט ער געטראַכט ביי זיך: משה האָט מיר קיינמאָל קיין ליגן נישט געזאָגט. די אַלע טעג, וואָס משה איז געווען ביי מיר, פלעג איך אים איבערבעטן און ער פלעגט מתפלל זיין פאַר אונדז, און מיר זענען דאַן באַלד אויסגעהיילט געוואָרן. איצט בין איך אין כעס געוואָרן אויף אים און געזאָגט צו אים: דו זאָלסט מער מיין פּנים נישט זען. איז דעריבער איצט די גלייכסטע זאַך, אַז איך אַליין זאָל גיין צו אים.

איז ער באַלד אויפגעשטאַנען פון זיין בעט מיט אַ גרויס געוויין און געגומען מיט זיך זיינע האָרן און אַוועקגעלאָזט זיך אין די יידישע גאַסן און זיך נאָכגעפרעגט ווו עס געפינען זיך משה און אהרן. די יידישע יינגלעך האָבן געטריבן שפּאַס מיט אים און געלאַכט, ווען ער האָט זיי געפרעגט ווו עס וווינט משה. זיי האָבן געזאָגט צו אים: אָט דאָ שטייט ער, אָט דאָ וווינט ער. אַנדערע האָבן געוויזן אויף אַן אַנדער אָרט, ביז ער האָט ענדלעך געפונען דאָס הויז, ווו משה האָט געוווינט...

✶

החדש הזה לכם וכ'ו — דער לוח פון די מצריים איז גע-ווען באַזירט אויף דער זון. זיי האָבן געציילט זייערע מאָנאַטן און צייט לויט דעם גאַנג פון דער זון. דעריבער זענען יידן אָנ-געזאָגט געוואָרן, אַז „החדש הזה לכם" — אַז מיר זאָלן אָנ-הויבן ציילן אונדזער צייט לויט דער לבנה.

אַנדערע פעלקער קענען עקזיסטירן נאָר דאַן, ווען ס'איז זיי ליכטיק — ווען די זון שיינט. ווערט נאָר אָבער, אַמאָל פינצטער, דאַן ווערן זיי אין גאַנצן פאַרניכטעט און פאַרשווינדן. יידן דאַקעגן קענען עקזיסטירן און לייכטן אפילו ווען עס איז זיי פינצטער, פונקט ווי די לבנה שיינט אין דער פינצטער.

החדש הזה לכם וכ'ו — דער חודש ניסן איז דער אויס-דערוויילטער פון אַלע חדשים. יידן זענען מחויב צו ציילן די חדשים אַזוי, אַז ניסן זאָל זיין דער ערשטער. אין דעם חודש טאָר מען נישט טרויערן און אפילו קיין תחנון נישט זאָגן. אין חודש ניסן איז געפייערט געוואָרן די באַנייאונג פון משכן.

ר' לוי זאָגט (מדרש): פיל האָט ג-ט באַשאַפן אין זיין וועלט און אויסגעקליבן האָט ער מער נישט ווי איינצלנע זאַכן. ג-ט האָט באַשאַפן זיבן טעג און אויסדערוויילט דעם טאָג שבת. פון די יאָרן איז דאָס שמיטה-יאָר דער הייליקסטער. נאָך זיבן שמיטות איז דער פופציקסטער יאָר — יובל. ג-ט האָט אַלע לענדער באַשאַפן, אָבער פאַרהייליקט נאָר ארץ-ישראל. פון אַלע

שבטים איז דער שבט לוי באַשטימט געוואָרן צו טאָן די הייליקע אַרבעט, און פון אַלע מאַנאַטן האָט ג-ט אויסגעקליבן דעם חודש ניסן...

✶

„ויאמר ה' אל משה בא אל פּרעה" — און ג-ט זאָגט צו משהן: קום צו פּרעהן און פרעג אים: ביז ווי לאַנג וועסטו זיך נישט אונטערגעבן מיין פאַרלאַנג? — „שלח את עמי", שיק אַרויס מיין פאָלק און זיי זאָלן מיר דינען.

זינט משה איז געקומען צו פּרעהן, האָט מצרים דורכגע-מאַכט פיל מכות, איינע גרעסער פון דער צווייטער. די קנעכט פון פּרעהן זענען געוואָרן זייער פאַרצווייפלט, זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקענט טאָן. „פּרעה עשה עצמו אלהים" — פּרעה האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ גאָט. ווי אַלע אַנדערע דעספּאָטישע דיקטאַטאָרן אין דער געשיכטע, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער באַזיצט איבערמענטשלעכע כוחות, און קאָן טאָן וואָס ער וויל.

לויט דער אויפפאַסונג פון די חז"ל, זענען אויך נישט אַלע יידן געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער באַפרייאונגס באַוועגונג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרט פון משה און אהרן. פיל האָבן אַפי לו געשטערט די אַרבעט פון די פירער. דערפאַר האָט זיי ג-ט באַשטראָפט און זיי זענען אַלע אויסגעשטאָרבן, בעת די דריי טעג פון גרויסע פינסטערניש...

✶

מען דערציילט: ר' חיים צאַנזער, האָט אַמאָל געפרעגט איי-נעם פון זיינע בעלי־בתים פאַרוואָס ער רודפט אַזוי און דערגייט די יאָרן, זיינעם אַ שכן? ענטפערט ער — רבי, מיין שכן איז אַ רשע, און עס איז אַ מצוה אים צו באַגראָבן... האָט אים ר' חיים געזאָגט: אין מדרש ווערט געבראַכט, אַז די מכה פון חושך (פינ־סטערניש) איז געקומען אויף די מצריים, כדי אין יענער צייט זאָלן אויסשטאַרבן די יידישע פושעים, און די מצריים זאָלן נישט זען ווי מען באַגראָבט זיי. די חז"ל זאָגן אויפן פּסוק „ואת ערום ועריה", אַז די יידן האָבן נישט געהאַט קיין מצוות ווען זיי זע-נען אַרויס פון מצרים. דעריבער האָט דער אויבערשטער זיי גע-געבן די מצוות מילה און פּסח. איז דאָך פון דאַנען געדרונגען, אַז דאָס וואָס זיי האָבן באַגראָבן די רשעים אין דער צייט פון פינסטערניש, איז נישט פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ מצוה...

✶

„ וישאלו וכו' " — דער אויבערשטער האָט געהייסן די יידן לייען גאָלד און זילבער ביי די מצריים. היתכן? ער האָט דאָך געוווסט אַז זיי וועלן נישט אָפּגעבן?

ענטפערט דערויף דער רשב"ם, אז „וישאלו" איז דאָ נישט דער טייטש „לייען", נאָר עס מיינט „בעטן", ווי למשל „חיים שאל ממך" — די יידן האָבן נישט געבאָרגט ביי די מצריים, נאָר זיי האָבן פשוט געבעטן מתנות.

ר' יוסף קאַרלינער באַמערקט, אז „וישאלו איש מאת רעהו" מיינט, איין ייד ביי דעם צווייטן. דאָס איז אַן אָנווייזונג אויף שפּעטערדיקע דורות, אין אַלע צייטן, און אין אַלע לענדער, זאָלן זיי זיך קעגנזייטיק שטיצן, העלפן, לייען און אַזוי אַרום פאַרווירקלעכן די מצוה פון גמילות חסדים.

✶

ר' זלמן אורים איז געווען אַ גרויסער גביר און אַ בעל-צדקה. ער פלעגט זייער פיל העלפן מיט גמילות חסדים נויטבאַדערפטיקע. איינמאָל איז געקומען צו אים אַ יונגערמאַן און גע־בעטן ער זאָל אים לייען דריי הונדערט רובל אויף עפּעס אַ קרעמל. פרעגט אים ר' זלמן, צו ער האָט עפּעס אַ גוטזאָגער, אַ זשיראַנט. ענטפערט דער יונגערמאַן, אַז ער קען קיינעם נישט אין שטאָט וואָס זאָל וועלן גאַראַנטירן פאַר אים אַזאַ גרויסע סומע, סיידן דער רבונו של עולם...

האָט ר' זלמן געזאָגט, אַז קיין בעסערן גאַראַנטאָר דאַרף ער נישט.

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט דער יונגערמאַן צוריק־געבראַכט דאָס געלט, אָבער ר' זלמן האָט דאָס נישט געוואָלט נעמען, ווייל דער „זשיראַנט" (דער רבש"ע) האָט אים שוין אָפּ-געגעבן מיט פּראָצענט... אָבער דער יונגערמאַן האָט זיך אויך אָנגעזאָגט צו נעמען דאָס געלט.

זענען זיי איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס — אַז דאָס געלט זאָל ליגן ביי ר' זלמנען פאַר גמילות חסדים, און די מצוה דערפון זאָל געהערן צו ביידע...

✶

צו אַ ריכטער, זענען אַמאָל געקומען צוויי מענטשן ער זאָל אַרויסטראָגן אַ פּסק. איינער פון די בעלי דברים, וועלכער האָט געוווסט, אַז דער ריכטער האָט ליב אונטערקויף געלט, האָט אים פאַרגעלייגט אַ געוויסע באַלוינונג מיטן באַדינג, אַז ער זאָל זיך שטעלן אויף זיין זייט. דער ריכטער איז דערויף איינגעגאַנגען.

דער צווייטער בעל-דבר האָט זיך דערפון דערוווסט, איז ער אויך אַוועק צום ריכטער און אים פאַרגעלייגט אַ גרעסערע סומע. ווען עס איז געקומען דער באַשטימטער טאָג, און דער געריכט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער ריכטער, זייענדיק אונטערגעקויפט

פוןביידע זייטן, נישט געוווסט וואָס צו טאָן און האָט כסדר געשוויגן.

צעשמייכלט זיך דער צווייטער בעל-דבר און זאָגט: אין דער תורה שטייט „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו" — אויף די יידן האָבן אפילו די הינט נישט געבילט. פאַרוואָס? — ווייל די חז"ל זאָגן, אז „מלאך המות בא לעיר, כלבים בוכים" — ווען דער מלאך־המות איז דאָ אין שטאָט, בילן די הינט טרויע-ריק. דאַקעגן, אז „אליהו בא לעיר, כלבים שוחקים" — ווען אליהו הנביא קומט אין שטאָט, בילן די הינט פריילעך.

דאָס מאָל האָבן זיך גראָד צונויפגעטראָפן ביידע זאַכן צו-זאַמען: פון איין זייט איז געווען אַ מגפה (מלאך-המות) אויף די מצריים, און פון דער צווייטער זייט, אַ גאולה (אליהו) אויף די יידן. די הינט זענען אַלזאָ, געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט, ניט ווויסנדיק וויאַזוי צו בילן. נישט קענענדיק זיך קיין עצה געבן, האָבן די הינט דעציידירט „לא יחרץ" — איינגאַנצן פאַרמאַכן די מיילער און שווייגן...

אויך איר חשובער ריכטער, ווי איך זע — פירט אוים דער צווייטער בעל-דבר — געפינט זיך, נעבעך, אין דער זעלבער לאַגע, און אָנגענומען דעם זעלבן באַשלוס פון שווייגן...

בשלח (שבת שירה)

ויהי בשלח פרעה את העם וכ'ו — און עס איז געווען, ווען פרעה האָט ארויסגעשיקט דאָס פאָלק. פאַרוואָס באַנוצט די תורה דעם אויסדרוק „את העם" (צווייטע מדרגה) און נישט „את בני ישראל"? — אין די ווערטער „את העם" איז פאַראַן אַן אָנדייטונג פון „ערב רב". דער בעל־הטורים געפינט דאָס אין אַ „גמטריא": „את העם" באַטרעפט די זעלבע צאָל ווי „גם ערב־רב". לויט דער באַהויפּטונג איז: — ויהי בשלח פרעה — את העם — דערפאַר וואָס פרעה האָט אַרויסגעשיקט דעם ערב-רב מיט די יידן, איז דעריבער — ולא נחם וכ'ו — האָט זיי דער אויבערשטער נישט געוואָלט פירן אויף דעם וועג וואָס איז נאָענט צו מצרים. פּן ינחם העם — ווייל די דאָזיקע פון ערב-רב קאָנען אַזאַ מאָמענט אויסנוצן פאַר גרויל-פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם גרויסן אידעאַל פון באַפרייאונג, און פריידיקן זיך אומצוקערן קיין מצרים.

✶

אָז ישיר — עזי וזמרת קה וכ'ו — מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז ג־ט.

אין מדרש ווערט דערציילט: משה האָט געזאָגט צו די יידן: איר האָט געגעבן אַ לויב צו ג-ט, וואָס האָט געטאָן מיט אייך אַזוי פיל ניסים, וועל איך אויך געבן אַ שבח און אַ לויב דעם אויבערשטן, וואָס האָט ניסים מיט מיר געטאָן:

„ווען מיין מוטער האָט מיך געבוירן, האָט זי מיך אויס־באַהאַלטן, און ווען זי האָט מיר נישט געקענט מער אויסבאַהאַלטן, האָט זי גענומען אַ קעסטל און אויסגעשמירט עס מיט ליים און מיט סמאָלע, און אַוועקגעשטעלט ביים ברעג פון טייך און מיר אַריינגעלייגט דאָרטן, און מיין שוועסטער, מרים, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון דער ווייטנס, כדי צו זען וואָס עס וועט געטאָן ווערן מיט מיר".

„האָט ג-ט אַראָפּגעבראַכט אַ גרויסע היץ אויף מצרים. איז די טאָכטער פון פרעה געגאַנגען זיך באָדן אין טייך, האָט זי דערזען דאָס קעסטל און האָט געשיקט איר דינסט, זי זאָל עס ברענגען. ווען זי האָט דאָס קעסטל אויפגעעפנט און מיר דערזען, האָט זי זיך דערבאַרעמט איבער מיר. ג-ט האָט מיר געגעבן חן אין אירע אויגן, זי זאָל מיך נישט טויטן. זי האָט

פּרובירט מיר געבן זויגן פון אירע ברוסטן, האָט דער אויבער־שטער מיר אַריינגעגעבן שכל, אַז איך זאָל נישט וועלן זויגן פון איר מילך, און זי האָט מיר אומגעקערט אין שויס פון מיין מוטער, וועלכע האָט דערפאַר באַקומען אַ גרויסן לוין".

„ווען איך בין אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט מיר פּרעה'ס טאָכטער אָנגעטאָן אין זיידענע און קאָלירטע קליידער און גע־שיקט מיר צו איר טאַטן. אַז פּרעה האָט מיר דערזען, ווי שיין איך בין, האָט ער מיר גענומען אויף זיין שויס, און איך האָב אַראָפּגענומען די קרוין פון זיין קאָפּ און אָנגעטאָן אויף מיין קאָפּ. האָבן די אַלע חרטומים פון מצרים און די חכמים געזאָגט צו פּרעה'ן: — אָט דאָס קינד וואָס האָט די קרוין אַראָפּגענומען פון דיין קאָפּ און זי אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ, האָבן מיר מורא, ער זאָל אַמאָל נישט זיין אָט דער, וואָס איז פאָראויסגעזען אָוועקצונעמען די דאָזיקע קעניגרייך פון דיין האַנט. און די מערהייט פון זיי האָט געזאָגט מען זאָל מיר הרגענען".

„בלויז איינער פון זיי, און יתרו איז זיין נאָמען, האָט זיך אָפּגערופן און געזאָגט: דאָס קינד האָט קיין שכל נישט, נאָר אויב דו ווילסט, וועל איך עפּעס פאָרלייגן: זאָל מען אָוועק־לייגן פאַר דעם קינד אַ גאָלדן רענדל און אַ גליענדיקע קויל. אויב ער וועט אויסשטרעקן זיין האַנט און נעמען דאָס רענדל, וועסטו וויסן, אַז ער איז אַ בר-דעת און דו וועסט אים משפּטן. אויב אָבער ער וועט אויסשטרעקן זיין האַנט און נעמען די קויל, וועסטו וויסן, אַז ער איז נאָך אַ קינד, און וועסט אים אָפּלאָזן. ווען פּרעה מיט זיינע קנעכט האָבן די דאָזיקע רייד געהערט, זענען זיי געפעלן געוואָרן אין זייערע אויגן, און האָבן געטאָן אַזוי: זיי האָבן דאָס רענדל מיט דער קויל אויף איין טאַץ אָוועקגעלייגט, און ווען איך האָב געוואָלט נעמען דאָס רענדל, איז געקומען דער מלאך גבריאל און האָט אַ שטויס געטאָן מיין האַנט צו דער קויל, האָב איך זי גענומען און צו־געטראָגן זי צום מויל, און דערפאַר בין איך אַ כבד-פּה פאַר־בליבן . . .

✶

והיה ביום הששי והכינו וכ'ו — און עס וועט זיין אויפן זעקסטן טאָג, זאָלן זיי צוגרייטן.

רבנו יהודה החסיד שרייבט: זייער און זייער דאַרף אַ מענטש זיין פאָרזיכטיק מיט צוצוגרייטן אויף שבת — פלינק און אָפּגעהיט — ווי אַ מענטש וואָס האָט געהערט, אַז די מלכה קומט און זי וועט איינשטיין ביי אים אין הויז, אָדער די כלה און איר סוויטע קומען צו אים אין הויז. וואָס טוט ער? — ער פרייט זיך זייער און זאָגט: וואָס פאַר אַ כבוד מען האָט מיר געטאָן, וואָס זיי קומען אונטער מיין באַלקן, און ער זאָגט

צו זיינע קנעכט: גרייט צו דאָס הויז פאַרן כבוד פון די געסט און איך וועל גיין קויפן די בעסטע שפּייז פאַר זייער כבוד וועגן. — היינט וואָס איז ביי אונדז גרעסער פון שבת, וואָס איז אַ כלה און אַ מלכה אינאיינעם?...

✶

היינט איז „שבת שירה", דער שבת אין וועלכן מען לייענט די שירה פון ים, און פאַלט שטענדיק אויס, פאַרן פופצנטן שבט, אָדער דעם פופצנטן.

שבת - שירה איז אַ מנהג ביי יידן צו וואַרפן גרויפּן און קאַשע פאַר פייגעלעך, ווייל אין דער סדרה „בשלח" געפינט זיך די פרשה פון מן. דער מדרש זאָגט אויפן פסוק: „און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, זענען פון פאָלק ארויסגעגאַנגען קלייבן (מן), אָבער זיי האָבן נישט געפונען". איז דאָך אַ פראַגע: עס האָט באַדאַרפט שטיין, אַז עס איז נישט געווען, נישט, זיי האָבן נישט געפונען? — נאָר דתן ואבירם זענען שטילערהייט געקו-מען פריִיטיק בייינאַכט און פונאַנדערגעוואָרפן זייערע פאַרציעס מן, כדי צו ווייזן אויף צומאָרגנס, אַז משה, האָט ליגן געזאָגט, אַז אויפן זיבעטן טאָג וועט קיין מן נישט זיין, נאָר דער מן פון הימל פאַלט אויך אום שבת.

די מענטשן, וועלכע זענען ארויס שבת אין דער פרי, קלייבן, האָבן נישט געפונען, ווייל די פייגעלעך האָבן דעם מן, איבער נאַכט, אויפגעגעסן. דעריבער, אלס דאַנקבאַרקייט גיט מען זיי זייער שכר (גרויפּן און קאַשע וואָס האָט דעם אויסזען פון מן), שבת-שירה ווען מען לייענט די פרשה פון מן...

✶

אָז ישיר משה — (דאַן וועט משה זינגען), האָט אייגנטלעך געדאַרפט שטיין „אָז שר משה" דאַן האָט משה געזונגען? — זאָגן אויף דעם די ח"זל (סנהדרין צ"א) „מכאן לתחית המתים מן התורה". דאָ איז אַן אָנווייזונג אין דער תורה, אויפן ווידער-געבורט (תחית-המתים) פון די טויטע, און אויך דאַן וועט משה זינגען.

דעמאָלט ווען דאָס יידישע פאָלק וועט זיין צוגעבונדן צום אויבערשטן מיט אומבאַגרענעצטן גלויבן, זיי וועלן רעספּעק-טירן זייערע גייסטיקע מנהיגים, עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן דער „ויאמינו בד' ובמשה עבדו" טריישאַפט און איבערגעגעבנ-הייט צום אויבערשטן און צו תורת-משה — דאַן קענען זיי זיין זיכער, אַז דער וועג צו גאולה וועט פאַר זיי שטיין אָפן, אָן וועל-כער עס איז שרעק פאַר שונאים, ווייל זיי וועלן באַזיצן דעם פאַנצער פון אמונה וואָס באַשיצט.

„מכאן לתחית המתים מן התורה” נאָר פון דער אַלטער (וואָס איז שטענדיק נײַ) סיני — תורה, קענט איר שעפּן לעבן און אויפלעבונג. נאָר דאַן ווען די תורה און די יידישע טראַדי־ציעס וועלן ווידער הערשן אויף דער יידישער גאַס — קענט איר דערוואַרטן ווידערגעבורט. תחית־המתים, לעבעדיק מאַכן די אָפּ־געשטאָרבענע גלידער פון פאָלק, אַריינברענגען לעבן און האָ־פענונג אין דער מתים־שטימונג פון אַ סך גרופּן, — קען מען נאָר „מן־התורה” נעמען אויף זיך נאָכאַמאָל דעם יאָך פון דער תורה, און דאַן וועט איר דערזען ממש „תחית המתים”...

*

אם שמוע תשמע וכ"ו, והישר בעיניו תעשה — אויב צו־הערן וועסטו צוהערן צום קול פון ד' און וועסט טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין זיינע אויגן.

זאָגן די חז"ל, אז „והישר בעיניו תעשה, זה משא ומתן” ד. ה. ערליך האַנדלען, און ווען דו צווייפלסט אין דיין גערעכטי־קייט, זאָלסטו פרעגן אַ תלמיד־חכם און פאַרשטענדלעכן מענטש.

אין ספר „המבקש” ווערט דערציילט: צוויי מענטשן זענען געגאַנגען אין וועג, איינער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך דריי חלות, און דער צווייטער — צוויי חלות. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ דריטן וואַנדערער, וועלכער האָט גאָרנישט געהאַט, און זיי האָבן אים פאַרנעלייגט צו געניסן פון זייער שפּייז. ווען דער דריטער וואַנדערער האָט זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין צוזאַמען געהאַט אויפגעגעסן אַלע פינף חלות, האָט ער אַרויסגענומען פינף גילדן און זיי געגעבן פאַר דעם חלק, וואָס ער האָט געגעסן. דאָ איז אַנטשטאַנען צווישן זיי אַ סכסוך וועגן דער פאַנאַנדערטיילונג פון געלט.

דער וואָס האָט געהאַט די דריי חלות האָט געטענה'ט, אז לויטן חשבון האָט יענער געגעסן דריי פינפטל פון זיינע חלות און צוויי פינפטל פון צווייטנס חלות, קומט אים דעריבער דריי גילדן און דעם חבר, צוויי. דאקעגן דער צווייטער האָט געהאַלטן, אז מען דאַרף זיך מיט דעם געלט גלייך צוטיילן, ווייל יענער האָט געגעסן פון וועלכע חלות ער האָט געוואָלט.

נישט קענענדיק קומען צו קיין אויסגלייך זענען זיי געגאַנ־גען צום אבן-עזרא, האַלטן אַ דין־תורה. דער אבן-עזרא, האָט אויסגעהערט די טענות און געפּסקנ'ט, אז דער פון די דריי חלות דאַרף באַקומען פיר גילדן און דער צווייטער נישט מער, ווי איין גילדן. די בעלי־דינים זענען געבליבן פאַרוווּנדערט פון אויסטער־לישן פּסק, לויט וועלכן איין בעל-דין באַקומט נאָך מער, ווי ער האָט אליין פאַרלאַנגט!

האָט זיי דער אבן-עזרא אזוי דערקלערט: — געהאַט האָט

איר צוזאמען פינף חלות, צו וועלכע איר זענט געווען דריי פער-זאָן, יעדער פון אייך האָט, הייסט עס, אויפגעגעסן א דריטל, יעדע חלה איז אזוי ארום פארטיילט געוואָרן אויף דריי חלקים. די פינף חלות אויף פופצן חלקים, פופצן דריטלען, פינף דריטלען אויף א פערזאָן. דער אייגנטימער פון די צוויי חלות האָט, געהאט זעקס דריטלען, פון וועלכע פינף דריטלען האָט ער אליין אויפגעגעסן, און נאָר איין דריטל (דאָס זעקסטע), האָט ער אוועקגעגעבן דעם דריטן וואנדערער, קומט אים נישט מער, ווי איין גילדן. דאקעגן, דער אייגנטימער פון די דריי חלות, האָט געהאט ניין דריטלען, אויפעסנדיק אליין פינף האָט ער אוועקגעגעבן יענעם פיר קומט אים דעריבער פיר גילדן...

יתרו

וישמע יתרו וכו׳ — יתרו האָט געהערט וועגן אַלץ וואָס ג—ט האָט געטאָן פאַר משה׳ן און פאַר זיין פאָלק ישראל.

באמת האָבן אַלע דאָס געהערט, נאָר בעת אַלע האָבן גע־הערט און זענען אויך ווייטער געבליבן ביי זייערס, האָט יתרו „דערהערט״ און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז „כי גדול ד׳״, אַז דער אויבערשטער איז גרויס און מעכטיק.

די חז״ל זאָגן: ווען בלעם איז געקומען שעלטן די יידן, האָט ער געשאָלטן די יידישע שונאים. אָבער ווען ער האָט געזען יתרו׳ן האָט ער געזאָגט: „איתן מושביך״ — דיין פּאָזיציע איז שטאַרק. עס איז א משל צו איינעם וואָס האָט געצילט צו שיסן א פויגל. דער פויגל איז אנטלאָפן און אוועקגעשטעלט זיך אויפן בילד פון קעניג. דער שיסער האָט דאַן אויסגערופן צום פויגל: „יפה ברחת״ ביזט גוט געפלויגן, דיין פּאָזיציע איז שטאַרק, איך האָב איבער דיר מער קיין שליטה נישט. דאָס זעלבע האָט בלעם געזאָגט אויף יתרו׳ן: דו יתרו ביזט מיט מיר אמאָל געווען אין איין עצה, דו האָסט אָבער גוט געפלויגן, דו האָסט זיך באהעפט מיט יידן און זייער ג—ט, דיין שטעלונג איז א קלוגע און א שטאַרקע...

✶

ווען משה האָט אָנגעזאָגט די יידן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי באַקומען די תורה, ווייל ג—ט האָט זיי אויסגעקליבן פאַר זיין „עם סגולה״, פאַר זיין אויסדערוויילט פאָלק, האָבן זיי אַלע מיט איין קול געענטפערט „נעשה ונשמע״ — מיר וועלן טאָן און פאָלגן. זענען געקומען זעקס הונדערט טויזנט מלאכים און האָבן אויף יעדן יידן אָנגעבונדן צוויי קרוינען איינעם פאַר „נעשה״ און איינעם פאַר „נשמע״.

א יונגע פרוי איז אמאָל געקומען צום קאָזשניצער מגיד מיט א געוויין, אַז איר מאַן האָט געוואָרפן אַן אומ׳חן אויף איר, שרייט, אַז זי איז מיאוס און האָט זי פיינט געקראָגן.

— אפשר ביזטו טאַקע שולדיק, פאַרוואָס דיין מאַן האָט דיך פיינט געקראָגן, אפשר ביזטו טאַקע מיאוס געוואָרן? — האָט דער קאָזשניצער מגיד איר געפרעגט. —

ווי איז צו מיר — האָט די יונגע פרוי נאָך מער זיך צע־וויינט — ווען איך בין מיט מיין מאַן צו דער חופה געגאַנגען,

האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז איך בין די שענסטע און די גע-ליבטסטע, און איצט בין איך מיאוס געוואָרן? — אַז דער קאָ־זשעניצער מגיד האָט געהערט דער פרוי'ס ענטפער, האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגעשריען: רבש"ע! ווען די יידן האָבן געזאָגט „נעשה ונשמע" האָסטו זיי קרוינען אויף די קעפּ אָנגעטאָן, „עם סגולה" זיי גערופן, אַז נאָר זיי האָ-סטו אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, און איצט זענען מיר ביי דיר מיאוס געוואָרן, אַן אומ'חן אויף אונדז געוואָרפן — צור ישראל! עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט קומען בעזרת ישראל...

✶

זכור את יום השבת לקדשו — זאָלסט געדענקן דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק. — צי דען קען געמאָלט זיין אים צו פאַרגעסן?

איז דאָך יעדער זיבעטער טאָג שבת? — נאָר — ווערט געבראַכט אין „ספר חסידים" — דו זאָלסט געדענקן אין טאָג שבת, פון זאַכן וואָס מאַכן פאַרגעסן פון צו געדענקן דעם טאָג שבת, ווי למשל, אויב ס'האָט עפּעס געטראָפן, וואָס קען דיך מאַכן טרויעריק, זאָלסטו פון דעם נישט טראַכטן, ווייל אויב דו וועסט זיך אין דעם דערמאָנען, וועסטו האָבן צער. זאָלסט געדענקן דעם טאָג שבת — טו זאַכן, וואָס דו זאָלסט זיך דער־מאָנען אין שבת: זיך וואַשן ערב שבת, זיך אָנטאָן שיינע בגדים, זיך צוגרייטן מיט עונג-שבת און לייענען זאַכן, וואָס איז צו־געפּאַסט שבת לייענען.

שבת אין שחרית, זאָגט מען „ישמח משה במתנת חלקו" — משה האָט זיך געפרייט מיט זיין צוגעטיילטער מתנה.

ווי קומט עס עפּעס צו דערמאָנען משה־רבינו אין דער תפילה פון שבת? — ווייל די תורה איז געגעבן געוואָרן שבת אינדערפרי דורך משה'ן, דעריבער פּאַסט זיך צו דערציילן פון משה'ס כבוד, אַז די תורה איז אים געגעבן געוואָרן אַ מתנה פאַר די יידן...

✶

יתרו, איז געווען איינער פון פרעה'ס זאַטגעבער, א'ן האָט אים עטריי געדינט ווען משה איז געקומען צו יתרו און דער־ציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון פרעה'ן, האָט ער אים איינגע-שפּאַרט אין תפיסה.

צען יאָר איז ער דאָרט אָפּגעזעסן, און צפורה, יתרו'ס טאָכטער, פלעגט אין געהיים אים עסן ברענגען.

נאָך צען יאָר, זאָגט צפורה צו איר פאָטער: דער מאַן, וועלכן דו האָסט איינגעשפּאַרט, שמאַכט שוין אַזוי פיל יאָרן אין טור-

מע, מען דארף א קוק טאָן וואָס פון אים איז געוואָרן? — האָט יתרו איר געענטפערט: — עס איז נישטאָ וואָס צו זען, ווייל ווי קען א מענטש לעבן אזוי לאַנג אָן שפייז?

— האָט צפורה זיך אָנגערופן: „דער פאָטער פון יידישן פאָלק, וואָס האָט געראַטעוועט אברהם׳ען פון דעם קאַלך־אויוון, יצחק׳ן פון זיין פאָטער׳ס מעסער, יעקב׳ן פון דעם מלאך וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט אים, און טאַקע אויך דערמאָזיקן מאַן פון פרעה׳ס שווערד, אָט דער זעלבער, קען דאָך אים אויך ראַטעווען פון הונגער״!

האָט יתרו געשיקט זען וואָס פון משהן איז געוואָרן, און דערשמוינט זענען זיי געבליבן, ווען זיי האָבן געפונען משה׳ן געזונט, שטייענדיק פארטיפט אין תפילות צום רבש״ע. יתרו האָט אים באַלד באַפרייט און געגעבן צפורה׳ן זיין טאָכטער פאַר א פרוי.

✶

ווען יתרו האָט דערהערט, אז משה האָט ארויסגענומען די יידן פון מצרים, געשפאָלטן דעם ים, מיט אזוי פיל ניסים, האָט ער גענומען צפורה׳ן, וועמען משה האָט איבערגעלאָזט ווען ער האָט זיך געלאָזט אין וועג קיין מצרים אויסלייזן די יידן, און משה׳ס צוויי זין גרשם און אליעזר, און געקומען מיט זיי צו משהן אין מדבר.

משה האָט אים זייער גוט אויפגענומען, און אים דערציילט וועגן די ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן. איז „ויחד יתרו״ האָט זיך יתרו געפרייט, און עס האָט אים געשטאָכן. עס האָט אים געפרייט וואָס זיין אידים איז אזא וויכטיקע פערזאָן, און עס האָט אים געשטאָכן און ווי געטאָן, וואָס זיינע אמאָליקע פריינד, די מצריים האָבן נעבעך, אזא דורכפאַל געהאַט...

✶

זכור וכ״ו — געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק. — הגם די יידן האָבן אָפּגעהיט שבת אין מצרים, האָט מען דאָך געדאַרפט באַפעלן וועגן דעם אין די צען־געבאָט, ווייל נישט אַלע אין מצרים האָבן אָפּגעהיט שבת, נאָר די רעכטפאַרטיקע צווישן זיי, און אויך נישט אין אַלץ וואָס מען דארף זיין אָפּגעהיט שבת, בלויז אין די שווערע ארבעט זענען זיי פּאָרזיכטיק געווען. דעריבער איז געזאָגט געוואָרן אין די „עשרת־הדברות״, געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק, ווייל ער איז געווען כמעט ווי פארגעסן און מען האָט געדאַרפט דערמאָנען, אָבער נישט, אז ס׳איז א נייע מצוה, וואָס מ׳האָט זיי

פריער נישט געטאָן. דעריבער זענען זיי אויך געוואָרן אָנגעזאָגט, שבת צו האַלטן הייליק, מיט מער הייליקייט, ווי דו האָסט אים פריער געהאַלטן...

כבד את אביך וכ"ו — דריי מאָל האָט די תורה אָנגעזאָגט וועגן דער מצוה פון „כבוד-אב", דאקעגן געפינען מיר נישט קיין איין מאָל אן אָנזאָג אויף כבוד-בן, און דאָך זענען זיך אַלע טאַטעס מקריב פאר די קינדער, און זעלטן א קינד זאָל זיך מוסר-נפש זיין פאר א טאַטן...

עס האָט אמאָל איינער געטייטשט: „כבד את אביך, ואת אמך", האַלט ערלעך דיינע עלטערן, ווייל „למען יאריכון ימיך", אויך דו וועסט דאָך אמאָל אַלט ווערן, און אויך דו וועסט דארפן אָנקומען, דאן צו דיינע קינדער, אז זיי זאָלן דיך האַלטן ערלעך...

✶

וירא העם וכ"ו — וירא העם — דאָס פאָלק ישראל — שטייענדיק ביים באַרג סיני — האָט אריינגעקוקט אין זיין צו-קונפט אלס פאָלק צווישן פעלקער, „וינועו", זענען זיי דערצי-טערט געוואָרן, „ויעמדו", זיי זענען שטיין געבליבן, און זיך געשראָקן צוצוגיין צו קבלת-התורה, „מרחוק" צוליבן טרויעריקן „ווייטנס" וואָס האָט געגרוילט מיט אזוי פיל פּאָגראָמען און אכזריות'ן, בלויז צוליב דעם, ווייל מיר זענען יידן...

אָבער „ומשה נגש אל הערפל"", דער יידישער פירער איז נישט פארצווייפלט געוואָרן. זיכער און מיט פיל מוט איז ער פאָראויס געגאנגען, נישט אָפּשרעקנדיק זיך פאר דער טונקעלער צוקונפט. ווייל געוווּסט האָט ער: „כי שם אלקים", אז גראָד אין די שווערסטע מינוטן, ווען נעפל (ערפל) און אומזיכערקייט, וועט ארומרינגלען דאָס לעבן פון יידישן פאָלק, עס וועט זיך דוכטן, אז אָט, פאַלן מיר אראָפּ ח"ו אין אָפּגרונט, גראָד אין אזעלכע מינוטן פון פארצווייפלונג, וועט זיך פּלוצים באַווייזן די האַנט פון רבש"ע און צעטרייבן די וואָלקנס, און ווידער וועלן זיך אויס-שפּרייטן, וועגן פון א ניי לעבן, פארן פאָלק ישראל אין ארץ ישראל...

משפטים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם. — און דאָס זענען די געזעצן, וואָס דו זאָלסט פאַר זיי פאַרלייגן.

אין מדרש ווערט דערציילט: עקילס הגר, א פלימניק פון אַדריינוס (רומישער קייזער, אָנהויב צווייטן יאָרהונדערט), האָט באַשלאָסן זיך מגייר צו זיין. מורא האָבנדיק פאַר אדריינוס, האָט עקילס צו אים געזאָגט: איך וויל גיין מיט עפעס האַנדלען און וויים נישט מיט וואָס. האָט אדריינוס אים אַן עצה געגעבן, ער זאָל זען וועלכע סחורה איז אַמנידעריקסטן געפאַלן אין פּרייז, די סחורה זאָל ער קויפן, ווייל דאָס וועט זיכער ווידער הויך שטייגן און ער וועט פיל פאַרדינען.

דאַן איז עקילס אוועק קיין ארץ-ישראל, האָט זיך דאָרט מגייר געווען און געלערנט תורה. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט אים אדריינוס געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן? — האָט אים עקילס געענטפערט, אז ער האָט דאָס געטאָן לויט זיין (אדריינוס) עצה. ער האָט אים געראָטן צו קויפן נאָר די סחורה, וועלכע איז אַמנידעריקסטן געפאַלן, האָט ער געזען, אז יידן זענען נידעריקער און ביליקער פון אַלע אומות, און זיי וועלן זיכער דערנאָך הויך שטייגן, ווי עס שטייט (ישעי' מ״ט): כה אמר ד' וכו' — אזוי האָט ג־ט געזאָגט: — צו דעם פאַראַכטן פון מענטשן, צו דעם פאַראומווירדיקטן פון פעלקער, צו דעם קנעכט פון געוועלטיקער: מלכים וועלן זען און וועלן אויפשטיין, און שררות וועלן זיך בוקן.

אויף דער פראַגע פון אדריינוס: האָסט דאָך געקענט לערנען תורה און זיך נישט מגייר זיין? האָט עקילס געענטפערט, אז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל עס שטייט (תהלים מק״ז): מגיד דבריו ליעקב וכו' — ער זאָגט זיינע ווערטער צו יעקב, זיינע חוקים און משפטים צו ישראל. ער האָט אזוי נישט געטאָן צו קיין פאָלק, און פון קיין געזעצן ווייסן זיי נישט...

✶

אם אדניו יתן לו אשה וכו' — אויב זיין האַר וועט אים געבן א ווייב. א רוימישע האַרנטע האָט אַמאָל געפרעגט דעם תנא, רבי יוסי בן חלפתא: „וואָס טוט ג־ט זינט ער האָט באַשאַפן די וועלט"? זאָגט רבי יוסי: זינט דאַן זיצט ג־ט אויבן און פּאָרט די מענטשן אונטן: די און די טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט

דעם און דעם יונגנמאַן, דער און דער יונגערמאַן זאָל חתונה האָבן מיט דער און דער טאָכטער.

— אויך מיר א קונץ! — זאָגט די האַרנטע. דאָס קאָן איך דאָך אויך טאָן. זי האָט גלייך אַרויסגעגעבן א באַפעל, אַז אַלע אירע טויזנט קנעכט און טויזנט דינסטן זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין פּאַלאַץ. זי האָט זיי אויסגעשטעלט אין שורות און האָט באַפוילן: דער זאָל נעמען די, און די זאָל נעמען דעם און אַזוי האָט זי זיי אַלע צונויפגעפּאָרט.

צומאָרגנס אין דער פרי דערהערט זי אין הויף געשרייען און געוויינען. זי גייט א קוק, זעט זי, אַז פיל פון אירע קנעכט און דינסטן זענען צעשלאָגן און צעבלוטיקט. פרעגט די האַרנטע: וואָס האָט פּאַסירט? — איך וויל זי נישט, איך וויל אים נישט — שרייען די קנעכט און די דינסטן. דאַן האָט די האַרנטע פאַרשטאַנען, אַז צוזאַמענפּאָרן איז נישט פון די קלייניקייטן. זי האָט צוגעגעבן, אַז ר׳ יוסי איז געווען גערעכט, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ג-ט זיצט אויבן און פּאָרט צוזאַמען די מענטשן אונטן:

✶

ששת ימים תעבוד, — זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן. אַזוי ווי דו ביסט אָנגעזאָגט געוואָרן צו רוען אין טאָג פון שבת, אַזוי ביסטו אויך באַפוילן צו אַרבעטן אין די זעקס אַרבעטס־טעג. אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועסטו פאַרגליכן ווערן צו דיין באַשע־פער, ווייל אויך ער האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און גערוט אויפן זיבעטן טאָג.

ווען ג-ט האָט באַשאַפן אָדמ׳ען, האָבן די מלאכים געוואָלט זאָגן: קדוש, קדוש, קדוש פאַר אים, האָט ג-ט אַרויפגעוואָרפן אויף אים א טיפן שלאָף, האָבן אַלע געוווסט, אַז דאָס איז נישט מער ווי א מענטש.

פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן איז נישטאָ קיין איינער וואָס זאָל טאָן אַן אַרבעט, אויסער דער מענטש. וועסטו אפשר זאָגן, אַז די בינען טוען אויך אַן אַרבעט, אָבער זייער טאָן הייסט נישט קיין אַרבעט, ווייל די בין טוט נישט עפּעס אַזוינס, וואָס א צווייטע בין זאָל נישט קענען טאָן, און זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן איז די אַרבעט פון די בינען די זעלבע און איז גאָרנישט באַנייט געוואָרן מיט עפּעס. אָבער נישט אַזוי איז דער מענטש, יעדער איינער האָט זיין אייגענעם וועג אין זיין אַרבעט און יעדנס אַרבעט אונטערשיידט זיך פון אַנדערנס. דע־ריבער קען דאָס וואָרט „מלאכה" גענוצט ווערן נאָר אויף מענטש־לעכע אַרבעט.

דאָס איז דער געדאַנק פון מדרש וואָס זאָגט: ווען די מלאכים

האָבן דערזען אָדם'ען, ווי ער טוט אַן ארבעט, האָבן זיי דערזען אין זיין ארבעט א שאַפן, ווייל ס'איז אין איר געווען א באַניי-אונג, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אז ער איז א באַשאַפער, נאָר ווען עס איז אים באַפאַלן דער שלאָף און ער האָט נישט געקענט אר-בעטן, האָבן אלע פארשטאַנען, אז ער איז ניט מער ווי א מענטש...

✶

נאָכן באַקומען די „צען-געבאָט", האָט ג—ט, דורך משהן, אויך געגעבן די יידן, משפּטים, געזעצן, וואָס זאָלן רעגולירן דאָס יידישע לעבן. „ואלה המשפּטים וכ"ו" און דאָס זענען די דינים, זאָגט דער אויבערשטער צו משה'ן וואָס דו זאָלסט פאַר זיי פאָרלייגן.

ביי אנדערע פעלקער זענען די געזעצן, אין שייכות פון מענטש צו מענטש, נישט קיין רעליגיעזער ענין, נאָר א געזעל-שאַפטלעכער אָדער בירגערלעכער חוב, כדי עס זאָל הערשן אָרדנונג אין לאַנד. ביי אונדז יידן, אָבער, זענען די משפּטים אויך א געטלעך געבאָט, און האָבן אין זיך די הייליקייט פון א מצוה.

דער חדושי הרי"ם זאָגט: אויף דער באַמערקונג פון רש"י „מה הראשונים מסיני אף אלה מסיני" — אז מען זאָל נישט מיינען, ווייל די משפּטים זענען דאָך ענינים, וואָס האָבן זיך זייערע לאָגישע מאָטיוון און זענען אויסגעהאַלטן לויטן שכל, זענען זיי דעריבער נישט קיין געטלעכע באַפעלן, נאָר מענטש-לעכע פאַרפאַסונגען. דעריבער זאָגט אונדז די תורה, אז זיי זענען „מסיני", פּונקט ווי אנדערע מצוות, וואָס זענען חקים, און מען דאַרף זיי טאָן, נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט, נישט צוליב דעם, ווייל דער שכל דיקטירט אונדז...

✶

דער ערשטער געזעץ אין „משפּטים", הויבט זיך אָן מיט „כי תקנה עבד" און רעגולירט דעם סטאַטוס פון א קנעכט. ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין ערגערע זאַך פאַר א מענטשן ווי צו זיין א קנעכט, ווי צו זיין פאַרשקלאַפט אָדער אונטערטעניק ביי א צווייטן. דעריבער דאַרף מען צוערשט לייכטער מאַכן די לאַגע פון אונטערדריקטן...

דער „אור-החיים" טייטשט: כי תקנה עבד, טאָמער זוכסטו וועמען, ער זאָל טאָן פאַר דיר עפּעס אַן ארבעט, איז „עברי": זאָלסטו געבן א יידן דעם פאָרצוג, ער איז בילכער, און דאָס איז נישט אנטי־דעמאָקראַטיש, ווייל פיל נישט יידישע פירמעס, ווילן נישט באַשעפטיקן קיין יידן, און אויב, אויך יידן וועלן אויס־מיידן צו האָבן יידישע אָנגעשטעלטע, טאָ וואָס וועלן טאָן די יידן וואָס נויטיקן זיך אין פּרנסה?...

✶

כי ימכור איש את בתו לאמה וכ״ו. — זאָגט אויף דעם דער זוהר הקדוש: אז פאר דעם ווי א מענטש ווערט געבוירן, רופט ג—ט איינע פון די נשמות און זאָגט צו איר: גיי אריין אין יענעם קערפער. די נשמה וויל נישט פארלאָזן די הימלען און זאָגט: איך וויל נישט גיין אין אזא וועלט, ווו מען וועט מיר פארשקלאַפן און איך קען נאָך אמאָל פאראומריייניקט ווערן צווישן זיי.

זאָגט אָבער דער אייבערשטער: „ברתא חביבא״ מיין ליבע טאָכטער, דו מוזט גיין, דערצו ביזטו באַשאַפן געוואָרן צו זיין אויף א געוויסער צייט אין דער דאָזיקער וועלט. — זאָגט אונדז די תורה: „כי ימכור איש את בתו לאָמה״, אויב דער שיקזאל ברענגט דעם מענטשן צו פארקויפן זיין נשמה, ג—ט׳ס טאָכ-טער, פאר א דינסט, און מוז נעבעך צוליב פּרנסה טאָן אזעלכע זאַכן וואָס דערנידעריקן און פארשמוציקן זיין נשמה. „לא תצא כצאת העבדים״, אז די צייט וועט קומען פאר דער נשמה צו פארלאָזן די וועלט, און אומקערן זיך צוריק צו איר אָריגינעלן פּלאַץ אין הימל, זאָל ער זי נישט ארויסלאָזן איינגעטונקט אין זינד און אומריייניקייט... נאָר רייניקן זי דורך תשובה און מעשים טובים...

✶

ששת ימים וכ״ו, — זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין ארבעט, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען.

ר׳ יצחק מאיר פון גור, האָט געזאָגט: אז שבת איז ווי א מנורה מיט באַזונדערע רערן, איטלעכע רער איז געמאַכט געוואָרן עם זאָל זיך אריינפּאַסן און זיך אויפשטעלן אין א גאַנצע מנורה. אזוי זענען די זעקס טעג באַשאַפן געוואָרן, כדי זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן שבת, און לויט די הנהגה פון מענטשן דורך די זעקס טעג פון ארבעט, אזוי איז זיין אויסזען אין טאָג פון שבת...

ר׳ יוסי זאָגט: (שבת קי״ט) צוויי מלאכים באַגלייטן דעם מענטשן ערב שבת פון שול אין זיין הויז אריין, איינער א גו-טער און דער צווייטער א שלעכטער. און אז ער קומט אין הויז און געפינט, אז די ליכט זענען אָנגעצונדן, דער טיש געגרייט, און אלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין — זאָגט דער גוטער מלאך: זאָל זיין ג—ט׳ס ווילן, אז דער קומענדיקער שבת זאָל אויך זיין אזוי, און דער שלעכטער מלאך ענטפערט אָמן, קעגן זיין ווילן. און אויב נישט — זאָגט דער שלעכטער מלאך: יהי רצון, אז דער קומענדיקער שבת, זאָל אויך זיין אזוי, און דער גוטער מלאך ענטפערט קעגן זיין ווילן, אָמן...

לא תהיה משכלה וכ"ו — די חז"ל זאָגן: אז די זיבן יידישע עקרות, וועלכע ווערן דערמאָנט אין תנ"ך, זענען כנגד די זיבן טעג פון דער וואָך. די זיבן עקרות זענען: שרה, רבקה, רחל, חנה, אשת מנוח, שונמית און ירושלים („רני עקרה לא ילדה", גייט אויף ירושלים).

די אלע עקרות זענען געהאָלפן געוואָרן אויסער ירושלים, צוליב וואָס עס פעלט נאָך אזוי ארום דער תיקון פון זיבעטן טאָג, אָבער ווען — „לא תהיה משכלה ועקרה בארצך" ווען ארץ ישראל וועט מער קיין עקרה נישט זיין, ווייל ירושלים וועט ווערן אויפ־געריכט, דאַן „את מספר ימיך אמלא" וועט דערפילט ווערן די צאָל פון אלע זיבן טעג...

אז איינער קויפט א הויז אין ארץ ישראל (פון א נישט ייד), מעג מען לאָזן שרייבן (דורך א נישט יידן) דעם שטר־מכירה אפילו שבת, צוליב באַזעצן דאָס יידישע לאַנד מיט יידן (בבא־קמא פ).

ווען יידן וווינען אין ארץ ישראל ווערט זי גרעסער, ווען יידן וווינען נישט דאָרטן ווערט זי איינגעשרומפן (גיטין נ"ז)...

תרומה

ויקחו לי תרומה — זיי זאָלן נעמען פאַר מיר אָן אָפּשיידונג. עס שטייט נישט „ויתנו לי", זיי זאָלן געבן פאַר מיר, נאָר „ויקחו לי", זיי זאָלן נעמען פאַר מיר. ווייל ביי צדקה איז דער געבער אויך אַ נעמער. צדקה גיט מען נישט בלויז יענעם, נאָר אויך זיך. ווייל געלט איז קיילעכדיק, היינט איז דאָס ביי דעם, מאָרגן ביי יענעם. דאָס וואָס ער גיט אָבער פאַר צדקה, איז „צדקתו עומדת לעד", בלייבט ביי אים אויף אייביק, אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט.

מאת כל איש וכ"ו — פון יעדן מאַן, וואָס זיין האַרץ וועט אים באַוויליקן, זאָלט איר נעמען מיין אָפּשיידונג. — גאָלד און זילבער געהער צום אויבערשטן (לי הכסף ולי הזהב נאום ד'), דער מענטש גיט נישט זיין אייגנס. דאָס וואָס ער גיט יאָ איז עס, זיין גוט־האַרציקייט, זיין גוטן ווילן, וואָס ער האָט ביים געבן דאָס געלט, דאָס איז באמת זיין אייגנס און דאָס גיט ער אַוועק. דער אָבער וואָס גיט נישט מיטן גאַנצן האַרץ און מיטן גוטן ווילן, גיט גאָרנישט, ווייל דאָס געלט איז נישט זיינס און קיין ווילן דערצו האָט ער אויך נישט.

דאָס איז די דערקלערונג פון די ווערטער: „מאת כל איש אשר ידבנו לבו" — נאָר פון דעם, וואָס גיט מיט האַרציקע גוט־וויליקייט, „תקחו את תרומתי" — פון דעם נעמט איר עפּעס...

✶

צו רבי שמעלקע ניקעלשבורגער, איז אַמאָל אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן נאָך אַ נדבה. דער רב האָט פּונקט נישט געהאַט קיין געלט ביי זיך, און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם אָרעמאַן מיט גאָרנישט, האָט ער אים אַוועקגעגעבן דאָס פינגערל פון זיין פרוי. ווען די רביצ'ן האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט זי גענומען שרייען צום מאַן, וואָס האָסטו געטאָן? — אין דעם פינגערל איז געווען איינגעפּאַסט אַ טייערער בריליאַנט!...

הערנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט דער רב גלייך אַרויס־געשיקט אַ שליח איבערן שטאָט אויפצוזוכן דעם אָרעמאַן. די רביצ'ן איז געזעסן און אומגעדולדיק געוואַרט און דערזעענדיק דעם שליח צוריק האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: — געפונען? — יאָ, ענטפערט דער שליח. — אָפּגענומען דאָס פינגערל? — פרעגט די רביצ'ן אומגעדולדיק — ניין, דער רב האָט מיך נישט גע־

הייסן אפנעמען. — וואס דען, פרעגט די רבי'צן פארוואונדערט, האט ער דיך געהייסן? — דער רב, זאגט דער שליח, האט מיך געהייסן זאגן דעם ארעמאן, אז ער זאל זיך נישט לאזן אפנארן און ער זאל דאס פינגערל נישט פארקויפן צו ביליק, ווייל א ווערטפולער בריליאנט איז איינגעפאסט אין אים...

✶

ועשית שנים כרובים זהב — און דו זאלסט מאכן צוויי כרובים פון גאלד.

זאגן אויף דעם די חז"ל: אז אלע כלים פון משכן האבן געקענט געמאכט ווערן פון אלערליי מעטאלן, ווען ס'איז קיין גאלד נישט געווען. נאר די כרובים האבן געמוזט זיין גאלד, פון אנדערע מעטאלן האט מען זיי נישט געטארט מאכן. ווייל די כרובים סימבאליזירן די יונגע קינדער, און זענען דעריבער געווען אויפן ארון מיט די לוחות, כדי אנצודייטן, ווען געבן קינדער א תורה'דיקע דערציאונג. דעריבער ווען עס האנדלט זיך וועגן חינוך, וועגן שאפן געהעריקע לערן־אינסטיטוציעס, דאן קען מען נישט יוצא זיין מיט קליינקייטן מיט מעטאלענע מטבעות, נאר מען מוז זיך גוט אנשטרענגען און געבן דווקא גאלד...

ווען דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה צו די יידן, האט ער פארלאנגט פון זיי א גאראנטיע, אז זיי וועלן זי מקיים זיין. האבן די יידן צוערשט פארגעלייגט אברהם'ען אלס ערב, דערנאך יצחק'ן און יעקב'ן, זיי זענען אבער נישט געווארן אנגענומען. ביז די יידן האבן געזאגט: „אט זענען אונדזערע קינדער" — האט באלד דער אויבערשטער געזאגט: גיט זיי מיר פאר ערבות איך וועל זיי אננעמען...

✶

צו ר' ישראל סאלאנטער, איז אמאל געקומען א משכיל און געפרעגט: פארוואס זענען די היינטיקע תלמידי־חכמים ביי יידן אינגאנצן ארויסגעטאן פון דער וועלט, און אמאל זענען די יידישע גאונים געווען גלייכצייטיק אויך געבילדעטע מענטשן און גרויסע געלערנטע אויף פארשידענע וויסנשאפטלעכע געביטן?

האט אים דערויף ר' ישראל סאלאנטער געענטפערט: מיר איז אומפארשטענדלעך א צווייטע זאך. פארוואס זענען אמאל די געבילדעטע מענטשן און גרויסע געלערנטע ביי יידן, געווען גלייכצייטיק אויך בארימטע גאונים בתורה און צדיקים, דאקעגן די היינטיקע געלערנטע זענען מיינסטנטייל שרעקלעכע עמי־הארצים אין יידישקייט...

אין ספר „חמש ידות" ווערט דערציילט א פאסירונג, וואס ווייזט אויף ווי וויט עם־הארץ'עס קען גרייכן. ווען דער מחבר

פון ספר איז געווען רב אין וויאזמא (רוסלאנד), איז איינמאָל, שבת אריינגעקומען צו אים א בעל־הבית מיט א שאלה: אזוי ווי עס איז שוין אריבער דער דריטער טאָג, צי מעג ער היינט עפע־נען די קראָם? — אין אָנהויב האָט דער רב נישט פארשטאַנען וואָס ער רעדט צו אים, ערשט נאָך א לענגערן פארהער, איז ער ענדלעך דערגאַנגען, אין וואָס עס האנדלט זיך: דער ייד איז גע־ווען אן אָבל און אלס אָבל האָט ער געהאלטן די קראָם געשלאָסן און אזוי ווי פרייטיק, איז שוין געווען דער דריטער טאָג פון אבילות, איז ער דעריבער געקומען פרעגן דעם רב א שאלה, צי מעג ער שוין עפענען די קראָם, היינט, שבת...

✶

אין דער היינטיקער סדרה „תרומה" ווערט דערציילט, מיט אלע איינצלהייטן, ווי אזוי דער משכן האָט געדאַרפט געבויט ווערן און פון וואנען צו נעמען די נויטיקע גאָלד און זילבער צום אויפבוי פון דעם אזוי הייליקן פּלאַץ.

זאָגט ג־ט צו משה'ן: דו זאָלסט אָנהויבן נעמען געלט „מאת כל איש ידבנו לבו" — פון די מענטשן וואָס האָבן דעם גוטן ווילן און גיבן, נישט בלויז צוליב כבוד. אָט די סענטימענטאַלע הארציקע מענטשן וועלן דיר געבן אָן שוועריקייטן און דערנאָך וועלן שוין אויך אנדערע נאָכטאָן זייער ביישפּיל.

צו ר' חיים צאַנזער, איז א מאָל געקומען א גביר און אים דערציילט, וואָס פאר א גרויסער בעל צדקה ער איז, גרויסע סומעס געלט קאָסט אים אָפּ יערלעך. דערביי האָט ער זיך יעדעס מאָל אויסגעדריקט: נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין.

רופט זיך אָן ר' חיים צו אים: זאָל עס יאָ זיין אויסגערעדט, רעד יאָ, רעד וויפל דו ווילסט, אבי גיב!

אין דער היינטיקער סדרה שטייט — ויקחו לי תרומה — זיי זאָלן נעמען פאר מיר אן אָפּשיידונג. זאָגט אויף דעם רש"י: „לי לשמי"—איז דאָס אָבער געזאָגט געוואָרן נאָר אויפן „ויקחו" אויף די נעמער'ס, די זאמלער, זיי דארפן אין זינען האָבן צו טאָן די מצוה לשמה, לשם שמים. דאַקעגן אויף די געבער'ס באַציט זיך דאָס נישט, זיי מעגן געבן אפילו שלא לשמה — אבי זיי זאָלן געבן וואָס מער...

✶

אין א קליין שטעטעלע האָט געוווינט א פיינער בעל־הבית, א תלמיד־חכם און א גביר דערצו. ער פלעגט זיך נוהג זיין מיט־צוברענגען אהיים יעדן שבת פון שול, צוויי אורחים. איינמאָל אין אין שול איבערגעבליבן א דריטער אורח, וועלכער האָט נישט געהאט צו וועמען צו גיין, האָט ער אים אויך מיטגענומען. אָבער

מורא האָבנדיק, אז די פרוי וועט דערפון נישט צופרידן זיין, האָט ער דעם דריטן אורח געלאָזט שטיין אין דרויסן און דער־ציילט דער פרוי, אז אהיימגייענדיק פון שול איז מיר אנטקעגנ־געקומען דער בעל-שם, און שטעל זיך פאָר, אז דער בעל־שם האָט נישט ווו צו עסן... דער בעל-שם? — ווערט די פרוי דער־ציטערט — לויף שוין און בעט אים אריין אין שטוב! — דער בעל־הבית האָט גלייך אריינגעפירט דעם דריטן אורח, אוועקגע־זעצט אים אויבנאָן, און די פרוי האָט אים מכבד געווען פון שענסטן און בעסטן.

דער דאָזיקער אורח איז גראָד געווען א פראָסטער מענטש, און זיין אויפפירונג האָט ארויסגערופן ביי דער פרוי גרויס פאַר־וווּנדערונג און נאָך זיין אוועקגיין האָט זי זיך אָפּגערופן צום מאַן: — עפּעס האָב איך א חשד, אז דו האָסט מיך אָפּגענאַרט. זאָג מיר דעם אמת, איז טאַקי דער דאָזיקער ייד דער בעל־שם? — חלילה — ענטפערט דער מאַן — איך האָב דיך נישט אָפּ־גענאַרט. יעדער אורח איז א בעל־שם. ער האָט א ברירה צו מאַכן דער בעל-הבית׳טע א גוטן שם, אָדער א שלעכטן שם. אָבער ווען דו האָסט אים אויפגענומען אזוי הארציק און גאַסטפריינדלעך, וועט ער דיר זיכער מאַכן א גוטן שם...

✶

ככל אשר אני מראה אותך וכו׳ — אָט אזוי ווי איך ווייז דיר, די געשטאַלט פון דעם משכן מיט אלע זיינע כלים, אזוי זאָלט איר נאָכמאַכן.

דער אויבערשטער האָט געוויזן משה׳ן א מאָדעל, און אים געהייסן אלץ אזוי מאַכן. ווען דער פאַכמאַן זעט א פאַרטיקע געמאַכטע זאַך, קען ער דאָס פּינקטלעך נאָכמאַכן, שווער איז נאָר צו מאַכן דעם ערשטן מאָדעל, דעם ערשטן שריט.

עס ווערט דערציילט: ווען קאָלאָמבוס האָט אויסגעפונען די נייע וועלט (אמעריקע), איז ער צוריקגעקומען קיין שפּאַניע, און דער קאַרדינאַל האָט געמאַכט פאַר אים א באַנקעט אין זיין פּאַלאַץ. ביי דעם באַנקעט זענען אָנוועזנדיק געווען די העכסטע לייט פון דער שפּאַנישער רעגירונג. דער קאַרדינאַל האָט קאָלאָמ־בוסן גרויס כבוד אָפּגעגעבן, ער האָט אים געזעצט אויבנאָן, ביי זיין רעכטער זייט, און ווען מען האָט אים דערלאַנגט די קעניג־לעכע שפּייזן, האָט מען זיי צו ערשט געגעבן צו פאַרזוכן דעם קעכער, צו זען, אויב זיי זענען נישט געמישט מיט קיין סם, ווייל קאָלאָמבוס האָט פיל שונאים געהאַט, וואָס האָבן אים דאָס אלץ נישט פאַרגונען.

אין מיטן שמועס, וועגן דער נייער-וועלט, רופט זיך אָן איינער פון די הויפלייט, אז קאָלאָמבוס וועט זיכער צוגעבן, אז

די אַנטדעקונג איז גאַרנישט אזא גרויסע, אידערע וואָלטן אויך געקענט אויסגעפינען די נייע־וועלט, ווען מען וואָלט זיי שיפן געגעבן.

קאָלאָמבוס'ן האָט דאָס פאַרדראָסן. ער האָט געזען ווי מען פאַרגינט אים נישט דעם כבוד. בעט ער מען זאָל אריינברענגען אַן איי, און רופט זיך אָן צו דעם איידלמאַן: נעם דאָס איי און שטעל עס אוועק אויף זיין שפּיץ. דער איידלמאַן האָט פּרובירט, און נישט געקענט אוועקשטעלן דאָס איי. האָט קאָלאָמבוס געהייסן די אַנדערע הויפליַיט און מיניסטאָרן דאָס צו טאָן, אָבער קיינער פון זיי האָט דאָס נישט געקענט אוועקשטעלן.

דאַן האָט קאָלאָמבוס גענומען דאָס איי, האָט מיט א לייכטן קלאַפּ איינגעבראָכן זיין שפּיץ, און האָט עס אוועקגעשטעלט אויפן טיש. — וואָס איז די קונץ — האָבן אלע געפרעגט. — מיר קענען דאָס אויך אַזוי טאָן — יאָ, האָט קאָלאָמבוס זיי דערקלערט, — נאָכדעם ווי מען וויַיזט איינעם דעם וועג, איז שוין פאַר אַנדערע מער קיין קונץ נישט...

אלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס קאָלאָמבוס האָט געמיינט...

תצוה (פורים)

ואתה תצוה וכו׳ — און דו זאָלסט באַפעלן די יידן, זיי זאָלן פאַר דיר נעמען קלאָרן בוימל, אויף אָנצינדן דעם נר־תמיד אין דער מנורה.

אין דער פריערדיקער סדרה (תרומה) ווערט באַנוצט דער אויסדרוק „ועשית" משה האָט געדאַרפט בלויז אָנזאָגן די קינסטלער וואָס זיי זאָלן מאַכן. — ווען, אָבער, עס האַנדלט זיך „להעלות נר תמיד" אויפצוברענגען דאָס ליכט, נישט בלויז דאָס אָנצינדן דאָס ליכט אין דער מנורה, ווייל ווען בלויז דאָס וואָלט געווען דער ציל, דאַן וואָלט געווען געשטאַנען „להדליק" אָנצינדן. „להעלות" האָט גאָר א גאַנץ אַנדערע באַדייטונג: אויפצוברענגען דאָס שטענדיקע ליכט, דאָס ליכט פון דער תורה „נר מצוה, ותורה אור". אָט מיט דער אַזוי וויכטיקער אויפגאַבע, ווי די סימבאָלישע שטענדיקע מנורה-ליכט, איז „ואתה תצוה" — דאַרפסטו משה אַליין זיך פאַרנעמען אין באַפעלן די יידן.

✶

ואלה הבגדים אשר יעשה וכו׳ — און דאָס זענען די קליי־דער וואָס זיי זאָלן מאַכן. די חז"ל דערציילן (שבת ל"א): א גוי האָט אַמאָל געהערט לערנען די פרשה „ואלה הבגדים" האָט ער געפרעגט, ווער האָט דאָס געטראָגן די פּראַכטפולע קליידער? און ווען מען האָט אים געענטפערט, אַז דער כהן גדול האָט זיי גע-טראָגן, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט ער זאָל זיך מגייר זיין מיט דעם באַדינג, אַז ער זאָל ווערן א כהן־גדול. איז ער געקומען מיט דעם פאָרשלאָג צו שמאי׳ן, האָט ער אים אָפּגעשטויסן. אָבער ווען ער איז געקומען צו הלל׳ן האָט ער אים פריינדלעך אויפגענומען און האָט צו אים געזאָגט: גוט, אָבער פריער מוזטו לער-נען די דינים פון כהונה, און האָט אָנגעהויבן מיט אים לערנען. ווען ער איז געקומען צום פסוק „והזר הקרב יומת" און דער פרעמדער, וואָס גענענט זאָל געטייט ווערן (במדבר י"ח), האָט דער גוי געפרעגט ווער מיינט דאָס דער פסוק? — האָט הלל אים געזאָגט, אַז דער פסוק מיינט אפילו דוד מלך ישראל.

דאַן האָט דער גוי געזאָגט: אויב אפילו דוד מלך ישראל, האָט נישט קיין רעכט צו טראָגן די קליידער פון כהן גדול, טאָ ווי קען שוין אַן אָרעמער גר האָבן א רעכט דערצו, און איז גע-בליבן א טרייער ייד אָן באַדינגונגען.

די לערע דערפון איז: קיינמאָל יענעם נישט אָפּשטויסן, נאָר מקרב זיין, און ווי ווייט מעגלעך, אים לערנען...

דעם כהן-גדול׳ס קליידער האָבן געהאַט גאָלדענע גלעקלעך. איינגנטלעך איז א פראגע צו וואָס זענען די גלעקלעך? זאָגט דער־רויף דער רשב״ם: ווען חער כהן-גדול איז אריינגעגאַנגען יום-כפּור אין קדשי-קדשים, האָט קיין מענטש זיך דאָן נישט געטאָרט געפינען אין דעם אוהל־מועד. איז דעריבער זענען דעם כהן-גדול׳ס קליידער געווען מיט גלעקלעך, כדי עס זאָל זיין „ונשמע קולו בבואו אל הקודש" — מען זאָל הערן פונדערווייטנס, אז ער גייט און דער עולם זאָל באַצייטנס פאַרלאָזן דעם אוהל-מועד.

דער חתם סופר זאָגט: דער פירער פון פאָלק, אויב ער וויל, מען זאָל זיך צוהערן צו אים, דאַרף זיין „ונשמע קולו", דאַרף ער אין געוויסע צייטן רעדן צום פאָלק מיט א שטרענגן באַפעלערישן טאָן, נישט נאָכגעבן און נישט זיין אונטערטעניק פאַר קיינעם, דאַן וועט מען זיך צוהערן צו אים און רעספּעקטירן...

✶

שפה יהיה לפיו — האָט געטייטשט דער פשיסכער רבי — א צוים אויפן מויל זאָל יעדער מענטש האָבן. נישט רעדן דאָס וואָס מען דאַרף נישט. א רמז דערויף געפינען מיר אין די חז״ל (תמיד כ״ו): מצאו נעול, בידוע שיש שם אדם — אויב דער מענטש האַלט דאָס מויל פאַרשלאָסן, איז א סימן, אז ער איז א מענטש. — מצאו פתוח, בידוע שאין שם אָדם — אויב ער האַלט אָבער דאָס מויל אָפן, צי מען דאַרף יאָ, אָדער נישט, איז א באַווייז, אז חער „מענטש" פעלט אין אים.

ר׳שמעון בן יוחאי זאָגט: (ירושלמי שבת א׳), ווען איך וואָלט געווען דערביי, ווען די יידן האָבן באַקומען די תורה אויפן בארג סיני, וואָלט איך געפאָדערט ביים אויבערשטן, אז ער זאָל געבן יעדן ייד צווי מיילער: איין מויל צו לערנען תורה, און דאָס אנדערע מויל — צו דאַווענען און אויף אנדערע באַדערפעננישן אין לעבן. אָבער גלייך האָט ר׳ שמעון חרטה געהאַט און געזאָגט: ווען א מענטש האָט בלויז איין מויל, ליידט די וועלט פון אזוי פיל לשון־הרע און רכילות, היינט, ווי ביטער וואָלט שוין געווען, ווען ער וואָלט געהאַט צווי מיילער?...

✶

אין דער סדרה תצוה, ווערט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט משה׳ס נאָמען. זינט משה איז געבוירן געוואָרן, איז נישטאָ קיין סדרה אין דער תורה (אויסער משנה תורה), ווו זיין נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן. דאָ ווערט נישט דערמאָנט ווייל, זאָגט דער בעל-הטורים, משה האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט צום אויבערשטן „מחני נא מספרך אשר כתבת", מעק מיך אוים פון דיין

ספר, וואָס דו האָסט געשריבן. און די חז"ל זאָגן, אז „קללת חכם אפילו על תנאי באָה" — אויב א תלמיד חכם האָט ארויסגעזאָגט א קללה, אפילו מיט א תנאי, ווערט די קללה (אמווינציקסטן טייל-ווייז) פארווירקלעכט.

איז, ווייל משה האָט געזאָגט: מעק מיך אויס פון דיין בוך, ווערט זיין נאָמען דאָ נישט דערמאָנט.

אָבער פארוואָס דווקא אין דער סדרה תצוה? — ווייל, זאָגט אויף דעם דער ווילנער גאון, אין דער וואָך ווען מען לייענט „תצוה" פאַלט שטענדיק אויס „ז'אָדר", זיבן טעג אין אָדר, ווען משה רבינו איז נפטר געוואָרן...

✶

„ויקחו אליך שמן זית זך וכ"ו" — זיי זאָלן נעמען ריינע קלאָרע בוימל, פאר דער לייכטונג פון דער מנורה. פאָלגנדיקע לעגענדע ווערט דערציילט וועגן דער מנורה:

אין יאָר 455, ווען די רוימישע אימפעריע איז געפאַלן, האָבן די באַרבאַרישע גערמאַנישע שבטים געריסן פון איר שטי-קער, און יעדע זאַך וואָס מען האָט נאָר געקענט צונעמען און אוועקפירן, האָבן זיי אַנגעלאָדן אויף זייערע שיפן און אויסגע-ליידיקט רוים.

ווען די יידן האָבן זיך דערוווּסט, אז די באַרבאַרן האָבן אויך אוועקגערויבט די מנורה, וועלכע טיטוס האָט מיט פיר הונ-דערט יאָר צוריק ארויסגענומען פון בית המקדש און זי געבראַכט קיין רוים, האָט דער רב גערופן אן אסיפה און פאָרגעלייגט, אז מען זאָל אויסקלייבן צען זקנים פון דער געמיינדע, און צוזאַמען מיט אים נאָכגיין די באַרבאַרן, און זען וואָס מיט דער מנורה וועט געשען. אָבער זיי מוזן אויך מיטנעמען א קליין יינגל, אז ער זאָל קענען איבערגעבן די קומענדע דורות, אז ער האָט געזען די מנורה.

עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן צען זקנים און דער רב, אלע איבער אכציק יעריקע, דערונטער אויך א זיבן יעריק יינגל מיטן נאָמען בנימין.

דאָס יינגעלע פרעגט דעם רב, פארוואָס זיי גייען היטן די מנורה, און דער רב דערציילט אים: די געשיכטע פון ערשטן און צווייטן חורבן, וועגן דער הייליקייט פון דער מנורה, און אז עס וועט קומען א צייט, ווען די מנורה וועט צוריק אויפלייכטן, ווען יידן וועלן האָבן צוריק זייער אייגן לאַנד.

די אַלטע מיטן קינד האָבן זיך דערשלאָגן ביז דער שיף, און פלוצלינג זענען זיי געוואָרן אויפגעציטערט דערזעענדיק ווי א שקלאַף טראָגט די מנורה. דער קליינער בנימין האָט אָנגעכאַפּט דעם שקלאַף, וועלכער האָט אים, אָבער, א שטאַרקן שטויס גע-געבן. דאָס יינגל איז אומגעפאַלן און צעבראָכן א האַנט.

אַכציק יאָר זענען אריבער, די צען זקנים מיטן רב, לעבן שוין לאַנג נישט, אָבער בנימין לעבט נאָך (גערופן אים „בנימין מר נפש" בנימין דער פארביטערטער) און איז געוואָרן פארהיי־ליקט, ווייל ער איז געווען דער לעצטער, וועלכער האָט געזען די מנורה.

דאָס קעניגרייך פון די גערמאַנישע שבטים איז געפאַלן און זייערע אוצרות זענען איבערגעפירט געוואָרן אין „ביזאַנטיום" (טערקיי). בנימין מר נפש, האָט זיך דערשלאָגן צום קעניג פון ביזאַנטיום און בעט אים, אז ער זאָל אָפּגעבן די מנורה צו די יידן. אָבער דער קעניג האָט אָפּגעזאָגט, און ארויסגעגעבן א באַ־פעל, אז מען זאָל אָפּשיקן די מנורה קיין ארץ-ישראל און איר דאָרט ארייַנשטעלן אין א קירכע.

בנימין'ען האָט דאָס שטאַרק ווי געטאָן. פּלוצלינג קומט צו אים זכריהו דער גאָלדשמיד, און דערציילט אים, אז מ'האָט געבראַכט צו אים די מנורה ארומצופּוצן, און זי וועט זיין ביי אים ביזן אריבערשיקן קיין ירושלים.

בנימין האָט זיך זייער דערפרייט, און אָפּגעמאַכט מיט זכריהו'ן, אז ער זאָל מאַכן א קאָפּיע פון דער מנורה. די קאָפּיע זאָל ער איבערגעבן צו דער רעגירונג, און די אמת'ע מנורה האָט ער געגעבן בנימין'ען.

בנימין, האָט ארייַנגעלייגט די מנורה אין אַ אָרון און געמאַכט דעם אָנשטעל, אז ער פירט א טויטן קובר צו זיין אין ארץ-ישראל. ווען ער איז אָנגעקומען אין ארץ-ישראל האָט ער אויס-געגראָבן א קבר, אראָפּגעלאָזט דעם אָרון און געזאָגט: „איך בין דער לעצטער עדות, קיינער אויף דער וועלט ווייסט נישט וווּ די מנורה געפינט זיך".

א טאָג שפּעטער האָבן דורכגייער געפונען דעם טויטן קער־פּער פון בנימין מר נפש, אויף דעם וועג, וואָס גייט פון יפו קיין ירושלים. דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען א פרידלעכער, מיט צוזאמענגעפּרעסטע ליפּן, אזוי ווי ער וואָלט פארשלאָסן אין זיך א סוד...

✶

— מיר לייענען אין דער מגילה „זאת עשרת בני המן תלו" המן'ס צען זין האָט מען געהאָנגען. פארוואָס? — זאָגט דער מדרש: ווייל זיי זענען געווען די ראַטגעבער קעגן יידן, און יעדער האָט דערויף צושטייער געגעבן, טויזנטער שטיקער זילבער. איז דאָך א פראגע: ווי קומט צו ויזתא'ן חכמה און צו דלפון'ען געלט? — זאָגט אויף דעם קעלמער מגיד: אז ווען עס האַנדלט זיך וועגן שלעכטס טאָן יידן, ווערט שוין דלפון א גביר און ויזתא א גאַנצער חכם...

כי־תשא

ולא יהיה בהם נגף בפקד אתם — עס זאָל נישט זיין צווישן זיי א מגפה, ווען מען ציילט זיי. זאָגט דערויף הרב עמיאל ז"ל: אמאָליקע יאָרן, ווען מען האָט געוואָלט וויסן וויפל יידן עס גע־פינען זיך אין א שטאָט, האָט מען דאָס זייער לייכט געקענט אויסגעפינען. מען האָט געקענט איבערציילן די אלע מתפללים אין די שולן, מען האָט געקענט איבערציילן די קראָמען און פאַב־ריקן וואָס זענען פארמאכט שבת און יום טוב. מען האָט געקענט פעסטשטעלן דורך די יידישע יאַטקעס פון פלייש, אויסער דעם האָט יעדע יידישע קהילה געהאַט א פנקס — א בוך וו אלע יידן זענען איינגעשריבן.

אָבער דאָס איז אלץ געוואָרן, ווען אלע יידן האָבן געפירט א ריכטיק יידיש לעבן ווי מען האָט געזען אין דער אלטער היים. אָבער היינט, ווען עס זענען פאַראַן, ליידער, פארשידענע סאָרטן יידן, און א באַדייטנדיקע צאָל זענען אינגאַנצן דערווייטערט פון אונדז, איז דאָך דאָ בלויז איין זאך וואָס פאַראייניקט זיי, דאָס איז — דער בית הקברות און דאָס איז דער איינציקער וועג דורך וועלכן מען קען אויסגעפינען זייער צאָל און זייער אָנגעהעריקייט צום יידנטום.

זאָגט די תורה: ולא יהיה בהם נגף בפקד אתם — מען דאַרף זען, אז די יידן זאָלן נישט קומען ח"ו צו דער מדרגה פון אזא סאָרט יידנטום, אז ביי דעם „בפקוד אותם", ווען מען ציילט זיי, פעסטצושטעלן זייער צאָל, וויפל יידישע נפשות עס זענען פאַ־ראַן, זאָל מען נישט דאַרפן אָנקומען צום „נגף" צום מלאך המות ח"ו...

✶

אך את שבתותי תשמרו וכו' — איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים, ווייל א צייכן איז דאָס צווישן מיר און אייך אויף אייביק.

ר' אברהם דאַנציג (מחבר פון חיי אדם) האָט געזאָגט: שבת איז דער גרויסער צייכן און דער בונד וואָס גאָט האָט גע־געבן יידן, און דאָס איז דער יסוד פון דער אמונה צו וויסן, אז ג־ט האָט די וועלט באשאפן און ער איז דער האַר איבער אלעם און מיר זענען זיינע קנעכט, זייענדיק פארפליכטעט צו טאָן זיין רצון מיט אונדזער גוף, נשמה און געלט, ווייל אלץ איז זיינס.

צוועלף מאָל האָט די תורה אָנגעזאָגט, וועגן היטן שבת

און די חז"ל האָבן געזאָגט: אז דער וואָס היט אָפּ שבת — איז ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה, און דער וואָס איז מחלל שבת — איז ווי ער וואָלט געלייקנט אין דער גאַנצער תורה.

ווען מען ציילט די טעג פון וואָך, זאָל מען זיי ציילן מיט שבת. למשל: יום א' בשבת, יום שני בשבת, און אַזוי אַלע טעג פון וואָך, ווייל די קדושה פון שבת ציט זיך דורך יעדן טאָג, ווייל שבת איז דער מיטלפּונקט און אַלע טעג פון וואָך ציען פון אים די יניקה.

די טעג: זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, ווערן אָנגערופן די טעג פון נאָכן שבת, ווייל זיי באַקומען זייער קדושה פון פאַרגאַנגענעם שבת. און די טעג: מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרייטיק — ווערן אָנגערופן, די טעג וואָס פאַרן שבת, ווייל זיי באַקומען שוין זייער השפעה און הייליקייט פון דעם קומענדיקן שבת...

✶

וישלך מידיו את הלוחות וכו' — און משה האָט אַ וואָרף געטאָן די לוחות פון זיינע הענט, און האָט זיי צעבראָכן אונטערן באַרג.

דער מדרש זאָגט: ווען משה האָט די שטיינערנע לוחות מיט ג-ט'ס שריפט באַקומען, האָבן זיי זיך ווי לעבעדיקע אַליין גע-טראָגן און לייכט זענען זיי אים געווען. ווען ער איז אַראָפּ פון באַרג און דערזען דעם עגל, זענען די הייליקע אותיות פון שריפט, ווי אַ מחנה איבערגעשראָקענע פייגעלעך, צוריק צום הימל גע-פלויגן און די צוויי שווערע שטיינער האָבן אים, ווי גופים אָן נשמות, די הענט געדריקט, ביז ער האָט זיי מיט צאָרן פון זיך אַ שליידער געטאָן און צעבראָכן.

איך האָב אין אַ ישראל-ציטונג געלייענט אַ וויץ: דער משרד החינוך, האָט געשיקט אַ דירעקטאָר, קאָנטראָלירן די לימודים פון די שילער. קומט דער דירעקטאָר אין שולע און פרעגט משה'לען, אַ יינגעלע פון צוועלף יאָר: „ווער האָט צעבראָכן די לוחות הברית"? — איך נישט, זאָגט משה'לע. גייט דער דירעקטאָר צום לערער און פרעגט אים: — ווער האָט צעבראָכן די לוחות הברית? — איך ווייס נישט, פרעגט דעם מחנך, — ענטפערט דער לערער. פרעגט ער דעם מחנך: ווער האָט צעבראָכן די לוחות הברית? — וואָס זאָגן די קינדער? פרעגט דער מחנך? — די קינדער זאָגן, אז זיי ווייסן נישט. — אויב די קינדער זאָגן, אז זיי ווייסן נישט, גלויבט זיי. ווייל זיי זענען גוטע דערצויגענע און וועלן קיין ליגן נישט זאָגן.

גייט דער דירעקטאָר צום מנהל און פרעגט אים: ווער האָט צעבראָכן די לוחות-הברית? קיינער פון די שילער ביזן דערציער ווייסן נישט. — איך ווייס אויך נישט — ענטפערט דער מנהל. נאָר וואָס איז די געפאַר, זאָגט וויפל קאָסט עס, וועלן מיר באַצאָלן...

✶

אך את שבתותי תשמורו — איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים. עס שטייט „שבתותי" שבתים, נישט יום השבת? — זאָגט אויף דעם ר' משה חיים לוצאַטי: דאָס איז א רמז אויף דעם, וואָס די חז"ל זאָגן, אז ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלט זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן.

דער גלות ציט זיך דערפאַר, ווייל יידן האָבן זיך דערווייטערט פון זייער שורש, און מיטן אָפּהיטן צוויי שבתים, ווי עס געהער צו זיין, וואָלטן זיי זיך צוריק פארבונדן מיט זייער שורש, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און געבראַכט די גאולה...

כי אות היא ביני וביניכם — ווייל שבת איז א צייכן צווישן מיר און אייך אויף אייביק.

דער חפץ חיים זאָגט: דאָס וואָרט „אות" — צייכן, לערנט אונדז וועגן דער חשיבות פון שבת. צו וואָס איז דאָס געגליכן? — צו איינעם א בעל-בלאכה, אָדער א סוחר וואָס שטעלט ארויס א שילד איבער זיין הויז, וואָס באַצייכנט פאַר אַלעמען, זיין באַשעפטיקונג. כל-זמן דער שילד הענגט אינדרויסן, ווייסן אַלע, אז דאָ, אין הויז וווינט א בעל מלאכה, אָדער א סוחר.

אָבער, נישט אזוי איז, ווען דער שילד ווערט צוגענומען, וואָס דאָס מיינט, אז יענער וואָס האָט דאָ געוווינט האָט זיך ארויסגעקליבן און איז שוין מער דאָ נישט פאַראַן. דאָס זעלבע איז מיטן ענין שבת, דאָס איז א צייכן, א שילד פאַר יידן, אז ער גלויבט אין ג—ט דעם באַשאַפער פון דער וועלט און מיר זענען פאַרפליכטעט אים צו דינען, און דורך זיין גלויבן אין ג—ט גייט ארונטער אין זיין הארץ אויך די קדושה פון ג—ט, ווי די תורה זאָגט: „ווייל עס איז א צייכן צווישן מיר און אייך, איז איך ג—ט מאַך אייך הייליק" און אויף דעם האָט אָנגעוווּנקען דער פסוק: (שמות כ"ה) „און זיי וועלן מיר מאַכן א מקדש יזון איך וועל רוען אין זיי", טאַקי ממש אין זיי. איז דעריבער, אַפילו ווען ס'האָט געטראָפן, אז ער האָט עובר געווען אויף א מצוה, איז נאָך אַלץ פאַראַן דער צייכן, אז ער איז נאָך א ייד ווי געווען, מיט ג—ט'ס קדושה אין הארצן. אַנדערש איז אָבער, אויב ער האָט אויפגעגעבן דעם שבת, דורך דעם נעמט ער אוועק פון זיך דעם צייכן און באַווייזט, אז ג—ט'ס מקדש איז שוין אָפּגעטאָן פון די טיפעניש פון זיין האַרצן...

✶

לוחות כתובים משני עבריהם וכ"ו — לוחות באַשריבן פון ביידע זייטן.

צו ר' חיים וואַקס, קאַלישער רב, איז אמאָל געקומען זייער א חשובער בעל-הבית, א רייכער סוחר, און אים פאַרטרויט, אז ער האַלט ביים מאַכן גאָר א גרויס געשעפט, וואָס אויב ער זאָל

נאָר דערביי אָנווענדן א קליין „דרייעלע" און א סוחרישע קאָמ־בינאַציע, קען אים געלינגען צו פאַרדינען א סך געלט.

זאָגט צו אים דער קאָלישער רב: — די תורה דערציילט אונדז, אז די לוחות זענען געווען „כתובים משני עבריהם" גע־שריבן פון זייערעביידע זייטן. כדי צו ווייזן, אז ווי אזוי און אויף וועלכער זייט מען זאָל די תורה נישט דרייען, בלייבט אלץ דער זעלבער „לא תגנוב"...

צוויי סוחרים, וועלכע האָבן ביידע געהאַנדלט מיט פלאַקס, האָבן געדונגען א שיף איבערצופירן די סחורה קיין פּרייסן, און יעדער פון זיי האָט אוועקגעלייגט די פלאַקס אויף דער שיף אין א באַזונדער ווינקל.

אויפן וועג איז איינעם פון זיי אריין א שלעכטער געדאַנק, און ביינאַכט, ווען דער צווייטער איז געשלאָפן, איז ער געגאַנגען און איבערגעטראָגן א טייל פון יענעמס פלאַקס צו זיין לאַגער. געקו־מען אויפן אָרט, נעמט דער גנב איבערוועגן די סחורה און ער בלייבט שטיין א צוטומלטער: לויטן חשבון האָט ער געדאַרפט האָבן מער סחורה, צום סוף האָט ער ווייניקער ווי פריער!... ער האָט זיך נעבעך גלייך געכאַפּט, אז ער האָט געהאַט א ביטערן טעות, אז אַנשטאָט איבערצוטראָגן יענעמס פלאַקס צו זיך, האָט ער אין דער פינצטער פאַרביטן די יוצרות און זיין פלאַקס אי־בערגעטראָגן צו יענעם...

וואָס טוט מען איצט? דערציילן? — וועט ער זיך אליין אויסגעבן אלס גנב. פאַרשווייגן? — וועט ער דאָך ליידן אזא גרויסן פאַרלוסט. ענדלעך האָט דער כוח פון געלט גובר געווען און ער איז אוועק צו יענעם, אַנטפּלעקט פאַר אים דעם גאַנצן אמת, און פאַרלאַנגט ער זאָל אים צוריקגעבן די סחורה וואָס ער האָט דורך א טעות צו אים איבערגעטראָגן.

יענער סוחר האָט אים דערויף געענטפערט, אז ער גלויבט אים נישט. אמת טאַקי, ער האָט מער סחורה, וויפל עס וואָלט געדאַרפט זיין, אָבער עס קען זיין, אז דער פּריץ, ביי וועמען ער האָט דעם פלאַקס געקויפט, האָט געהאַט א טעות אין דער וואָג...

זענען זיי אוועק קיין קעניגסבערג, צום מלבי"ם, האַלטן א דין תורה. יעדער האָט איבערגעחזרט זיינע פריערדיקע טענות. דער ערשטער זאָגט: רבי, א שלעכטע מינוט איז געקומען אויף מיר, איך האָב אים געוואָלט באַ'גנב'ענען און, ליידער, זיך אליין באַ'גנב'עט. דאַקעגן דער צווייטער האָט דערקלערט: רבי, גלויבט אים נישט, איך קען אים שוין פיל יאָרן פאַר אן ערלעכן סוחר, וועלכער איז אויף אַזעלכע זאַכן נישט פּעאיק.

דער מלבי"ם האָט ארויסגעגעבן א פּסק, אז מען דאַרף דעם ערשטן סוחר געבן א שבועה, אז ער האָט דעם צווייטן געוואָלט באַגנב'נען און דאַן באַקומט ער צוריק די סחורה, וואָס ער האָט באַ'גנב'עט זיך אליין...

ויקהל

ויקהל משה וכו׳ — און משה האט איינגעזאמלט אלע יידן און האט צו זיי געזאגט די געבאטן פון ג—ט.

לויט דער אויפפאסונג פון די חז״ל, האט משה ביי דער צונויפזאמלונג געלערנט און אנגעזאגט די יידן, וועגן די צוויי וויכטיקע פראבלעמען „בענין שבת מנוחה, ומשכן מנוחה״ — וועגן צוויי סארטן אפרו, זענען יידן אנגעזאגט געווארן, דאס איז די צייט שבת, און דאס ארט — משכן.

עס איז נאך נישט גענוג, דאס בלויז נישט ארבעטן און פיזישער רו אין טאג פון שבת, נאר עס דארף אויך זיין גייס־טיקע דערהויבנקייט — אין משכן, אין בית-הכנסת.

פאראן מענטשן, וואס באגרייפן ווינציק די גרויסקייט פון דער קדושה פון שבת, פאר זיי איז דאס בלויז א טאג וואס מען טאר נישט ארבעטן און האנדלען. און דער שבת ליגט זיך שווער אויף זיי, ווייל זיי פארלירן דאך פון דעם נישט ארבעטן. די דאזיקע קומען ארייין שפעט אין שבת און זיי איילן זיך פרי ארויסצוגיין, נישט ווארטנדיק אפילו, אז עס זאל שוין זיין זיכער נאכט. אויף דעם זאגט דער נביא: (ישעיה נ״ד) „דורך איין קליינער רגע האב איך דיך פארלאזן״, ווייל, ווען איר וואלט געווארט נאך איין רגע און נישט פארשעמט דעם שבת, וואלט איך אייך אויסגעלייזט, אבער צוליב אט דער קליינער רגע האב איך אייך פארלאזן...

✶

ראו קרא ד׳ בשם בצלאל וכו׳ — זעט, ג—ט האט גערופן מיטן נאמען בצלאל דעם זון פון אורי. דער מדרש זאגט א מענטש האט דריי נעמען: איין נאמען וואס דער פאטער און מוטער גיבן אים ווען ער ווערט געבוירן, דער צווייטער, איז דער נאמען וועלכן די חברים רופן אים. דער דריטער, — איז דער נאמען וואס דער מענטש קויפט זיך איין דורך זיינע גוטע מעשים. דער לעצטער נאמען איז דער בעסטער. בצלאל האט

זיך געקויפט א גוטן נאָמען, און ביי דעם נאָמען האָט אים ג—ט גערופן.

די חז"ל דערציילן: רבי עקיבא, וואָס איז פריער געווען אן עם־הארץ, האָט זיך גענומען צום לערנען, ווייל ער האָט געזען א לאָך אין א שטיין, האָט ער זיך געפרעגט, פונוואנען דער־נעמט זיך דאָס? האָט מען אים געזאָגט, אז די טראָפּנס וואסער פון דאך האָבן אזוי כסדר זיך געגאָסן אויפן שטיין ביז ער איז געלעכערט געוואָרן. האָט ער זיך דערפון ארויסגענומען א מוסר, אויב ווייכע טראָפּנס וואסער קענען לעכערן א הארטן שטיין, קען דאך געוויס דאָס כסדרדיקע לערנען ארייננדרינגען אין א מענטשלעך הארץ, ווי פארהארטעוועט און פארגרעבט עס זאָל נישט זיין.

בצלאל האָט פארמאָגט די גרויסע חכמה צו קענען אריינ־דרינגען אין די פארשטיינערסטע הערצער, און אָנפילן מיט תורה און יידישקייט.

דאָס — זאָגט דער חדושי הרי"ם — זאָגט די תורה „ובחרשת אבן למלאות" ער איז געווען א מייסטער צו לעכערן „שטיינער" און זיי אָנצופילן מיט די מאטעריאלן וואָס זיי נוי־טיקן זיך באמת...

✶

נאָכן חטא-העגל (זינד פון מאכן א געגאָסן קאַלב) פאר־זאמלט משה אלע יידן, און גיט זיי איבער די נייע לוחות.

אויסער די ערנסטקייט פון די זינד פון „עגל־הזהב", וואָס לויט דער אויפפאסונג פון די חז"ל, איז דאָס געווען דער גורם פון אלע אומגליקן, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע דורות פאַ־סירט מיטן יידישן פאָלק, קומט אויך אריין די זינד פון מאכן יענעם טאָן שלעכטס און זינדיקן. ווען די וואָס האָבן פאבריצירט דעם גאָלדענעם קאַלב, האָבן געזאָגט „אלה אלהיך ישראל" דאָס איז דיין גאָט ישראל, וואָס האָט דיך פון מצרים אויפגעבראכט, האָבן זיי דערמיט אומשולדיקע מענטשן פארפירט.

צו ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז געקומען א פרוי מיט א שווער געמיט און זיך באקלאָגט, אז ליידער האָלטן זיך ביי איר קיין קינדער נישט, און געבעטן ער זאָל איר ארויסגעבן עפּעס א תשובה.

— וואָס אזוינס האָסטו געזינדיקט, פרעגט איר ר׳ לוי יצחק. — איך האָב, זאָגט די פרוי, זייער אָפט דאָס פלייש נישט געוויקט. פאר דעם זאָל דער אויבערשטער אזוי שטאַרק שטראָפן, זאָגט דער בערדיטשעווער, ניין! עס איז נישט דאָס. אפשר האָסטו אן אנדער פארברעכן באַגאַנגען? — איך האָב, זאָגט זי, זייער אָפט דאָס פלייש נישט געזאַלצן, ניין! — דערפאר קען דער אויבערשטער נישט שטראָפן אזוי שווער, זאָגט ווייטער ר׳ לוי יצחק. אפשר האָסטו נאָך עפּעס געטאָן?

די פרוי איז ביסלעכווייז מודה, אז זי האָט נישט איינמאָל א הון גע׳גנב׳עט און אפילו אליין עופות געקוילעט. אָבער ר׳ לוי יצחק שאָקלט אלץ מיטן קאָפּ, און זאָגט איר, אז פאר דאָס אלץ קומט טאַקע א שטראָף, אָבער נישט אזא הארבע. באַטראַכט זיך גוט, זאָגט דער בערדיטשעווער, וואָס נאָך האָסטו געטאָן? — די פרוי קלערט א ווילע און זאָגט — איך האָב די אורחים פון מיין אכסניא טריפות געגעבן צו עסן.

אָט דאָס מיין טאָכטער — זאָגט צו איר ר׳ לוי יצחק — איז ערגער פאר אלעם. דאָס וואָס דו האָסט אליין געטאָן, און האָט בלויז מיט דיר צו טאָן, איז דער אויבערשטער א פאָטער און וועט מוחל זיין, אָבער מאכן שטרויכלען יענעם, דערצו נאָך, אָן זיין וויסן, דאָס איז שוין גאָר א הארבע זינד...

ויקהל־פקודי

ויקהל משה וכ"ו משה האָט פאַרזאַמלט אַלע יידן, און ער האָט צו זיי געזאָגט: זעקס טעג זאָלט איר אַרבעטן, און דער זיבעטער טאָג, זאָל זיין פאַר אייך הייליק.

אויב איר וועט אַזוי טאָן, וועט איר פאַרגליכן ווערן צו אייער באַשאַפער, ווייל אַזוי האָט ג—ט אויך געטאָן, באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און גערוט אויפן זיבעטן טאָג.

מיר יידן היטן דעם טאָג שבת, און די גוים רוען דעם ערשטן טאָג. פאַרן יידנטום איז אוממעגלעך צו האַלטן הייליק אַן אַנדערן טאָג, ווי דעם זיבעטן, דעם לעצטן טאָג אין וואָך, און נישט דעם ערשטן. ווייל מיר דאַרפן האָבן די צוגרייטונג — און כדי צו קומען צו דער קדושה פון איין טאָג — מוזן מיר זיך גרייטן גאַנצע זעקס טעג, און דאַן וועט די יי־ושה קומען. מיר הויבן אָן מיט וואָכעדיקייט און מען ענדיקט מיט הייליקייט, וואָכעדיקייט איז דער מיטל, און הייליקייט איז דער ציל, ווייל דער ציל קומט שטענדיק צום סוף. ביי דער גוי'שער וועלט איז דאָס פונקט פאַרקערט...

✶

בצלאל בן אורי וכ"ו — די אַרבעט פון משכן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו בצלאל'ן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער אין בוי אַרבעט, און אַ גרויסער חכם אין אַלגעמיין.

די גמרא (ברכות נ"ה) זאָגט: „בצלאל על שם חכמתו נקרא" ער האָט אַזוי געהייסן צוליב זיין חכמה. בעת דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן: גיי זאָג בצלאל'ן ער זאָל מאַכן אַ משכן, אָרון און כלים, האָט משה פאַרדרייט די יוצרות (אויסצופּרובירן אים) און געזאָגט „מאַך אַן אָרון, כלים און אַ משכן". האָט בצלאל געזאָגט צו אים: „משה, דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז אַ מענטש בויט צוערשט אַ הויז, און דערנאָך נעמט ער אַריין אין הויז כלים און דו הייסט מיר מאַכן אַן אָרון, כלים און אַ משכן!" און ווען איך וועל מאַכן די כלים, איז וווהין וועל איך זיי אַריינשטעלן?

אפשר האָט דיר ג—ט געזאָגט, „מאַך אַ משכן, אָרון און כלים?" — האָט משה געענטפערט: „שמא בצל-אל, היית וידעת" אפשר ביסטו געווען אין אויבערשטנס שאָטן דעריבער ווייסטו...

דער רמב"ם (דעות פ. ה.) זאָגט: א טיפּש, א נאַר, האָט צו-ערשט חתונה, דערנאָך בויט ער א הויז און נאָכהער הויבט ער זיך אָן לערנען א פאַך. דאקעגן דער חכם, דער קלוגער, לערנט זיך אוים צוערשט א פאַך, דערנאָך בויט ער א וווינונג און ערשט דאַן האָט ער חתונה.

✶

אשר פּוקד על פּי משה — משה אליין איז געווען באשטימט אלס גבאי, טאָ פאַרוואָס זאָגט נישט די תורה אשר פּקד? — וואָס ער האָט געציילט? — זאָגט דער מדרש: אז משה האָט אליין גענומען צו זיך נאָך מענטשן, און צוזאמען מיט זיי האָט ער געמאכט דעם חשבון, כדי צו ווייזן, אז ווען עס קומט צו ציילן קהל'יש געלט זאָל מען דאָס נישט טאָן אליין. מען איז דאָך נישט מער ווי א מענטש, און א מענטש קען האָבן, אמאָל, א טעות. ער קען אמאָל פאַרגעסן, איז בעסער, אז עס זענען פאַראַן דערביי מער ווי איינער. דערפאַר טאַקי דאַרף צדקה געזאמלט ווערן דורך צוויי מענטשן, און ווען מען צעטיילט צדקה-געלט, דאַרפן דערביי זיי דריי פּערזאָן.

א מענטש איז זייער פאַרזיכטיק מיט זיין אייגן געלט, איז מיט יענעמס געלט, דאַרף מען זיין נאָך מער פאַרזיכטיק. און ווען עס האנדלט זיך וועגן אָן אָרימאַנס געלט דאַרף מען זיין גאָר פאַרזיכטיק.

א גבאי פון צדקה מוז זיין נישט בלויז ערליך, נאָר אליין אויך א בעל צדקה. אלס ביישפּיל ווערט גענומען רבי חנינא בן תרדיון, ער איז נישט נאָר געווען אן ערלעכער מענטש, נאָר אויך פיל צדקה געגעבן.

ר' חיים בריסקער, האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגעזאָגט צו שטיצן. האָט ער נישט געהאַט ביי זיך קיין געלט, איז ער ארומגעלאָפן איבערן שטאָט זאמלען, אָדער ער האָט געבאָרגט און געגעבן, אזוי ארום שולדיק געווען א סך געלט.

רבי — האָט אמאָל איינער אים געפרעגט — ווו וועט איר נעמען אָפּצוגעבן אייערע חובות? — מאכט נישט אוים, זאָגט ר' חיים, אין בריסק זענען פאַראַן ב"ה גענוג גבירים, וועלכע זענען אין דער מעגלעכקייט צו באצאָלן, וואָס איך גיב אוים פאַר זייערע אָרעמע-לייט...

✶

ויהי בחדש הראשון וכ"ו הוקם המשכן. — און עס איז געווען אין ערשטן חודש אין צווייטן יאָר, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן.

די חז"ל זאָגן: (מגילה י') ווו א „ויהי" איז דאָס אן אוים-

דרוק פון צער. וואָס איז דאָרט אייגנטלעך געווען פאַר א צער? — פאַרקערט, משה האָט שוין געהאַט אַלץ פאַרטיק, דעם משכן אויפגעשטעלט, האָט ער דאָך געדאַרפט זיין צופרידן? — נאָר די חז"ל גיבן דערויף א משל: א גרויסער מאַן האָט געהאַט א בייזע פרוי. זאָגט ער צו איר: „שטריק מיר אויס א פורפור־מאַנטל". די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען באַשעפטיקט מיט דער אַרבעט, האָט זי געשוויגן, נישט געקריגט זיך, נישט גע־שאָלטן. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, ברענגט זי אים דעם מאַנטל, הויבט ער אָן צו קרעכצן. זאָגט זי אים: „איך האָב געטאָן דיין ווילן און אַזוי פיל מי זיך געגעבן, איצט קרעכצטו? געפעלט דיר דען מיין אַרבעט נישט"? ענטפערט ער: „דער מאַנטל איז זייער פיין און שיין, דו ביסט אָבער איצט שוין נישט פאַרנומען, וועסטו ווייטער זיך נעמען קריגן, ווי אַמאָל".

דער נמשל איז: כל זמן די יידן זענען געווען פאַרנומען מיטן משכן, איז געווען שטיל. משה האָט אָבער מורא געהאַט, ווען די אַרבעט וועט זיך ענדיקן, וועלן זיי ווייטער אָנהויבן קומען מיט טענות, ווי דער שטייגער איז געווען אין מדבר...

פקודי

אלה פקודי המשכן, משכן העדות. — דאָס זענען די איבער־צײלונגען פון משכן, דעם משכן פון געזעץ. — וואָס עפּעס צוויי מאָל „משכן"? זאָגט רש"י: אַז דאָס איז אַ רמז, אַז צוויי מאָל וועט דער בית־המקדש פאַר'משכונ'ט ווערן, ביי די צוויי חורבנות. דער אויסדרוק פאַר'משכונ'ט ווערן, באַדייט נאָר צוויי חורבנות. אָבער אין ביידע פאַלן וועט דאָס אויפלעבן פון אונדזער הייליק־טום צוריק קומען

די חז"ל (מכות כ"ד) דערציילן: רבן גמליאל, רבי אליעזר, רבי יהושע און רבי עקיבא זענען אַמאָל צוגעקומען צום אָרט, וווּ דער בית־המקדש איז געשטאַנען, האָבן זיי געזען, אַ פוקס אַרויסגיין פון דעם אָרט, וווּ דער קדשי־קדשים איז געווען, האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען, און רבי עקיבא האָט געלאַכט. פרעגן זיי אים: פאַרוואָס לאַכסטו? פרעגט ער זיי צוריק: פאַרוואָס וויינט איר? זאָגן זיי: אַן אָרט, וואָס קיין שום פרעמדער מענטש האָט דאָרט נישט געטאָרט אַריינקומען — גייען איצט אַרום פוקסן — זאָלן מיר נישט וויינען? — האָט רבי עקיבא זיי געזאָגט: דעריבער טאַקע לאַך איך. ווייל אויב ס'איז מקוים געוואָרן די נבואה פון אוריה הנביא, אַז „צוליב אייך וועט ציון ווערן פאַר־אַקערט ווי אַ פעלד" — איז צו דערוואַרטן, אַז עס וועט אויך מקויים ווערן די נבואה פון זכריה הנביא: אַז „עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אויף די גאַסן פון ירושלים". האָבן זיי אים געזאָגט: עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט...

✶

כל הזהב וכו' — עס האָט אַמאָל איינער געטייטשט: — כל הזהב העשוי — דאָס וואָס גאָלד איז אינגאַנצן באַשאַפן גע־וואָרן אויף דער וועלט, איז נאָר צוליב — למלאכה בכל מלאכת הקדש — כדי מען זאָל דערמיט טאָן הייליקע און נוצלעכע זאַכן.

די חז"ל דערציילן (תמיד ל"ב): אַז אַלעקסאַנדער מוקדן האָט אַמאָל געמאַכט אַ רייזע קיין אַפריקע און איז אָנגעקומען אין אַ געגנט וואָס איז געווען באַוווינט פון דורכאויס פרויען. האָט ער געוואָלט קעגן זיי פאַרפירן אַ מלחמה, האָבן די פרויען צו אים אַזוי געזאָגט: צי וואָס זאָלסטו קעגן אונדז פירן קריג? אויב דו וועסט אונדז באַזיגן, וועט די וועלט זאָגן: אויך מיר אַ העלדישער קעניג, ער האָט באַזיגט אַ ווייבעריש פאָלק! און אויב מיר וועלן דיך באַזיגן, וועט די וועלט זאָגן: אויך מיר אַ מלך, אפילו ווייבער האָבן אים באַזיגט.

אלעקסאנדער האָט איינגעזען, אז זיי האָבן רעכט, האָט ער צו זיי מיט גוטן געערדט און געבעטן זיי זאָלן אים ברענגען ברויט צום עסן. האָבן די פרויען אים געבראכט גאָלדענע לאבנס ברויט אויף גאָלדענע טישן. עסן דען ביי אייך מענטשן גאָלדענע ברויט? — האָט אלעקסאנדער געפרעגט. — אויב דו האָסט געוואָלט בלויז ברויט, האָבן די פרויען געענטפערט, האָסטו דען דאָס נישט געקענט געפינען אין דיין אייגן לאנד? צו וואָס האָסטו געדאַרפט מאכן אזא ווייטע רייזע? נאָר מסתם ביזטו דאָך אויסן צו פארכאַפן גאָלד און פארמעגן, האָבן מיר דיר געבראכט וואָס דיין באגער איז.

ווען אלעקסאנדער מוקדן איז פון דאָרט אוועק, האָט ער אָנגעשריבן אויפן טויער פון דער ווייבערישער הויפּט־שטאָט, פאָלגנדיקע ווערטער: איך אלעקסאנדער מוקדן בין געווען א נאר מיין גאנץ לעבן ביז איך בין געקומען אין דעם לאנד אפריקע און געלערנט שכל פון ווייבער...

✶

ויברך אותם משה — און משה האָט זיי געבענטשט. זאָגט רש"י: ער האָט זיי געזאָגט: „יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם" — ווען יידן זענען פארזאַמלט אין א רעליגיעזער אָדער געזעלשאַפטלעכער פייערונג, אָדער שבת און יום־טוב אין שול, איז יעדער ייד דאָן אין א געהויבענער שטימונג, און איז גוט און פרום, אָבער משה האָט זיי געבענטשט, אז די שכינה זאָל אויך רוען „במעשה ידיכם" אין אייערע וואָכעדיקע ארבעט, אין טאָג טעגלעכן לעבן.

ר' מאיר'ל פּרעמישלאנער, האָט איינמאָל ביים דאווענען אויסגעשריגן — רבונו של עולם! — איך ווייס גאנץ גוט, אז ווען מען זאָל נעמען און גוט אויסקוועטשן די תפילות, וואָס די יידן זענען צו דיר מתפלל, וועט זייער תמצית זיין געלט, נאָר געלט... איך ווייס אָבער אויך גאנץ גוט, אז ווען מען זאָל ווידער נעמען אויסקוועטשן דאָס געלט, וואָס די יידן פארלאנגען פון דיר, וועט אלס תמצית דערפון ארויסגיין — תורה און מעשים טובים. ווייל אויף וואָס דארף דען דער ייד געלט? — צו דערציען זיינע קינדער, חתונה צו מאכן זיין טאָכטער, שטיצן א ישיבה, וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, און פארשידענע אפילן אָדער ארויסצוהעלפן א געדריקטן אא"וו...

ד ר י ט ע ר ט י י ל

ו י ק ר א

ויקרא

ויקרא — א' זעירה — אין ווארט „ויקרא" איז דער אלף א קליינער. ווייל משה האט זיך געהאלטן קליין כאטש ער איז געווען אויף אזא הויכער מדרגה, פונדעסטוועגן איז ער געווען ביי זיך גאר נידעריק. פונקט ווי א מענטש וואס שטייט אויף א הויכן דאך, ווער דאך אים נישט איינפאלן זיך צו האלטן גרויס דערמיט, וואס ער איז אין דער הויך, ווייל ער ווייס, אז זיין הויכ־קייט איז נישט זיין אייגענע, נאר פשוט ווייל ער געפינט זיך אויף א הויכן דאך — אזוי איז אויך געווען משה רבינו. טראץ זיין גרויסקייט האט ער שטענדיק געדענקט, אז די מעלות זיינע זענען נישט זיינע אייגענע, נאר דער אויבערשטער האט זיי אים געגעבן, אליין האט ער זיך געהאלטן פאר קליין און איינפאך. דעריבער „ויקרא אל משה" ווען ער האט גערופן משהן, איז א קליינע א', צו סימבאליזירן זיין עניוות...

ר' מאירל פרעמישלאנער פלעגט זאגן: צוויי אויגן זענען געגעבן געווארן דעם מענטשן. איין אויג — צו זען יענעמס מעלות, דאס צווייטע אויג — צו זען זיינע אייגענע חסרונות... צום סוף, קוקט ער מיט ביידע אויגן אויף יענעמס חסרונות, דא־קעגן זיינע אייגענע חסרונות זעט ער בכלל נישט...

✶

דער אריגינעלער נאמען פון ספר „ויקרא" איז „ספר תורת כהנים" — בוך פון געזעצן פאר כהנים, ווי אנצוגיין מיט מקריב זיין קרבנות.

היינט איז, תפילה, אנשטאט קרבנות — אבער צוערשט מוז מען זיין מער פארזיכטיק מיט דער באציאונג צום מענטשן, ווי מיט דער באציאונג צום אויבערשטן. דער וואס דענקט, אבי ער דאווענט דריי מאל א טאג, האט ער שוין אלץ יוצא געווען, און ער מעג זיך שוין דערלויבן, יענעם אפצונארן אדער שלעכט בא־האנדלען, האט ער א טעות.

דער נביא ישעיה האט שוין לאנג געזאגט: „גם כי תרבו תפי־לה וכ"ו אפילו ווען איר זאלט פיל דאווענען, וועל איך דאס נישט ערן אויב איר באשווינדלט יענעם, און אייערע הענט זענען נישט ריין פון בלוט. תפילה טאן איז זייער וויכטיק, אבער גלייכ־צייטיק מוז מען אפוואשן און רייניקן זיך פון אלע זינד, פלעקן, בנוגע דער באציאונג צום צווייטן. די זינד וואס א מענטש באגייט קעגן אויבערשטן ווערט יום־כיפור פארגעבן. אבער די אומרעכט

וואָס איין מענטש באַגייט קעגן צווייטן, איז אַפילו יום־כפור נישט מכפר, סיידן דער געליטענער באַקומט זיין סאַטיספאַקציע....

דער חפץ-חיים האָט אַמאָל געזאָגט: אַז ער האָט געלערנט, ווי אַזוי ליב צו האָבן אַ יידן, פון אַ פּויער. ער האָט אַמאָל געזען צוויי פּויערים טרינקען אין אַ שענק. רופט זיך אָן איין פּויער צום צווייטן: „האָסט מיך ליב?" — „יאָ" ענטפערט דער צווייטער. „ווי אַזוי קענסטו מיך ליב האָבן, אַז דו ווייסט נישט וואָס מיר פעלט?" — האָט דער ערשטער געזאָגט. האָט ער דערפון געלערנט, אַז אויב באמת ליב האָבן אַ יידן דאַרף מען וויסן וואָס אים פעלט...

עס זענען אַמאָל געווען צוויי גוטע פריינד, וועלכע זענען געווען זייער געטריי איינער דעם צווייטן. איינמאָל האָבן שלעכטע מענטשן אויסגעטראַכט אויף איינעם פון זיי אַ שקר-בלבול, פאַר וועלכן מען האָט אים פאַראורטיילט צום טויט. דער צווייטער חבר האָט אַלץ אָנגעווענדעט כדי זיין פריינד ראַטעווען, אָבער ס'איז אים נישט געלונגען. ווען מען האָט שוין געזאָלט אויספירן די שרעקלעכע עקזעקוציע, האָט דער פריינד זיינער געמאַכט דעם לעצטן פאַרצווייפלטן שריט און צוגעלאָפן צום פּראָקוראָר אויפן תליה-פּלאַץ אויסשרייענדיק מיט די לעצטע כוחות: הענגט נישט אומזיסט קיין מענטש! איך בין זיך מודה צו דער שולד, איך בין עס דער פאַרברעכער! הרג-עט מיך און לאָזט אים לעבן.

ווען דער פאַראורטיילטער האָט דערהערט ווי זיין חבר נייט ברענגען אויף זיך אַן אומגליק, כדי אים צו ראַטעווען, האָט ער — אָנשטאָט וואָס ביז איצט האָט ער כסדר געלייקנט זיין שולד — אָנגעהויבן שרייען: גלויבט אים נישט ה' פּראָקוראָר! ער זאָגט עס נאָר, כדי מיך צו ראַטעווען! אָבער איך בין עס טאַקי דער אמתער שולדיקער, נישט ער!...

עס איז געוואָרן אַ צעדרודערונג, און דער טויט אורטייל איז דערווייל שוין נישט געוואָרן אויסגעפירט, ביז דער גאַנצער ענין איז אָנגעקומען צום קעניג אַליין.

דער קעניג האָט געשיקט רופן צו זיך די צוויי פריינד און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים דערציילן אויפריכטיק דעם גאַנצן אמת וואָס דאָ קומט פאָר, און דערביי צוגעזאָגט זיי צו באַפרייען פון יעדער שטראָף.

די צוויי פריינד האָבן דעם מלך דערציילט דעם גאַנצן אמת, וועגן זייער איבערגעגעבענער פריינדשאַפט, און אַז זיי האָבן אַזוי געהאַנדלט אין לעצטן מאָמענט פון פאַרצווייפלונג כדי מיטן אייגענעם לעבן, ראַטעווען דעם פריינד.

דער קעניג איז פון דער גאַנצער געשיכטע שטאַרק גערירט געוואָרן און זיך אָפּגערופן צו זיי: איך בעט אייך נעמט מיך צו פאַר אַ דריטן צו אייער פריינדשאַפט! איך שטיי צו צו אייער חברותא...

✶

ויקרא אל משה — און ג-ט האָט גערופן צו משה׳ן.

ווען דער משכן איז פאַרענדיקט געוואָרן, איז משה נישט אַריינגעגאַנגען אין משכן, ביז ג־ט האָט אים גערופן.

רבי עקיבא זאָגט דערויף (מדרש): א מענטש זאָל שטענדיק זיך זעצן דריי פּלעצער נידעריקער, כדי מען זאָל אים רופן צו פאַרנעמען דעם ריכטיקן פּלאַץ. אָבער ער זאָל קיינמאָל נישט פאַר־נעמען קיין העכערן פּלאַץ, מען זאָל אים נישט הייסן אַרונטער־גיין. משה איז נישט געגאַנגען אין משכן, ביז מען האָט אים גערופן...

מען דערציילט: א ישובניק האָט געהאַט יאָרצייט, איז ער געקומען אין ווילנע אין שול אַריין, און פּונקט געטראָפן אין וויל־נער גאון׳ס קלויז. אַריינקומענדיק אין שול, פרעגט ער ביי קיינעם גאָרנישט, נאָר גייט גלייך אַרויף אויבן־אָן אויפן מזרח. דעם שמש האָט דאָס פאַרדראָסן: ווי קומט עס, א פּראָסטער מענטש צו קריכן אויבן־אָן? — גייט ער צו צו אים, גיט אים אָפּ שלום און פרעגט: — פון וואַנען איז א ייד? — פון א ישוב נאָענט פון שטאָט. — ענטפערט אים דער ישובניק. פרעגט אים ווידער דער שמש: ר׳ ייד, איר האָט שוין געדאַוונט פון פאָרנט? — ניין, ענטפערט דער ישוב׳ניק. — אויב אזוי — זאָגט דער שמש — טאָ זייט אזוי גוט און קומט אַרונטער, דאַוונען פון פאָרנט...

✶

„ויקרא" שטייט געשריבן מיט א קליינעם אלף. — ווען דער דריטער ליובאַוויטשער רבי זצ״ל (דער צמח צדק) איז אַלט געווען דריי יאָר האָט מען אים געפירט אין חדר לערנען. דער מלמד האָט מיט אים געלערנט די ערשטע פרשה פון ויקרא.

נאָכן לערנען האָט דאָס קינד געפרעגט זיין גרויסן זיידן, דעם ערשטן ליובאַוויטשער רבין — באַוווּסט מיטן נאָמען „דער רב" — פאַרוואָס שטייט „ויקרא" מיט א קליינעם אלף? — זיין זיידע האָט זיך אביסל פאַרטראַכט און האָט אים געזאָגט: אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם אויבערשטן אליין, זיין חכמה איז געווען גרעסער פון די מלאכים, ער האָט געוווּסט זיינע מעלות, און האָט זיך דערמיט איבערגענומען, דערפאַר איז ער געשטרויכלט געוואָרן מיט די זינד פון עץ־הדעת.

משה רבינו טראָץ דעם וואָס ער האָט געוווּסט זיין הויכע מדרגה, דאָך האָט ער זיך גאָרנישט איבערגענומען דערמיט, אדרבא ער האָט זיך געהאַלטן זייער קליין, טראַכטנדיק, אז ווען אַן אַנדערער ייד וואָלט אויף זיין אָרט געווען, וואָלט ער זיכער געווען גרעסער פון אים.

אותיות זענען דא גרויסע, מיטעלע און קליינע. אדם הרא־שון, וועלכער איז נכשל געוואָרן פילנדיק זיין גרויסקייט, שטייט זיין נאָמען אין „דברי הימים" מיט א גרויסן אלף. די תורה איז געשריבן מיט מיטעלע אותיות (בינונים), ווייל א ייד דורך לער־נען תורה דארף זיין א „בינוני". משה רבינו, וועלכער איז צו־געקומען דורך וויסן זיינע מעלות, צו דער העכסטער מדרגה פון עניוות — והאיש משה עניו וכו' — שטייט ביי אים א קליי־נער אלף...

✶

אין דער סדרה „ויקרא" ווערט איבערגעגעבן ווי אָנצוגיין מיט מקריב זיין קרבנות.

דער רמב"ם (מורה נבוכים ל"ב) דערקלערט, אז די מצוה פון קרבנות איז געגעבן געוואָרן צו די יידן בכדי זיי צו פאר־היטן פון עבודה-זרה. אין יענער צייט איז שטארק פארשפרייט געווען צווישן די פעלקער דאָס מקריב זיין צו זייערע געטער. די אבערגלויבעניש איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האָבן אפילו אויך מענטשלעכע קרבנות געבראכט. דאָס ערשטע געבוירענע קינד, אויב עס איז א זכר געווען, האָט ער געמוזט געבראכט ווערן אלס קרבן צו די געטער.

וועלנדיק דערהווייטערן די יידן פון אזעלכע אבערגלויבע־נישן, זענען דעריבער די יידן באפוילן געוואָרן צו בויען א משכן און מקריב זיין קרבנות, וועלכע זאָלן זיי דערהויבן צו א העכע־רער מדרגה און דערנענטערן זיי צום אויבערשטן.

און דאָס געפינען מיר דייטלעך אויסגעדריקט אין דער תורה (ויקרא י"ז) — למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם לד' וכו' — ולא יזבחו עוד לשעירים — כדי די יידן זאָלן ברענ־גען זייערע קרבנות צו ג־ט, און זיי זאָלן מער נישט שעכטן צו די שדים.

די אנשי כנסת הגדולה האָבן אָנגעהויבן איינפירן תפילה אָנשטאָט קרבנות. רבי אלעזר זאָגט (סנהדרין י"ג): אז תפילה שטייט נאָך העכער פון קרבנות.

די חז"ל דערציילן (יבמות ק"ה): ר' חייא און ר' שמעון זענען געזעסן און געשמועסט וועגן תפילה. רופט זיך אָפּ איינער: ביים דאַווענען דארף מען קוקן מיט די אויגן צו ארץ ישראל. זאָגט דער אנדערער: גלייכער ארויף צום הימל. דערווייל איז געקומען צו זיי ר' ישמעאל, פרעגט ער זיי: וועגן וואָס שמועסט איר? — האָבן זיי געזאָגט צו אים, וועגן דאַווענען. רופט ער זיך אָן: מיין פאָטער האָט אזוי געזאָגט: ביים דאַווענען דארף מען ווענדן די אויגן צו ארץ ישראל, און דאָס הארץ ארויף צום הימל...

צו (שבת הגדול)

צו אהרן ואת בניו לאמר וכו' — באפעל אהרן'ען און זיינע זין אזוי צו זאגן: דאס איז דער דין פון קרבן עולה.

ווי באוווסט האבן די כהנים באקומען חלקים (טיילן) פון אלע קרבנות, אויסער פון קרבן עולה, וואס איז איינגאנצן פאר-ברענט געווארן.

זאגט דעריבער ר' שמעון: „ביותר צריך הכתוב לזרז, במקום שיש חסרון כיס" — עס איז נויטיק געווען צו ווארענען און אויפ-מערקזאם מאכן די כהנים, ווען די דינים פון קרבן עולה, כאטש דערפון האבן זיי גארנישט געהאט, פונדעסטוועגן זאלן זיי גרינד-לעך לערנען מיטן פאלק, אפילו אן פארדינסט.

נישט שטענדיק און נישט אומעטום דארף זיין געלט אן עיקר. זייער אפט דארף מען נאך צוליינן געלט פאר די נוצן פון דער געזעלשאפט, און קיינער טאר נישט וועלן זיך באפרייען אדער ארויסדרייען פון די פליכטן.

מען דערציילט: אין א שטעטל האט מען געדארפט האבן אביסל געלט אויף א זייער נויטיקן צוועק. האט מען גערופן אן אסיפה און געזוכט פלענער ווי אזוי צו שאפן די נויטיקע סומע. האט זיך איינער אויפגעשטעלט און געמאכט אזא פארשלאג: אזוי ווי אין אלע בתי-מדרשים אין שטעטל, מאכט מען יעדן אינ-דערפרי נאכן דאווענען א קידוש, און יעדער איינער טרינקט אויס עטלעכע גלעזלעך בראנפן, לייגט ער פאר: מען זאל אוועקשטעלן א לייריקן פאס אין גרויסן בית־מדרש, און יעדער זאל נאכן דא־ווענען טרינקען איין גלעזעלע ווייניקער, און דאס דאזיקע גלעזעלע בראנפן אריינגיסן אין פאס אריין, אזוי ארום וועט אין א קורצער צייט זיין א פול פאס בראנפן, וועט מען עס פארקויפן, און האבן די נויטיקע סומע געלט.

דער וואס האט דאס פארגעלייגט, האט זיך געטראכט: דאס געלט וועט זיכער געשאפן ווערן, און אים וועט דאס גארנישט אנרירן, ווארום יעדער איינער וועט דאך אריינגיסן א גלעזעלע בראנפן, אבער ער אליין וועט אריינגיסן א גלעזעלע וואסער.

געוויינלעך, אז מען מאכט א פארשלאג אויף אן אסיפה, שאפן זיך באלד קעגנער, אבער אין דעם פאל, האבן אלע ווי איי-נער אים גלייך אנגענומען, ווארום יעדער האט זיך געטראכט: א טייערע פארשלאג, יעדער איינער וועט אריינגיסן א גלעזעלע בראנפן אבער איך וועל אריינגיסן א גלעזעלע וואסער. די נויטיקע

סומע געלט וועט טאקע געשאפן ווערן און מיך וועט דאס גאר־נישט אנרירן. דער סוף איז געווען, אז יעדער האט ארייגעגאסן א גלעזעלע וואסער, און אין עטלעכע וואכן ארום האט סהל געהאט א פאס מיט וואסער...

✶

וחלב נבלה וחלב טרפה וכו', ואכל לא תאכלהו.

די חז"ל דערציילן (ירושלמי שבועות ד'): ר' אבא בר זמינא, וועלכער איז געווען א שניידער, האט איינמאל געארבעט אין דעם הויז פון א געצנדינער אין ארם. האט דער גוי אים געגעבן א שטיקל פלייש פון א נבלה צו עסן. — איך וועל דאס נישט עסן — האט ר' אבא געזאגט. — עס! האט דער גוי גע־שריגן. אויב נישט, וועל איך דיך הרג'ענען. האט ר' אבא געענט־פערט: אויב דו ווילסט מיך הרג'ענען, קענסטו דאס טאן, אבער איך וועל קיין נבלה נישט עסן, ווייל איך בין א ייד און עס איז מיר פארבאטן.

— הער צו — האט דער גוי דערנאך געזאגט. — אט איצט וועל איך דיר אויסזאגן מיין סוד. איך האב געמיינט פונקט פאר־קערט. ווען דו וואלסט יא געגעסן די נבלה, וואלט איך דיך דער־הרג'עט, ווייל איך גלויב, אז יעדער מענטש דארף היטן זיין גלויבן. איז איינער א גוי, דארף ער זיך פירן ווי א גוי, איז איי־נער א ייד, דארף ער היטן יידישקייט...

✶

א דייטשישער באראן, האט אמאל געזאגט צו ר' יונתן איי־בעשיץ: אט, וועל איך דיר ווייזן, אז די יידישע רעליגיע האט נישט קיין טעם און נישט קיין לאגיק. אז א הון האט אויפגעגעסן אפילו א גאנצן פונט מיט פוטער, איז אלץ אין ארדענונג און עס איז כשר, אבער ווען א טראפן פוטער איז ארייגעפאלן אין טאפ ווו די הון קאכט זיך — איז אלץ טריף. איז דאס לאגיש?

— האט ר' יונתן אים געענטפערט: ביי אייך איז אויך אזוי. א חזיר וואס פרעסט אלערליי טינופת, עסט אים אפילו דער קיסר אליין, אבער ווען א שטיקעלע טינופת איז ארייגעפאלן אין טאפ, ווו דער חזיר קאכט זיך, וועט ער דאס שוין נישט עסן...

✶

צום ריזשינער זענען אמאל געקומען צוויי יידישע סאלדאטן און מיט טרערן אין די אויגן געקלאגט זיך פאר אים, אז דורך דעם וואס זיי דינען דעם קיסר, זענען זיי געצוואונגען צו עסן טריפות. — אויב איר נעמט זיך אזוי צום הארצן — האט זיי דער ריזשינער געענטפערט — בין איך אייך מבטיח, אז ווען

משיח וועט קומען, וועט איר מאַרשירן אין פראָנט, פאַר אַלע צדיקים...

✶

שבת הגדול — איז געווען איינגעפירט אין אַלע יידישע קהי־לות, אַז רבנים פלעגן דרש'ענען וועגן דינים וואָס זענען נוגע פסח. היינטיקע צייטן, ווערן שאלות ווייניק געפרעגט, און דער עולם איז נישט אַזוי נייגעריק צו הערן וועגן דינים... מוזן דערי־בער די שבת־הגדול'דיקע דרשות טראָגן אַ ביסל אַן אַנדערן כאַ־ראַקטער.

ר' צבי הירש בערלינער, ווען ער איז געווען רב אין מאַנהיים (דייטשלאַנד), האָט איינמאָל אין אַ שבת הגדול אויסגערופן, אַז היינט וועט ער קיין דרשה נישט האַלטן. ווען אייניקע בעלי־בתים האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס איז ער מבטל דעם מנהג פון רעדן שבת־הגדול, האָט ער זיי געענטפערט: „די חז"ל זאָגן: (פסחים ו') שואלין ודורשין בהלכות פסח קודם הפסח" — מען דאַרף פרעגן און דרש'נען וועגן די דינים פון פסח, פאַר פסח. איז דאָך אַ פראַגע: פאַרוואָס עפעס אַ טאָפּלטער לשון: „שואלין ודורשין"? — דער ענטפער איז: צו ווייזן, אַז דאָרט ווו עס איז „שואלין"— מען קומט צום רב מיט שאלות, איז „דורשין" — ליגט די פליכט אויפן רב צו האַלטן אַ דרשה, בכדי אויפצוקלערן אַלע פאַרן עולם. אָבער אין אַזאַ שטאָט ווו עס איז קיין „שואלין" נישטאָ, מען פרעגט גאָרנישט, מען ווייסט אַלץ אַליין... דאָרט איז דער רב אויך פטור פון „דורשין".

✶

כנגד ארבעה בנים וכ"ו — פיר בנים, פיר דורות. דער פאָ־טער פון ערשטן בן איז אַ שטרענג אָפּגעהיטענער פרומער ייד, אָבער דער זון, איז שוין אַ גאַנצער „חכם" אַ משכיל, וועלכער וויל דורכאויס וויסן דעם שכל פון יעדע מצוה און ער שטעלט פאַרשידענע פראַגן... דער דאַזיקער זון, דער חכם, פירט נאָך אַליין אַ טראַדיציאָנעלע יידישע היים, אָבער די קינדער גיט ער שוין אַ מאָדערנע וועלטלעכע דערציאונג, פון וועלכער עס וואַקסט שוין ארויס אַ „רשע" אַ שונא פון יידישקייט, פאַר אים איז שוין אפילו דער טאַטע, דער משכיל, צו פרום און ער פרעגט שוין: „מה הע־בודה הזאת לכם" — צו וואָס דאַרף מען דאָס, די אַלע צערעמאָ־ניעס?...

אין רשע'ס הויז איז שוין קיין זכר נישטאָ פון יידישקייט און יידישע טראַדיציעס, און זיין זון איז שוין אַ פאָלקאָמער „תם", וועלכער ווייסט גאָרנישט בנוגע יידישקייט, און יוען ער קומט אַמאָל צו זיין זיידן דעם „חכם" און דערזעט דאָרט יידישע מנהגים, שטעלט ער אויס אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן און פרעגט:

„מה זאת״?... וואס איז דאס? — דער זון פון „תם״ האלט שוין נאך ווייטער, ער איז שוין א „שאינו יודע לשאול״ ער דארף שוין אפילו נישט פרעגן, ווייל דער עלטער זיידע דער „חכם״ לעבט שוין לאנג נישט, און ביי זיין פאטער, אפילו ביי זיין זיידן זעט ער שוין גארנישט, אויף וועלכעם ער זאל האבן צו שטעלן פראגן...

✶

דבר נא באזני העם וישאלו וכ״ו — ווען די יידן האבן גע-דארפט ארויסגיין פון מצרים, האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה׳ן: רעד, איך בעט דיך, אין די אויערן פון פאלק, אז זיי זאלן לייען פון די מצריים זילבערנע און גאלדענע כלים.

אין דער אמתן, האט דאך משה רבינו געפאדערט פון פרעה׳ן צו באפרייען די יידן בלויז אויף דריי טעג (דרך שלושת ימים נלך במדבר) האבן די יידן, צום אנהויב אינגאנצן נישט געוואלט ארויסגיין, און אויך נישט בארגן ביי די מצריים כלים און קליי-דער, ווייל אויף דריי טעג, לוינט נישט די גאנצע טרחה. האט מען זיי בסוד שטילערהייט, געזאגט, אז זיי וועלן שוין מער נישט צוריקגיין קיין מצרים. דעריבער שטייט: „דבר נא באזני העם״ אויפן אויער שטילערהייט זאלסטו זיי זאגן, אז זיי מעגן בארגן און גיין מיט צופרידנהייט, ווייל זיי וועלן שוין צוריק נישט גיין...

✶

זיצן פסח דריי יידן און שמועסן. פאלט זיי איין זיך צו וועטן, ווער פון זיי עס וועט זאגן דעם גרעסטן ליגן, דער זאל באקומען א פלאש וויין. זאגט איינער: ווען איך בין א ייגגל געווען, האב איך גע׳גנב׳עט דעם אפיקומן און אים אזוי באהאלטן, אז די גאנצע פאליציי פון שטאט האט אים געזוכט און נישט געקענט געפינען.

זאגט דער צווייטער: — איך האב געהאט א הגדה, איז זי געווען אזוי גרויס אז זי איז קוים אין שטוב אריין.

— און איך, זאגט דער דריטער, האב אמאל געהאט א כוס וואס איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט אים נישט געקענט אנפילן אפילו מיט צען פעסער וויין.

די דריי יידן האבן זיך גענומען שפארן וועמענס ליגן איז דער גרעסטער. צום סוף האבן זיי באשלאסן זיך צו ווענדן, נאך א מיינונג צו כאצקל דעם דאזאר, וועלכער איז געווען באוווסט אלס פשרה-מאכער. ווען כאצקל, האט אויסגעהערט די גאנצע מעשה, זאגט ער צו זיי: „הערט יידן, איך בין נישט קיין מבין אויף ליגנס, כ׳האב נאך אין מיין לעבן קיין ליגן נישט געזאגט״ — אויב אזוי ר׳ כאצקל, רופן זיך אן די דריי יידן, קומט אייך דאס פלעשל וויין....

פסח

בניסן נגאלו, ובניסן עתידים להגאל (ר"ה י"א). אין ניסן זענען די יידן אויסגעלייזט געווארן, און אין ניסן וועט אויך פאר-קומען די קומענדיקע גאולה.

גלות און גאולה זענען צוויי קאנטראסטן. גלות באדייט פאר-שקלאפונג, דער מענטש איז נישט קיין בעל־הבית איבער זיך אליין, אלע זיינע טאטן און אפילו זיין טראכטן, ווערט באאיינ-פלוסט פון א פרעמדער מאכט. דאקעגן גאולה עפנט אים די אויגן, באלויכט זיין הארץ און טראגט אריין אין אים א שטראל פון פרייד און האפענונג.

גאולת מצרים איז דער יסוד פון אונדזער אמונה. ווען דער אויבערשטער האט זיך צום ערשטן באוויזן אויפן בארג סיני צום יידישן פאלק, האט ער זיך נישט פרעזענטירט מיט דעם „בראשית ברא אלקים" נאר מיט דעם „אשר הוצאתיך מארץ מצרים". אין קריאת-שמע פונקט ווי אין אנדערע תפילות, ווערט כסדר דערמאנט יציאת מצרים, דער גרויסער מאמענט פון דער יידישער באפרייאונג.

און פונקט ווי גאולה איז א יסוד אין אונדזער אמונה, אזוי איז אמונה א יסוד אין אונדזער גאולה, דער וועג צו פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פירט דורך דעם „סיני" (מתן תורה). מיליאנען שונאים לויערן אויף אונדז מיט אויסגעשטרעקטע גע-ווערן, און נאר מיט „סיני" איז מדינת ישראל געזיכערט.

דאס איז די דערקלערונג פון די חז"ל: „בניסן נגאלו" פונקט ווי די ערשטע גאולה האט באצוועקט דעם „תעבדון את האלקים על ההר הזה", ווייל יידישע זעלבסטשטענדיקייט באדייט אויך אנערקענונג פון דער תורה. אזוי איז אויך „ובניסן עתידים להגאל" וועט מוזן אויסזען די קומענדיקע גאולה...

✶

דער צוועק פון דער „הגדה" איז, צו דערציילן די געשיכטע פון דער באפרייאונג פון מצרים, און איז באזירט אויפן פסוק „והגדת לבנך וכ"ו" (שמות י"ג) און דו זאלסט דערציילן דיין זון, וואס דער אויבערשטער האט געטאן ווען מיר זענען ארויס פון מצרים.

דריי הויפט טיילן זענען פאראן אין דער הגדה: 1) די גע־שיכטע פון דער באפרייאונג; 2) תפילות און לויב געזאנגען; 3)

ברכות. די הגדה אַנטהאַלט אויך אויסצוגן פון תנ"ך, פון דער משנה און פון תלמוד.

ארום דער הגדה האָבן זיך געשאַפן פאַרשידענע פאָלקס-ווערטלעך, און איך וויל דאָ דערמאָנען בלויז אייניקע:

ערב פסח איז אַן אָרעמער מחבר געקומען צו א גביר מיט א נייעם פירוש אויף דער הגדה, האָט דער גביר אים געפרעגט מיט א שמייכל: האָבן מיר דען ווייניק פירושים אויף דער הגדה, טאָ צו וואָס נאָך א פירוש? — איר פאַרשטייט — האָט דער מחבר געענטפערט — פון יענע אַלע פירושים קען איך קיין פסח נישט מאַכן...

א ישובניק האָט ביים סדר, ווען עס איז געקומען צו חד גדיא, דערציילט זיין זון די מעשה פון א ציגעלע, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן. טאַטע! — פרעגט דער זון — אָט האָסטו נישט לאַנג געקויפט א ציג און באַצאָלט צען גילדן? — איך וועל דיר זאָגן מיין זון — ענטפערט דער ישוב'ניק — דו ביזט טאַקי גערעכט, נאָר דאָס איז געווען אין מיטן דער נאַכט, און אז מען האָט דאָס פאַרקויפט פאַר צוויי גילדן, איז דאָס געווען א געגנב'עטע...

א ישוב'ניק האָט אַמאָל געזאָגט די הגדה צוזאַמען מיט זיין זון. האָט זיך גראָד געמאַכט, אז אין דער הגדה איז געווען פאַר-וואָרפן א בלעטל פון סליחות, און ביים זאָגן די צען מכות, האָבן זיי אריינגעמישט: אָשמנו, בגדנו, גזלנו און אזוי ווייטער. טאַטע! — האָט זיך אָפּגערופן דער זון — מיר דוכט זיך, אז היינטיקס יאָר איז פאַראַן מער מכות, ווי שטענדיק? — וואָס פאַרשטייסטו נישט, מיר האָבן דאָך היינטיקס יאָר אַן עיבור יאָר — האָט געענטפערט דער פאָטער...

✶

א קאַטוילישער גלח, וועלכער פלעגט שטענדיק פירן רעלי-גיעזע דיסקוסיעס מיט רבי יונתן אייבעשיץ, האָט איינמאָל א זאָג געטאָן צום רב: לאָמיר זיך בייטן מיט די ראָלן, איך וועל פאַר-טיידיקן די יידישע רעליגיע, און איר וועט פאַרטיידיקן די קאַטוי-לישע רעליגיע. רב יונתן איז באַשטאַנען.

האָט דער גלח אָנגעהויבן: מילא מיר יידן פייערן פסח מיט פראַכט און גלאַנץ, ווייל אונדזערע עלטערן זענען באַפרייט גע-וואָרן פון מצרים און געוואָרן א פריי פאָלק. אָבער איר קאַטאָליקן, זאָגט דער גלח צום רב, וואָס איז די שמחה וואָס איר פייערט אייער פאַסכע? זענט איר דען געווען אין מצרים? — האָט רבי יונתן אים געענטפערט: ביי אונדז איז פאַסכע שוין גאָר א וויכ-טיקער פייערטאָג, ווייל ווען דער אויבערשטער וואָלט נישט גע-ווען אויסגעלייזט די יידן פון מצרים, וואָלטן מיר דאָך קיין גאָט נישט געהאַט...

חול-המועד פסח

שיר-השירים — רבי עקיבא זאָגט (ידים פ"ג): שאין כל העולם כולו כדאי, כיום שניתן בו שיר־השירים וכו׳ — די גאַנצע וועלט וואָלט נישט געהאַט קיין ווערט, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט די געדאַנקען פון שיר השירים, וואָס שלמה המלך האָט געשריבן. אויב אַלע מגילות זענען קדש (הייליק), איז „שיר השירים" — קדש קדשים (דאָס הייליקסטע איבער דאָס הייליק־סטע). דעריבער לייענען מיר אין דעם שבת חול-המועד פסח — דער ערשטער שבת פון באַפרייאונג — שיר־השירים.

דריי ספרים האָט שלמה המלך געשריבן: שיר-השירים, משלי און קהלת. צוערשט האָט ער געשריבן „שיר־השירים" —אין די יינגע יאָרן זינגט מען. דערנאָך „משלי" — אין די מיטעלע יאָרן זאָגט מען משלים. אויף דער עלטער, ווען דער מענטש ווערט אַנטוישט אין לעבן קומט דער ספר „קהלת" מיט דער הויפּט-טעמע פון „הבל־הבלים", אַז אַלץ איז נאַריש.

פּסח פאַלט אוים אין פרילינג, און שיר-השירים שטעלט מיט זיך פאַר יוגנטלעכקייט...

✶

דער מדרש דערציילט: ווען שלמה המלך איז געוואָרן פאַר־וואָרפן פון ירושלים, דורכן אשמדאי (דער קעניג פון די שדים), איז ער ארומגעגאַנגען איבער פרעמדע לענדער, אָפּגעריסן ווי אַ בעטלער, און אומעטום געשריען „אני שלמה", אָבער קיינער האָט אים נישט געגלויבט, נאָר געהאַלטן אים פאַר משוגע, און אין שטוב נישט אריינגעלאָזט.

פּאַסירט אמאָל, ווי אַ מאַן האָט אים אריינגענומען צו זיך אין הויז, און זיך געווענדעט צו זיין פרוי: — נעם ארוים מיינע שיך און קליידער און גיב זיי צו דעם מאַן, דאָס איז שלמה המלך.

ווען די פרוי האָט דערהערט, אַז דאָס איז שלמה המלך, איז זי געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט און געוואָלט אים ארוים־טרייבן פון שטוב.

וואָס פאַרא שלעכטס האָב איך דיר געטאָן — האָט שלמה המלך זי פרובירט בארואיקן. — איך וויל דיך נישט אין מיין הויז — האָט די פרוי געשריען — ווייל דו האָסט געזאָגט, אַז צווישן טויזנט מענער האָסטו אַ רעכטן מאַן געפונען, נאָר צווישן טויזנט ווייבער, האָסטו אפילו קיין איין רעכטע נישט געפונען (קהלת ז׳). איצט ווילסטו נאָך, אַז איך זאָל דיך ביי מיר אין

שטוב האַלטן? ארויס!.. — מיט דעם האָב איך די פרויען געטאָן גוטס, און נישט קיין שלעכטס — האָט שלמה המלך גענומען איר דערקלערן. — ווען איך וואָלט געשריבן, אַז צווישן טויזנט ווייבער קען מען יאָ געפינען איין גוטע און קלוגע פרוי, וואָלט דערפון ארויסגעקומען פיל שלעכטס. מענער וואָלטן פאר יעדער נאַרישקייט ארויסגעטריבן זייערע פרויען פון הויז, און געזוכט די פרוי וואָס איז די איינציקע רעכטע צווישן טויזנט. דאקעגן מיט דעם וואָס איך האָב געזאָגט, אַז מען קאָן קיין איין רעכטע נישט געפינען, טראַכטן זיך די מענער: וואָס וועט אונדז ארויס־קומען, אַז מיר וועלן פארטרייבן אונדזערע ווייבער און נעמען אנדערע, וועלן דען די אנדערע בעסער זיין?...

✶

דער פרעשבורגער רב, ר׳ פינחס כהן, האָט אלע יאָרן שטאַרק געבענקט צו פאָרן קיין ארץ ישראל. יעדעס יאָר, פסח ביים סדר, פלעגט ער מיטן גאַנצן כוח אויסשרייען: לשנה הבאה בירושלים. שפּעטער, ווען ער האָט שוין זוכה געווען און זיך באזעצט אין ירושלים, פלעגט ער נאָך אַלץ זאָגן מיט דער זעלבער שטאַרקער כוונה: לשנה הבאה בירושלים. איינמאָל האָט אים זיין זון גע־פרעגט: פאָטער! אייגנטלעך איז דאָך דאָס אַן אומזיסטע תפילה, ווייל דו וווינסט דאָך שוין אין ירושלים? — דאָס איז טאַקע מיין תפילה — ענטפערט דער פאָטער — איך בעט, אַז דאָס קומענדיקע יאָר, זאָל איך אויך זיין אין ירושלים, און איך זאָל חס־ושלום, נישט דארפן פון איר אוועקפאָרן...

שמיני

אין דער סדרה „שמיני" ווערט איבערגעגעבן א טייל פון דער יידישער „דיעטע", וואס מען מעג, און וואס מען טאר נישט עסן. כל מפרסת פרסה וכ"ו — „איטלעכע וואס איז באקלויט מיט קלויען, און די קלויען זענען ביי איר צושפאלטן, און איז מעלה גרה צווישן די בהמות, איר מעגט איר עסן".

א רבי, האט אמאל געזאגט: אז יעדער ייד דארף האבן די סימני־טהרה: „מעלה-גרה" גוט „איבערקייען" זיין איבערגערעכנט און פארזיכטיק איידער ער גייט עפעס טאן. און „מפרים פרסה" צו שטעלן האלבע טריט מיט פארזיכטיקייט און אפגעהיטנקייט ביז ער איז איבערצייגט, אז דער שריט איז א ריכטיקער און א יידישלעכער.

ווי באוווסט, האלט מען א קארגן מענטש פאר א חזיר. פאר-וואס? — דערפוף איז פאראן א פאלקס ווערטל: ווייל אפטמאל איז אזא איינער, וואס האלט די האנט פארמאכט, נישט פויל אויף די פיס, „כי מפרים פרסה הוא" יעדער פוס איז דאפלט. ער לויפט זיך עוסק זיין אין קהלישע זאכן, זשאלעוועט נישט קיין מי און ער איז גארנישט פויל, אבער „גרה לא יגר" זיינס א פינפערל, וועט איר ביי אים נישט ארויסקריגן...

אן ארעמאן איז אמאל געקומען צו א קארגן גביר און גע-בעטן אונטערשטיצונג, איז דער גביר אנגעפאלן אויף אים מיט באליידיקונגען און אים געוויזן די טיר. — איך האב עס כשר פארדינט, — זאגט דער ארעמאן — צי וואס האב איך געדארפט גיין צו אייך, זאל ער בעסער אליין קומען צו אייך, דער וואס האט מיך געשיקט. דער גביר איז געווארן נאך מער אויפגערעגט און געשריען: — איך וויל טאקי וויסן, ווער האט עס אייך גע-שיקט צו מיר. — דער דלות. — ענטפערט קורץ דער ארעמאן...

ביי א רייכן יידן האט שוין אן ארעמאן געהאט א חזקה, יעדן חודש צו באקומען פינף גילדן. די געלט, פלעגט אים געבן דער בוכהאלטער פון געשעפט. איינמאל קומט דער ארעמאן נאך זיין נדבה און דער בוכהאלטער דערלאנגט אים נאר דריי גילדן. דער ארעמאן איז געבליבן שטיין און געווארט. — וואס ווארט איר? — פרעגט אים דער בוכהאלטער. — איר האט געמאכט א טעות — ענטפערט דער ארעמאן — איך קריג אלעמאל פינף גילדן, נישט דריי. — יא — ענטפערט דער בוכהאלטער — אבער איצט גיט ער נישט מער ווי דריי. — פארוואס? — דער בעל-הבית — זאגט דער בוכהאלטער — האט חתונה געמאכט זיין

עלטסטע טאָכטער, האָט ער געהאַט אַ סך אויסגאַבן, גיט ער איצט נישט מער ווי דריי. ביטע גיט איבער אייער בעל-הבית — זאָגט דער אָרעמאַן — אַז איך ווינטש אים אַלדאָס גוטס, אָבער ווייטער, אַז ער וועט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, זאָל ער דאָס טאָן מיט זיינע אייגענע געלט, נישט מיט מיינע...

✶

אַך את זה לא תאכלו וכ״ו — אָבער די דאָזיקע טאָרט איר נישט עסן.

צו רבי יהושע׳לע קוטנער, איז אַמאָל געקומען אַ פרוי מיט אַ שאלה אויף אַן עוף: ביים כשר מאַכן האָט זי די גאַל נישט געפונען. האָט דער רב אַ לעק געטאָן דאָס לעבערל — ווי ס׳איז דער דין ביי אַזאַ שאלה — עס איז נישט ביטער. גיט ער די דיינים, זיי לעקן און שפּירן נישט קיין ביטערקייט, זאָגט ער צו דער פרוי: פּרוווט איר אַ לעק טאָן צי עס איז ביטער? — אַי רבי, רבי — קרעכצט די פרוי — ס׳איז ביטער ווי דער טויט. איך בין אַן אַלמנה מיט קליינע יתומים, דער עלטערער יינגל מיינער איז נעבעך זייער קראַנק, און דער דאָקטאָר האָט געהייסן קאָכן פאַר אים אַ הינעריש יאָכל, האָב איך אָפּגעשפּאָרט פון וואָס נאָר איך האָב געקענט און געקויפט אַן עוף. נו שלימזל, האָט זיך פּונקט געמאַכט אַ שאלה, אָ, הייליקער רבי, ווי ביטער עס איז! — אויב ס׳איז ביטער, איז כשר — האָט גע׳פּסקנ׳ט ר׳ יהושע׳לע...

✶

ואת החסידה וכ״ו — און די חסידה (באָציאַן) טאָר מען נישט עסן. דער רמב״ן זאָגט: אַז די אַלע עופות, וואָס די תורה רעכנט אויס אַלס אומריין, און אַ ייד טאָר זיי נישט עסן, איז דערפאַר, ווייל זיי זענען אכזרים, גרויזאַמע באַשעפענישן, אָן רחמנות. איז דאָך אַ פראַגע, פאַרוואָס איז די „חסידה" טמא.

די גמרא (חולין ס״ג) זאָגט דאָך: „למה נקרה שמה חסידה — פאַרוואָס הייסט זי חסידה" ווייל שעושה חסד עם חברותיה", די חסידה איז אַ באַרמהאַרציקע באַשעפעניש, און זי טוט חסד מיט אירע חבר׳טעס, פאַרמאָגט זי דאָך יאָ אַ רחמנות געפיל? — נאָר זאָגט אויף דעם דער חדושי-הרי״ם: די חסידה ווערט דערפאַר גערעכנט צווישן די עופות-טמאים, ווייל זי טוט טאָקע חסד, אָבער נאָר „עם חברותיה" מיט אירע אייגענע, דאקעגן דער וואָס איז נישט פון איר חברה, וויל זי נישט מיטהעלפן, אפילו מיט אַ ביסל שפּייז, דעריבער איז זי טמא... אַ ייד טאָר נישט זאָרגן בלויז פאַר זיינע אייגענע, נאָר פאַרן יעדן יידן אָן אונטערשייד...

ר׳ נחומקע גראָדנער, אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ, פּלעגט

נישט נאָר איינגן געלט צעטיילן צווישן אָרעמע לייט, אָן אונטער־שייד פון וואנען זיי שטאַמען, נאָר ער פלעגט נאָך אויך קלייבן נדבות אומעטום ווו ער האָט נאָר געקענט עפּעס באַקומען.

איינמאָל איז ער אריין צו א חברה קאָרטן שפּילער, וועלכע האָבן אים נישט געקענט, האָבן זיי אים אָפּגעזידלט און געהייסן גיין. ער האָט אָבער מיט לײדיקן נישט געוואָלט אוועקגיין, איז איין לאָבוז אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט ר׳ נחום׳קען א פּאַטש. האָט ר׳ נחום׳קע צוגעלייגט די האַנט צו דער באַק און געזאָגט: דאָס האָט איר מיר געגעבן, נו, און וואָס גיט איר פאַר מיינע אָרעמע לייט? — דאָס האָט זיי שטאַרק גערירט, און זיי האָבן אים איבערגעבעטן, און מיט א שיינע סומע אים ארויסבאַגלייט מיט רעספּעקט...

✶

אין דער סדרה „שמיני״ ווערט איבערגעגעבן וועגן דער גרויסער טראַגעדיע וואָס האָט פּאַסירט ביים יידישן פאָלק אמאָל.

נדב און אביהו, די צוויי באַליבטע זין פון אהרן הכהן, זענען פאַרברענט געוואָרן, אין דער צייט פון חנוכת־הבית פון משכן. משה רבינו האָט אים בלויז איבערגעגעבן די רייד פון ג־ט: „דורך מיינע נאָענטע וועל איך געהייליקט ווערן, און פאַרן גאַנצן פאָלק וועל איך געהערלעכט ווערן״, און אהרן האָט געשוויגן „וידם אהרן״.

דער אונטערשייד פון דעם אויסדרוק „וידם״ און דעם אויסדרוק „וישתוק״ באַשטייט אין דעם: „וישתוק״ מיינט שווייגן אויסערלעך, אָבער אין הארצן קען ער האָבן גרויס פאַרדרוס. דאקעגן „וידם״ מיינט, אז אפילו אין הארצן האָט ער אויך קיין טענות נישט, נאָר שלום געמאַכט מיטן גורל, אז ג־ט און זיין משפּט איז גערעכט, און אלץ גענומען פאַר ליב.

✶

די חז״ל דערציילן (תענית כ״א): איינמאָל האָבן יידן געוואָלט שיקן א מתנה דעם קיסר, און נחום איש־גם־זו (גערופן האָט מען אים אזוי, ווייל אויף יעדער פּאַסירונג האָט ער געזאָגט „גם־זו לטובה״, דאָס איז אויך צום גוטן) איז באַשטימט געוואָרן אלס שליח, ווייל מיט אים פלעגן זיך טרעפן אָפטע ניסים.

האָט מען געשיקט דורך אים א קעסטעלע פול מיט דימענטן און בריליאַנטן. אויפן וועג, ווו ער האָט גענעכטיקט, האָבן די הויז־לייט, ארויסגע׳גנב׳עט אלץ וואָס ס׳איז געווען אין דעם קעסטעלע, און עס אָנגעפּילט מיט ערד. אין דער פרי, ווען ער האָט דאָס געזען, זאָגט ער „גם־זו לטובה״, נעמט דאָס קעסטעלע און גייט זיך זיין וועג ווייטער.

ווען מען האָט געבראַכט דאָס קעסטעלע מיט ערד פאַרן קיסר, ווערט דער קיסר אויפגעבראַכט: „די יידן, זאָגט ער שפּעטן פון מיר" — און באַפעלט גלייך, טויטן דעם שליח. נחום איש גם־זו בלייבט רואיק און נעמט דאָס פאַר ליב.

דערווייל קומט אליהו הנביא, איז געשטאַלט פון דעם קיסר'ס אַ דינער און זאָגט: — מעגלעך, אַז די ערד איז פון דעם געווינס מין, וואָס אברהם, זייער עלטער זיידע, האָט זיך באַנוצט אין זיינע מלחמות, און באַוויזן גבורות: ווי נאָר ער האָט פון דער ערד געוואָרפן אויפן פיינט, האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין שווערדן און פיילן.

האָט דער קעניג אויסגעפּרוווט די ערד אויף אַ מדינה, וואָס ער האָט נישט געקענט איינגעמען, און זי האָט זיך באַלד אונטער־געגעבן. — גלייך האָט מען אָנגעפילט דאָס קעסטעלע מיט די־מענטן און בריליאַנטן און מיט גרויס כבוד אים אוועקגעשיקט.

צוריקוועגס האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט נעכטיקן אין זעלבן גאַסטהויז, פרעגן אים די הויז-לייט: „וואָס האָסטו אזוינס מיט זיך געבראַכט דעם קעניג, וואָס מ'האָט דיר אזוי פיל כבוד אָנגעטאָן". ענטפערט ער: „וואָס איך האָב גענומען פון האַנען האָב איך געבראַכט אַהין". דערהערט דאָס, האָבן זיי געכאַפּט און צענומען דאָס הויז, און די גאַנצע ערד פון דאָרט גיך אוועק־געפירט צום קעניג.

— די וואונדערלעכע ערד וואָס יענער ייד האָט געבראַכט אַהער — זאָגן זיי דעם קעניג — איז גענומען געוואָרן ביי אונדז. דאָ האָבן מיר דיר געבראַכט פון איר אַ סך, פולע קאַסטנ'ס. נאָכן אויספּרוון די ערד, ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס איז נישט אזוי, האָט מען זיי גלייך אַלע געטויט...

✶

דרש דרש משה — כאן חצי התורה — די תורה שבכתב מיט די תורה שבעל-פּה (תלמוד), בילדן איין גאַנצעס. דורך דער תורה שבעל-פּה ווערן אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע סודות פון דער תורה שבכתב. אָן דעם תלמוד איז די תורה, ווי אַ האַלבער ספר, פון וועלכן מען קען ווייניק וויסן.

דאָס איז דער רמז: דרש דרש, כאן חצי התורה — ביז צו די דרשות פון די חז"ל, איז פאַראַן נאָר אַ האַלבע תורה. דורך די דרשות פון דער תורה שבעל-פּה איז די תורה געוואָרן אַ גאַנצע.

אויפן פּסוק (משלי ו') — „לך אל נמלה עצל, ראה דרכיה וחכם — גיי צו דער מוראַשקע, דו פוילער, זע אירע וועגן, און ווער קלוג". איז פאַראַן אַ מעשהלע:

א פּאַרמער, שוין אין די עלטערע יאָרן, האָט שווער געאַר־בעט אויף זיין פעלד. ווי ער אַרבעט אַזוי דערזעט ער אונטער א בוים א מאַן מיט א קעניגלעכער קרוין אויפן קאָפּ.

„איך בין דער מלך שלמה", זאָגט דער מאַן צום פּאַרמער.
„וואָס טוסטו דאָ אַלטער"? — אויב דו ביזט שלמה המלך, טאָ וואָס פרעגסטו? — זאָגט דער פּאַרמער. אין מיין יוגנט האָסטו מיך געשיקט צו דער מוראשקע, איך זאָל זיך לערנען פון איר. איך האָב מיך צוגעקוקט ווי די מוראַשקע אַרבעט פלייסיק, און איך האָב זיך אויסגעלערנט פון איר צו אַרבעטן און צו זאַמלען, און וואָס איך האָב ביי איר געלערנט, דאָס טו איך נאָך איצט אויף דער עלטער.

זאָגט שלמה המלך: — דו האָסט בלויז געלערנט פון איר א העלפט. גיי נאָכאַמאָל צו דער מוראשקע און לערן זיך פון איר ווי צו רוען אין דעם ווינטער פון דיינע יאָרן, און צו געניסן פון דעם, וואָס דו האָסט אָנגעזאַמלט אין דעם זומער פון דיינע יאָרן...

תזריע

אשה כי תזריע וילדה זכר וכו׳ — אז א פרוי וועט פאר-שוואנגערט ווערן, און געבוירן א זון.

דער מדרש זאָגט: גלייך נאָכן באשאפן דעם ערשטן מענטש, שטייט: (בראשית ב׳) ויטע ד׳ אלקים גן בעדן — ג-ט האָט געפלאַנצט א גאָרטן אין עדן. איז א פראגע „למה הוא מזכיר שם מלא בנטיעת הגן״? פארוואס דערמאָנט מען דעם אויבערשטנס נאָמען מיטן פולן אויסדרוק „ד׳ אלקים״ ביים פלאַנצן דעם גאָרטן? —

כדי צו לערנען: אזוי ווי א באָטאַניקער, ווען ער גייט פלאַנצן א גאָרטן רעכנט ער פריער גוט אוים צוצופאסן דעם פלאַץ, דעם קלימאַט און דעם ריכטיקן באָדן, אַט אזוי דאַרף מען אויך זיין זייער פאָרזיכטיק מיט דער דערציאונג פון דעם מענטש. פונקט ווי דער באָטאַניקער דאַרף אָנווענדן אלע זיינע קרעפטן אויפצו-פאסן אויף די שפּראָצונגען ווען זיי פאַנגען אָן ארויסצוקומען, אַט אזוי דאַרפן עלטערן אכטונג געבן באַלד פון געבורט אָן, אז די קינדער זאָלן נישט אויפוואַקסן פאַרדאָרבענע, און זיין פריי פון אלע פאַרברעכערישע נייגונגען.

✶

די חז״ל דערציילן: (ירושלמי חגיגה א׳) רבי יהודה הנשיא, האָט איינמאָל געשיקט ר׳ חייא, ר׳ אמי און ר׳ אסי, אז זיי זאָלן ארומרייזן איבער ארץ־ישראל און באזאָרגן די יידן מיט לערער וואָס זאָלן מיט די קינדער לערנען. זענען זיי געקומען אין איין אָרט, איז דאָרט נישט געווען א מלמד פון תנ״ך און נישט א מלמד פון משנה.

האָבן די שליחים געזאָגט צו די שטאָט מענטשן: ברענגט אונדז אייערע שטאָט־וועכטער. האָבן זיי גלייך געבראַכט די שטאָט וועכטער. — אַט די מענטשן רופט איר די וועכטער פון שטאָט? — האָבן די שליחים געזאָגט. — די באוואַכן נישט. ווייסט איר ווער עס זענען די אמת׳ע וועכטער פון א שטאָט? — דאָס זענען די לערער וואָס לערנען מיט די קינדער תורה...

✶

וביום השמיני ימול בשר ערלתו — און אויפן אכטן טאָג זאָל גע׳מל׳ט ווערן דאָס פלייש פון זיין ערלה. — האָט דאָך אייגנטלעך געדאַרפט שטיין, עס זאָל גע׳מל׳ט ווערן די ערלה? —

נאָר יידן באמת היימן ניט ערלים, אפילו ווען צוליב א סיבה האָט מען נאָך דאָס פאָרהויט נישט אָפגעשניטן. דאקעגן א גוי

אפילו א גע׳מל׳עטער הייסט ער אויך אן ערל, דעריבער זאָגט די תורה „ימול בשר ערלתו" מען זאָל נאָר אָפּשניידן דאָס פלייש פון דער ערלה, ווייל אלס ייד איז ער בעצם שוין גע׳מל׳עט און האָט נישט קיין ערלה, מען דאַרף נאָר דאָס פלייש באזייטיקן. דאקעגן ביי גרים שטייט: — המול לו כל זכר — (שמות י"ב) און נישט „בשר", ווייל דאָרט הייסט ער בעצם א ערל, און דאָס מל׳ע זיין, נעמט אוועק די ערלה, נישט בלויז דאָס פלייש...

✶

אין תלמיד (סנהדרין ל"ט) ווערט דערציילט: דער רוימי-שער קיסר האָט איינמאָל געזאָגט צו ר׳ תנחום: קומט לאָמיר ווערן, אלע, איין פאָלק. האָט ר׳ תנחום געענטפערט: — דאָס איז זייער א גוטער פלאַן, אָבער אזוי ווי מיר, יידן, זענען דאָך שוין גע׳מל׳עט און מיר קענען נישט ווערן קיין גויים, דאַרפט איר זיך מל זיין און ווערן אזוי ווי מיר.

— דו האָסט גוט געזאָגט — האָט דער קיסר געענטפערט, — אָבער ווער עס שפּאַרט איבער א קעניג, דעם קומט, אז מען זאָל אים צו צו די ווילדע חיות וואַרפן.

האָט מען ר׳ תנחום׳ען געוואָרפן צו די ווילדע חיות, אָבער זיי האָבן אים אפילו נישט אָנגערירט. האָבן טאַקע אלע באוואונ-דערט דעם גרויסן נס. איז דאָרט געווען איינער אן אפיקורס, וואָס האָט נישט געגלויבט אין ניסים. האָט ער געזאָגט: — די חיות זענען נישט הונגעריק דערפאַר עסן זיי אים נישט. האָט מען געמאַכט א פּראָבע און מען האָט געוואָרפן דעם אפיקורס פאַר די חיות, האָבן זיי אים גלייך אויפגעגעסן.

✶

מען דערציילט: ר׳ עקיבא אייגער, האָט אמאָל, גייענדיק שבת אין גאַס, אָנגעטראָפן א ידישן יינגערמאַן, וועלכער איז גע-ווען באַקאַנט אלס דער אפיקורס פון שטעטל, מיט א פּאַפּיראָס אין מויל, האָט ער אים צוגערופן און געפרעגט: — דו האָסט מסתמא פארגעסן, אז היינט איז שבת — ניין, רבי, איך ווייס, איך וויל קיין ליגן נישט זאָגן. — מסתמא ווייסטו נישט, אז שבת טאָר מען נישט רויכערן? — האָט אים ר׳ עקיבא אייגער ווייטער געפרעגט. — ניין רבי, איך ווייס אז מען טאָר נישט. איך בין אן אמתער מענטש, און וויל קיין ליגן נישט זאָגן. אָבער געוויס ווייסטו נישט, ווי האַרב עס איז די זינד פון רויכערן שבת? — האָט ווייטער ר׳ עקיבא געפרעגט. — איך ווייס אלץ, — ענט-פערט דער אפיקורס. איך וויל נישט זאָגן קיין ליגן, איך זאָג שטענדיק דעם גאַנצן אמת. — אויב אזוי — זאָגט צו אים ר׳ עקיבה אייגער, אויב דו ביסט אזא אמת׳ער מענטש, טאָ וואָס דרייסטו זיך דאָ ארום אויפן עולם השקר? דו געהערסט צום „עולם האמת" צו דער אמת׳ער וועלט...

תזריע־מצורע

די סדרות „תזריע-מצורע" לערנען אונדז ווי זיך צו פאר-היטן פון אנשטעקנדיקע קראנקהייטן, דורך איזאלירן דעם קראנקן ביז ער ווערט אויסגעהיילט.

די תורה ווערט אנגערופן "תורת חיים" — די געזעצן פון דער תורה זענען צו פארבעסערן און פארשענערן דאס לעבן פון יחיד און פון פאלק. לערנט אונדז דעריבער היינטיקע סדרה, ווי זיך אויסצוהיטן פון די קראנקהייטן, וואס איז נאך וויכטיקער, ווי זיי צו היילן

חיים נחמן ביאליק ע"ה, האט אמאל איבערגעגעבן: „אויב מענטשן ווילן האבן א ריכטיקן באגריף און אן אפשאצונג, וואס די סדרות תזריע און מצורע, באדייטן פארן יידישן פאלק, זאלן זיי מאכן א רייזע קיין מצרים, דאן וועלן זיי זייער לייכט באמערקן, טויזנטער מענטשן מיט קרעציקע געזיכטער, אויסגערונענע אויגן פון טראכאמע און אנדערע אנשטעקנדיקע קראנקהייטן. אפילו אין דעם גרעסטן טעאלאגישן סעמינאר אין קאירא, וועט איר געפינען הונדערטער מיט פארפעסטעטע געזיכטער און קראנקע אויגן. איינמאל, באזוכנדיק דעם דאזיקן גרויסן לערן-אנשטאלט, אין דער באגלייטונג פון א עגיפטישן דאקטאר און באמערקנדיק זייערע געזיכטער מיט די אויסגערונענע אויגן, האב איך אים געפרעגט: דאס זענען דאך שוין די געבילדעטע פון פאלק, טא פארוואס גייען זיי נישט צו קיין דאקטאר? — האט ער געענטפערט: זיי גלויבן, אז אויב א מענטש ווערט אנגעשטעקט מיט א קראנקהייט, איז עס א סימן, אז דאס איז דער ווילן פון גאט, און דער מענטש טאר דאן קיין זאך נישט טאן..."

✶

וביום השמיני ימול וכ"ו — און אויפן אכטן טאג זאל גע'מל'ט ווערן דאס פלייש פון זיין פארהויט. דער רמב"ם זאגט, אז דער זין פון מצות-מילה איז: אז דאס זאל דינען פאר די קינדער פון ישראל אלס נאציאנאלער צייכן, אלס „אות ברית", וועלכער זאל קערפערלעך אונטערשיידן דעם יידן פון אנדערע פעל-קער. כל זמן די יידן וועלן אפהיטן די דאזיקע מצוה, וועלן זיי זיך נישט אויסמישן צווישן די פעלקער און אייביק עקזיסטירן.

דער מנהג איז, ביי א ברית-מילה, צו ווינטשן „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים". פארוואס דווקא ביי דער מצוה פון מילה זאגט מען דאס, און נישט ביי אנדערע

מצוות? — ווייל בנוגע אלע אנדערע מצוות קען מען וועגן קיין מענטש נישט זיכער זיין, אז ער וועט בלייבן טריי אויף זיין גאנץ לעבן. בלויז איין מצוה איז פאראן, מיט וועלכער מען איז זיכער מיט יעדן ייד, דאס איז מצות-מילה. צי ער וויל, צי ער וויל נישט, איז אים שוין אוממעגלעך זיך צו שיידן מיט איר. ווינטשן מיר דעריבער דעם-רך־הנימול — „כשם שנכנס לברית" פונקט ווי מיר זענען זיכער מיט דער דאזיקער מצוה, "כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים" אזוי זאלן אויך די איבעריקע מצוות און גוטע טאטן בלייבן ביי אים אויף אייביק...

✶

די חז"ל זאגן: אז די קרענק פון צרעת, קומט אלס א שטראף אויף די זינד פון לשון-הרע (המוציא־רע). די חז"ל ווארענען אפילו נישט צו רעדן גוטס אויף יענעם, ווייל רעדנדיק וועגן זיינע מעלות וועט מען ממילא ארויסקומען אויף זיינע חסרונות.

דער בעל-שם-טוב פלעגט זאגן: אויב עס גלוסט זיך דיר ווען צו שענדן — זאלסטו שענדן דיך אליין. און אויב עס ווילט זיך דיר ווען צו לויבן — זאלסטו לויבן דעם אוי־בערשטן...

צו הרב אויערבאך, קאנינער רב, איז אמאל, ווען ער איז קראנק געווען, געקומען דער דאקטאר, וועלכער האט אים באַ־טראכט און זיך געהייסן ווייזן די צונג. — אייער צונג רבי — זאגט צו אים דער דאקטאר — איז נישט ריין — יא, ענטפערט אים מיט א זיפץ הרב אויערבאך — איך ווייס, ווער האט עס דען היינט לוידער א ריינע צונג...

דער אלשיך הק' פרעגט: פארוואס זעט מען היינט נישט קיין מצורעים, צי דען רעדן נישט יידן לשון-הרע? — נאר דערפאר האט דער דאזיקער עונש אויפגעהערט, ווייל די גאנצע לופט איז היינט פול מיט פאלשקייט און לשון-הרע, איז אויב מען זאל היינט באשטראפט ווערן דערפאר, מיט צרעת, וואלטן אלע גע־דארפט אין מצורעים ח"ו פארוואנדלט ווערן...

ר' יצחק וואלאזשינער, איז געווען זייער אפגעהיט נישט צו רעדן שלעכטס אויף יענעם. אפילו נישט צו זאגן א קרום ווארט אויף קיינעם. איינמאל איז אים אויסגעקומען צו זאגן אויף אימיצן, אז יענער איז א ליגנער. נישט ווינלדיק אבער ברענגען פארן מויל דאס ווארט „ליגנער" האט ער געזאגט: אט דער איז א גוואלדיקער בעל-זכרון, איינער געדענקט, וואס עס האט פא־סירט מיט צען יאר צוריק, א צווייטער — מיט צוואנציק יאר צוריק, נאר גרויסע בעלי זכרון געדענקען אפילו וואס עס איז געשען מיט פופציק יאר צוריק. דער אבער, האט אזא אויסער־געוויינלעכן זכרון, אז ער געדענקט אפילו זאכן וואס עס האבן קיינמאל נישט פאסירט...

מצורע

זאת תהיה תורת המצורע — דאָס זאָל זיין דער דין פון מצורה. רבי יהושע בן לוי זאָגט: (מדרש), פינף מאָל שטייט דאָס וואָרט „תורה" ביי מצורע, ווייל די שטראָף פון צרעת קומט אויפן מענטש פאַר רעדן לשון הרע, (מצורע — מוציא רע) און דער וואָס רעדט לשון הרע איז גלייך, ווי ער וואָלט עובר געווען אויף אלע פינף חומשים פון דער תורה.

לויט דער אויפפאַסונג פון די חז"ל, איז די זינד פון רעדן לשון הרע זייער גרויס, ווייל דערמיט איז ער מזיק מיט איינמאָל דריי מענטשן: דעם וואָס האָט גערעדט די שלעכטע רייד, דעם וואָס מען האָט אויף אים גערעדט און דער וואָס האָט צוגעגומען די לשון הרע און געגלויבט אין דעם.

וואָס גרעסער דער מענטש איז, אלץ גרעסער איז די שטראָף פאַר רעדן לשון הרע. — ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, איז אמאָל אריין אין א שול, ווו א מגיד האָט געהאַלטן א דרשה און האָט זייער שטאַרק גע'מוסר'ט די יידן און גערעדט שלעכטס אויף זיי. האָט ר' לוי יצחק אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאָגט: רבש"ע! דער מגיד איז נעבעך געדריקט און מוז וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, ווייל ער דאַרף מסתמא חתונה מאַכן א טאָכ-טער, אָדער ער האָט נישט מיט וואָס צו שפייזן זיין פרוי און קינדער. טאָ גיב אים, וואָס אים פעלט, און ער זאָל נישט זיין גע-צוווּנגען צו רעדן לשון הרע, און אויפהערן רעדן שלעכטס אויף יידן...

✶

א מגיד איז אמאָל געקומען קיין פרעמישלאַן. ער האָט דאָרט געזאָגט א דרשה אין שול, און זייער אויסגענומען ביים עולם. נאָך דער דרשה האָט מען, ווי דער שטייגער איז געווען, געמאַכט א ביסל געלט, און מען האָט עס דערלאַנגט דעם מגיד. איידער דער מגיד איז אוועקגעפאָרן פון שטעטל, איז ער געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן רב ר' מאיר'ל ז"ל. דער רב האָט אים זייער פיין אויפגענומען און אים געבעטן זיצן.

דער מגיד האָט געזען, ווי מענטשן האַלטן אין איין אריינ-קומען. דער אריין און דער ארויס, און יעדער לאָזט איבער א פדיון, און אמאָל אפילו א גאָר גרויסע סומע. און אין די עט-לעכע מינוט, וואָס ער איז געזעסן, איז דער טיש באַדעקט געוואָרן מיט א היבשע סומע געלט.

רופט זיך אָן דער מגיד צום רבי'ן: זעט איר רבי, צו אייך קומען מענטשן, און צו מיר קומען מענטשן. איז מיך פּטר'ט מען אָפּ מיט עטלעכע פּרוטות, און אייך גיט מען גרויסע סומעס, ווי דערקלערט זיך דאָס? — האָט דער רבי געענטפערט: מיר האָבן ביידע אַן איינפלוס אויף אונדזער עולם. איך האָב שטאַרק פיינט געלט, בין איך משפּיע אויף מיין עולם, קריגט ער אויך פיינט געלט, און ער גיט עס אוועק. איר אָבער, האָט ליב געלט, זענט איר משפּיע אויף אייער עולם, אז אויך ער זאָל ליב האָבן געלט. און דאָס איז נאַטירלעך, אזא זאַך וואָס מען האָט ליב, גיט מען נישט אוועק יענעם...

✶

אַן עלטערע פרוי, איז געקומען צו איינעם א באוווסטן רבי, און אים געבעטן ער זאָל פאַרהערן איר דריי־יעריק אייניקל, וואָס קען שוין דעם גאַנצן אלף־בית אויף אויסנווייניק. האָט דער רבי איר צוליב געטאָן און אים פאַרהערט, און ווירקלעך, ער האָט אויסגעזונגען דעם גאַנצן אלף־בית פון א' ביז ת'.

און איצט — האָט אים דער רבי פאָרגעלייגט — זאָג מיר, מיין קינד, דעם אלף־בית פאַרקערט פון ת' ביז א'. — איך וויל נישט — האָט זיך דאָס יינגעלע איינגעשפּאַרט.

האָט דער רבי ארויסגענומען א מטבע, געוויזן דעם יינגעלע און צוגעזאָגט, אז אויב ער וועט אים זאָגן דעם אלף־בית אויף צוריק, וועט ער אים געבן וואָס ער האַלט אין האַנט.

דאָס האָט דעם יינגעלע שטאַרק אימפּאָנירט, און ער האָט אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן אל־בית אויף צוריק פון ת' ביז א'. — נו, וואָס זאָגט איר רבי אויף מיין אייניקל? — האָט די פרוי געפרעגט א צעשטראַלטע פון שמחה — וועט פון אים עפּעס ארויסקומען א לייט?

זיכער — האָט דער רבי געענטפערט — ער וועט זיין א מנ־היג, א כלל־טוער. איר האָט דאָך אליין געזען, אז פאר געלט איז ער געווען גרייט צו זאָגן דאָס פאַרקערטע דערפון וואָס ער האָט פריער געזאָגט...

אחרי

כתונת בד קדש ילבש וכו׳ — אין דעם הייליקסטן טאָג פון יאָר, יום כפור, איז דער הייליקסטער מענטש, דער כהן גדול, אריינגעקומען אין דעם הייליקסטן אָרט, דער קדש-הקדשים, מתפלל צו זיין פארן גאנצן פאָלק.

אָבער צוערשט, האָט ער געמוזט אראָפּציען פון זיך זיינע „בגדי זהב״ די גאָלדענע קליידער און אָנטאָן „בגדי לבן״ פשוטע ווייסע קליידער, אָן שום באַפּוצונגען. אין די דאָזיקע בגדי לבן, האָט דער כהן גדול געטאָן די עבודה, און מתפלל געווען פאר כלל-ישראל.

אין קטגור נעשה סניגור (ר״ה כ״ו) — דער אָנקלאָגער קען נישט ווערן א פארטיידיקער. גאָלד איז דער יידישער קטיגור, דער אָנקלאָגער, עס דערמאָנט אין די זינד פון עגל-הזהב, די גרעסטע זינד פון אלע צייטן און אלע דורות. און דאן ווען די הויפּט-פונקציע פון כהן גדול האָט געדארפט זיין מכפּר צו זיין אויף די זינד פון אלע יידן, האָט דאָס גאָלד געמוזט באזייטיקט ווערן.

די ווייסע קליידער, דערמאָנען אויך אין נאָך עפּעס, אָבער נישט אין קיין זינד נאָר אין תשובה אויף די זינד. די ווייסע קליידער דערמאָנען אין טויט, וואָס לויט ווי די חז״ל זאָגן, איז עס דאָסווירקזאמסטע מיטל תשובה צו טאָן.

אויב עס איז יאָ נויטיק זיך אויסצופּוצן אין דעם אזוי הייליקן טאָג פון יום-כפור, דארף עס זיין, נישט מיט גאָלדענע צירונג, נאָר מיט רוחניות׳דיקע גייסטיקע צירונג...

✶

כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו — אזוי ווי די מעשים פון לאנד מצרים, וואָס איר זייט דערין געזעסן זאָלט איר נישט טאָן.

ווען די מצריים האָבן געאַרבעט מיט די יידן האָבן זיי איבערגעקערט דעם סדר און איבערגעגעבן די ארבעט פון מענער צו פרויען און די ארבעט וואָס געהער צו פרויען — די מענער. וואָרנט דעריבער די תורה, אז יידן זאָלן אזוי נישט טאָן. די מענער זאָלן טאָן דאָס וואָס זיי דארפן טאָן, און קליידער זאָלן זיי אָנטאָן, וואָס מענער דארפן אָנטאָן, און די פרויען זאָלן טאָן די ארבעט וואָס עס ליגט אויף זיי, און גיין אָנגעטאָן די קליידער וואָס זיי דארפן אָנטאָן. נישט אזוי ווי מען פירט זיך היינט...

✶

עס איז פאַראַן א משל פון דובנער מגיד: א רב האָט זיך אמאָל משדך געווען מיט א בעל־עגלה פון א ווייטער שטאָט. אין חופה־טאָג, וועןביידע מחותנים זענען געפאָרן צו דער חתונה, וועלכע איז געפּראַוועט געוואָרן אין א שטעטל, וואָס איז געלעגן אויפן האַלבן וועג, האָט דער רב זיך געטראַכט: פאַרוואָס זאָל איך פאַרשעמען מיין מחותן מיט זיין קליידונג? האָט ער גענומען און אויסגעטאָן דעם רבנ׳ישן ספּאָדעק מיט די זשו־פּיצע און זיך אָנגעטאָן מיט בעל־עגלה׳שע קליידער. דער מחותן ווידער, דער בעל־עגלה, האָט אָבער אויך דאָס זעלבע געטראַכט: פאַרוואָס זאָל איך פאַרשעמען דעם מחותן מיט מיין קליידונג? האָט ער אראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּראָסטע בגדים, און זיך אָנגעטאָן א פיינעם זיידענעם כאַלאַט, און א יאַרמולקע מיט א גאַרטל. אזוי ארום האָט דאָס שטעטל מקבל פּנים געווען דעם רב אלס בעל־עגלה, און דעם בעל־עגלה — אלס רב.

דאָס זעלבע איז אויך אויסגעוואָקסן אין גלות. די יידן „ווי נישט וועלנדיק פאַרשעמען די גויים מיט זייערע מדות, האָבן גענומען די שיינע יידישע מדות און זיי ביסלעכוויז פאַרטושט, איבערנעמענדיק איינציקוויז די גוי׳אישע מידות. די גויים ווידער האָבן געטאָן פאַרקערט און איבערגענומען א סך שיינע יידישע מדות, אזוי, אז טיילמאָל באַקומט מען דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען די פיינע לייט, און מיר די פאַרקערטע״...

וועגן טאָן פאַרקערט ווערט דערציילט א מעשה: דער רבי ר׳ בונים איז אמאָל געווען אין דאַנציק, איז ער פרייטיק־צו־נאַכטס געזעסן אין זיין אכסניא, ווו עס זענען אויך געווען צו באַקומען אלע סאָרטן וויין. זיצט א ייד און בעט א גלאָז וויין פון בעס־טערן סאָרט. אזוי ווי דער בעסערער סאָרט וויין איז געווען אין קעלער, האָט דער בעל־הבית אראָפּגעשיקט אין קעלער צוויי משרתים, איינעם א ייד און דעם צווייטן א גוי, צו ברענגען דעם וויין. ווען די משרתים האָבן זיך אומגעקערט, האָט דער ייד גע־טראָגן דאָס ליכט און דער גוי דעם וויין. האָט דער רבי זיך אָפּ־גערופן: אָט דאָס הייסט — טאָן פאַרקערט. ווען דער ייד וואָלט געטראָגן דעם וויין, און דער גוי דאָס ליכט, וואָלט דאָך אלץ געווען אין בעסטן אָרדענונג...

אחרי־קדושים

אהרן הכהן האָט פארלאָרן זיינע צוויי זין: נדב און אביהו, און באלד דערנאָך איז ער געוואָרן אָנגעזאָגט וועגן דער צערע-מאָניע פון די צוויי ציגעלעך: איינע „לד'" און דאָס צווייטע „לעזאזל".

אהרן איז געווען זייער פארצווייפלט איבער דעם פריצייטיקן פלוצלונגדיקן טויט פון זיינע קינדער, און האָט זיך אליין באַשולדיקט: מעגלעך, אז ער האָט זיי קיין ריכטיקע דערציאונג נישט געגעבן, דעריבער האָבן זיי פרעמדע פייער (אש זרה) און פרעמדע מנהגים אריינגעבראכט אין דער יידישער געזעלשאַפט. און איז דערפאר באשטראָפט געוואָרן.

האָט אים דער אויבערשטער געטרייסט און געזאָגט: דו אהרן ביזט נישט שולדיק, איך ווייס, אז דו האָסט געוואָלט מיטן גאנצן הארצן, אז דיינע קינדער זאָלן זיין ריכטיקע פיינע יידן, אָבער נישט שטענדיק איז ווי מען וויל. קינדער איז ווי א גורל, אנדערע עלטערן גליקט דאָס אָפּ און אנדערע נישט. צום ביישפיל: צוויי גלייכע ציגעלעך, כמעט מיטן זעלבן אויסזען, שטעל אוועק איינע ביי דיין רעכטער האַנט און דאָס צווייטע ביי דיין לינקער האַנט, שרייב אָן צוויי צעטעלעך אויף איינעם „לד'" און אויף דעם צווייטן „לעזאזל", מיש זיי דורך און צי א גורל, און איינע פון די ציגעלעך גייט „לעזאזל".

גאַנץ מעגלעך, אז עלטערן זאָלן געבן אלע זייערע קינדער א גלייכע דערציאונג, מיט דער האָפענונג, אז אלע וועלן אויס-וואַקסן פיינע לייט, מענטשן „לד'". עס קען אָבער טרעפן, אז נישט אזוי ווי מען וויל... — מען קען אָבער די עלטערן נישט באַשולדיקן, ווען זיי האָבן זייער פליכט געטאָן.

ערגער איז ווען עלטערן לייגן בכלל קיין שום אַכט נישט אויף דער דערציאונג פון זייערע קינדער, און שוין דערמיט אליין העלפן זיי מיט זייערע קינדער צו גיין אין די לעזאזל'דיקע וועגן...

✶

קדושים תהיו כי קדוש אני — דער אויבערשטער זאָגט: הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליק. צו ר' חיים וואָלאָזשינער זענען געקומען עטלעכע רעליגיעזע יונגעלייט און פאַרלאַנגט פון אים, אז ער זאָל אריינלייגן אין חרם א געוויסן משכיל, וואָס פארשוועכט עפנטלעך אונדזער גלויבן. האָט ר' חיים זיי געענטפערט: אין דער סדרה „קדושים" געפינען זיך דריי פסוקים

איינס נאָכן אנדערן; 1) קדושים תהיו וכ"ו; 2) איש אמו ואָביו תוראו וכ"ו; 3) אל תפנו אל האלילים וכ"ו. און יעדער פון די פּסוקים ענדיקט זיך מיט „אני ד' אלקיכם". די דריי פּסוקים זענען קעגן 3 קאַטעגאָריעס יידן. די ערשטע קאַטעגאָריע זענען די אמתע פרומע יידן, די וואָס היטן אָפּ תורה און מצוות, און צו זיי זאָגט די תורה „קדושים תהיו" פון אייך בין איך צופרידן און דערויף איז מיין באשטעטיקונג פון „אני ד'". די פּשוטע יידן פון א גאַנץ יאָר, געהערן צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. זיי ווייסן ווינציק, און צו זיי זאָגט דער פּסוק „איש אמו ואָביו תיראו" איר זענט איינ-פאַכע מענטשן, איר קענט אפילו נישט לערנען, זייט כאָטש מקיים די מצוה פון ערליך האַלטן פאָטער און מוטער, און ממילא וועט איר שוין טאָן אויך אנדערע מצוות, און איך גיב אייך מיין אונ-טערשריפט פון „אני ד'".

צו דער דריטער קאַטעגאָריע געהערן שוין יידן, וואָס ווייסן גאָרנישט און האַלטן גאָרנישט פון יידישקייט, צו זיי זאָגט דער פּסוק „אל תפנו אל האלילים" — שמד זיך כאָטש נישט, דינט נישט קיין פרעמדע געטער לכל הפּחות, וועט איר אויך פאַר-רעכנט ווערן פאַר יידן, ווייל איר זענט דאָך געבוירן געוואָרן יידן, שטייט אויך „אני ד'"... — אָבער אָך און ווי איז שוין אז די טרייסט דאַרף באשטיין אין דעם, אז ער גייט כאָטש נישט אוועק אינגאַנצן פון יידנטום...

✶

לא תגנבו ולא תכחשו ולא תשקרו וכ"ו — איר זאָלט נישט גנב'ענען, און איר זאָלט נישט פאַרלייקענען, און איר זאָלט נישט זאָגן ליגן איינער דעם אנדערן.

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געזאָגט: וואָס פאַר א פאַר-קערטע וועלט היינט איז. פאַרצייטנס איז דער אמת געווען אין גאַס און דער שקר אין שול. צווישן סוחרים און מסחר, איז א וואָרט געווען א וואָרט און אן אָפּמאַך איז געווען אן אָפּמאַך. דאַקעגן ווען זיי זענען געקומען יום-כפּור אין שול אריין און גע-קלאַפּט זיך אין הארצן: „אָשמנו, בגדנו, גזלנו" איז דאָס געווען א ליגן, ווייל זיי זענען געווען ערליך און ראיעל. זיי האָבן נישט גע'גנב'עט און נישט גע'גזל'ט.

היינטיקע צייטן איז פּונקט פאַרקערט: אין גאַס הערט מען בלויז שקר, מיטן מויל רעדט מען אזוי, און אין הארצן טראַכט מען אנדערש. מען נאַרט יענעם, און מען נאַרט זיך אליין. אָבער ווען די זעלבע מענטשן קומען און שול אריין און זאָגן: „אָשמנו, בגדנו, גזלנו" זאָגן זיי דעם פולן אמת, גאָרנישט איבערגעטריבן...

✶

ואָהבת לרעך כבוך — זאָלסט ליב האָבן דיין חבר אזוי ווי זיך אליין.

די חז"ל (שבת ל"א) דערציילן: א גוי איז געקומען צו שמאי און געזאגט: זיי מיר מגייר מיטן תנאי, אז דו זאלסט מיך אויס־לערנען די גאנצע תורה, ווען איך וועל שטיין אויף איין פוס, האט שמאי אים אוועקגעיאגט. איז ער געקומען צו הלל'ן, האט הלל אים פריינדלעך אויפגענומען, מגייר געווען און געזאגט צו אים: „דעלך סני לחברך לא תעביד", וואס דו האסט פיינט, מען זאל דיר דאס טאן, זאלסטו נישט טאן צו דיין חבר. דאס איז די גאנצע תורה און די איבעריקע תורה לערנט אונדז, וועלכע זאכן א מענטש האט פיינט מען זאל אים טאן, גיי לערן וועסטו וויסן.

פארוואס האט הלל געזאגט דעם גר אין אזא לשון, נישט צו טאן יענעם וואס מען האט אליין נישט ליב, פארוואס האט ער אים נישט געזאגט אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה „ואהבת לרעך כמוך"? — זאגט אויף דעם דער חידושי הרי"מ: ווייל דאס העכסטע וואס א גוי'אישער שכל קען באגרייפן איז דאס נעגא־טיווע, נישט טאן יענעם קיין שלעכטס וואס וואלט אים אליין ווי געטאן, אבער משיג צו זיין אויך דאס פאזיטיווע, ממש יענעם ליב צו האבן ווי זיך אליין, — דאס קען שוין קיין גוי נישט. הלל, וואס האט געוואלט דערנענטערן דעם גוי און אים מאכן פאר א ייד, האט דעראיבער אים געמוזט זאגן אין אזא פארם, וואס איז צוגעפאסט און פארשטענדלעך צו אים...

קדושים

קדשים תהיו, כי קדוש אני אלקיכם — הייליק זאָלט איר זיין וואָרום איך אייער ג—ט בין הייליק.

די פּרשה „קדשים" איז געזאָגט געוואָרן „בהקהל" אין דער אַנוועזנהייט פון גאנצן פאָלק „מפּני שרוב גופי תורה תלוין בה", ווייל אין דער פּרשה איז אַפּהענגיק דאָס איינהאַלטן די ספּעצי־פישקייט פון דעם גרעסטן טייל אין דער תורה.

עס איז אוממעגלעך צו זיין א ייד, אן אמת'ער ייד, אויב מען פירט נישט א לעבן פון קדושה.

די תורה רעדט וועגן קדושה, ווען עס האנדלט זיך וועגן קענען מקבל זיין די תורה. זי דערמאָנט אויך וועגן „זיין הייליק", ווען זי רעדט וועגן דעם ציווילן געזעץ. די תורה באפעלט אונדז וועגן קדושה, אויף צו פלעגן די ריינקייט פון משפחה לעבן (הוו פרושים מן העריות), און אויך ווען זי לערנט אונדז וועגן סאָ־ציאלע געזעצן — לא תלין פעולת שכיר וכו' — אז מען זאָל נישט אויפהאַלטן די באלוינונג פון אן ארבעטער ביז מאָרגן. אָדער געזעלשאפטלעכע־מאָראלישע געזעצן: לא תשנא את אחיך בלבבך — דו זאָלסט נישט טראָגן אין דיין הארץ א פיינטשאפט אויף דיין ברודער. און איבערהויפּט — ואהבת לרעך כמוך — דאָס גרויסע הומאניטארע געזעץ וועגן מענטשן ליבע.

דאָס אלץ קען אָבער ווערן אויסגעפירט נאָר דאַן, ווען עס ווערט פאַרווירקלעכט דער „קדשים תהיו", אז איר וועט זיין הייליק, און אייער הייליקייט וועט זיין באַזירט אויפן אָרט פון קדושת ד'... כי קדוש אני ד'...

✶

ר' נפתלי ראָפּשיצער האָט דערציילט, אז ווען ער איז א קינד געוועזן, האָט אים זיין מלמד געלערנט, אז ווען צוויי יודן שטייען צוזאמען (יי) זענען זיי א „שם" (נאָמען פון ג—ט). האָט ער איינמאָל א טעות געהאט און אויך אויף שוא (:) געזאָגט א שם. האָט אים דער מלמד דערקלערט און געזאָגט: זאָלסט וויסן מיין קינד, ווען די יודן (יידן) שטייען צוזאמען אין איין שורה, דאַן זענען זיי א שם, אָבער ווען איין יוד (ייד) שטעלט זיך העכער פארן אנדערן, דעמאָלט איז עס בלויז א שוא, וואָס באדייט — גאָרנישט. דאָס ליגט אין די ווערטער פון „ואהבת לרעך כמוך" — ווען דו וועסט ליב האָבן דיין חבר און שטעלן דעם צווייטן

ייד „כמוך" אין איין רייע און גלייך מיט דיר איז דאן — אני השם...

✶

לא תקום ולא תטור וכו' — דו זאָלסט נישט נעמען קיין נקמה, און זאָלסט נישט טראָגן קיין שנאה אין הארצן אויף די קינדער פון דיין פאָלק. און באלד נאָך דעם שטייט — ואָהבת לרעך כמוך — דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אליין.

זאָגט אויף דעם ר' שמעלקי ניקעלסבורגער: דו אליין מאַכסטו דאָך פיל פעלערן אין דיין לעבן. אָפטמאָל ביזטו דאָך אליין שולדיק אין דיינע אומגליקן, און וועלכע דו ביזט אליין ארייגעפירט געוואָרן דורך דיינע שלעכטע אויסרעכענונגען, נו וועט דיר איינפאלן צו נעמען נקמה פון דיר אליין? — אזוי זאָלסטו אויך האנדלען לגבי דעם צווייטן, דו זאָלסט אים ליב האָבן ווי זיך אליין. פונקט ווי דו נעמסט נישט נקמה אין דיר אליין, אזוי זאָלסטו נישט וועלן זיך נוקם זיין אויף א צווייטן.

— ר' דוד'ל לעוולער פלעגט זאָגן: אזוי לאנג ווי איך האָב ליב מיינע אייגענע קינדער מער ווי די קינדער פון יענעם, בין איך נאָך נישט קיין צדיק...

ר' אהרן קארלינער פלעגט זיך ווינטשן, אז ער זאָל קענען ליב האָבן דעם גרעסטן צדיק, ווי דער אויבערשטער האָט ליב דעם גרעסטן יידישן רשע...

ר' יהושע'לע קוטנער פלעגט זאָגן: ווען די מענטשן וואָלטן אָפגעהיט דעם „ואהבת לרעך כמוך" וואָלט די וועלט גאר אנדערש אויסגעזען. עס וואָלטן נישט געווען קיין מלחמות, פעלקער וואָלטן נישט אומגעבראכט פעלקער. מענטשן וואָלטן נישט פארפאָלגט מענטשן. עס וואָלט געווען א גן־עדן אויף דער וועלט...

אמור

אמור אל הכוהנים — זאָג צו די כוהנים.

די חז״ל זאָגן, אַז דער אויבערשטער האָט געוויזן משה׳ן אַלע צוקונפטיקע פירער, שופטים און מלכים פון יידישן פאָלק. ער האָט אים אויך געוויזן ווי שאול המלך וועט פאַלן אין מלחמה. האָט משה געפרעגט ג—ט: פאַרוואָס קומט עס, אַז דער ערשטער יידישער קעניג זאָל אומקומען דורך דער שווערד? — האָט אים ג—ט געענטפערט: — זאָג דאָס נישט מיר, זאָג דאָס צו די כוהנים פון נוב, וועלכע שאול האָט אויסגעה׳הרג׳עט (שמואל א׳ כ״ב) און דערפאַר האָט ער באַקומען די שטראָף — און אויף דעם איז דער רמז „אמור אל הכוהנים״.

א פירער אָדער א קעניג וואָס הערשט מיט טעראָר, מוז אַליין אומקומען דורך טעראָר און דורך דער שווערד.

אויף די פעלקער און מלכים, וועלכע האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט, זאָגט דער פסוק ונקיתי דמם לא נקיתי״ — שענקען זייער בלוט וועל איך נישט שענקען.

ר׳ יצחק זאָגט: (ילקוט) אין משיח׳ס צייטן, וועלן אַלע פעלקער האַלטן מלחמות צווישן זיך. אַלע אומות העולם וועלן זיין אויפגעשטורעמט אין שרעק און בהלה, זיי וועלן פאַלן אויף זייערע פנים׳ער פון גרויס יסורים. די יידן וועלן אויך זיין אין שרעק, זיי וועלן זאָגן: וווהין זאָלן מיר גיין און ווו זאָלן מיר קומען? — דאַן וועט ג—ט זאָגן צו זיי: שרעקט אייך נישט, אַלץ וואָס איך האָב געטאָן איז צוליב אייך. עס איז געקומען די צייט פון אייער גאולה, די לעצטע אויסלייזונג, און זי וועט זיין נישט ווי די ערשטע גאולה, נאָך וועלכער גלות׳ן זענען נאָכגעקומען. נאָך דער לעצטער גאולה וועט שוין מער נישט זיין קיין שום גלות און אונטערדריקונגען...

✶

וכי תזבחו זבח תודה וכו׳ ביום ההוא יאכל — אין דעם זעלבן טאָג זאָל מען עסן דעם קרבן, איר זאָלט נישט איבערלאָזן פון אים ביז אינדערפרי. — ספרי מוסר זאָגן: פון דאַנען לערנען מיר, אַז יעדער מענטש זאָל זיך פאַרלאָזן אויף ג—ט, אַז ער וועט אים אייביק שפייזן. דער מענטש וואָס האָט עפּעס צו עסן היינט, זאָל ער דאָס היינט עסן, און נישט באַהאַלטן דאָס אויף מאָרגן, ווייל מאָרגן וועט אים ג—ט אַנדערע געבן און אפשר מער און בעסער ווי היינט

מען איז אמאָל געקומען צו ר' עקיבא אייגער און אים דער־ציילט, אז איינער פון זיינע ישיבה בחורים לעבט אין גרויס אָרעמקייט און עס איז א גרויס רחמנות אויף אים, יעדע נאַכט צו אָוונט־ברויט עסט ער א טרוקן שטיקל ברויט און ער לייענט קריאת-שמע און לייגט זיך שלאָפן... — אז מען עסט טרוקן ברויט — ענטפערט ר' עקיבא אייגער — און מען לייענט קריאת-שמע און מען לייגט זיך שלאָפן, איז נישט קיין גרויס רחמנות, מער רחמנות איז אויף אזעלכן, וואָס עסט צו אָוונט־ברויט א גע־בראָטענע הון און ער גייט שלאָפן אָן קריאת־שמע...

וקדשתו כי את לחם אלקיך הוא מקריב — כאָטש דער כהן לעבט פון די מתנות וואָס דו גיסט אים, פונדעסטוועגן, זאָל ער ביי דיר הייליק זיין.

„וקדשתו" זאָלסט אים הייליקן, וואָרום „את לחם אלקיך הוא מקריב". דאָס עסן פון צדיק און תלמיד-חכם, וואָס קומט פון דיינע מתנות, זענען אזוי גוט, ווי די קרבנות, וואָס זענען אויף דיר מכפר.

מען האָט אמאָל געפרעגט א רבי'ן: ווי פּאַסט עס פאר צדי־קים, אז פאר מתפלל זיין פאר א יידן זאָלן זיי נעמען געלט-פדיונות? — האָט ער דערויף געענטפערט: איך וויל איר זאָלט פארשטיין, אויב איך וועל זיך סתם אוועקשטעלן מתפלל זיין פאר א צווייטן, ווילד פרעמדן יידן, וועט מיך דער מקטרג אָפּ־שטעלן און א פרעג טאָן: ווער בעט דיך צו זיין א מעקלער און צו מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן? קען דען נישט יענער אליין פאר זיך מתפלל זיין, אָדער אפשר האָלטסטו זיך העכער פון יענעם? — בעת אָבער איך ענטפער אים, אז איך בין א גע־דונגענער שליח און איך באקום באצאָלט דערפאר, ווערט דאָן דער מקטרג ווייכער, דאָס פארשטייט ער, איז שוין גאָר עפּעס אנדערש...

✶

אמור אל הכהנים וכ"ו — זאָג אָן די כהנים, זיי זאָלן זיך נישט פאראומריינינקן. דער כהן איז דער גייסטיקער פירער פון פאָלק, דעריבער מוז ער זיין אָפּגעשיידט פון יעדער טומאה און אומווירדיקייט.

אל הכהנים בני אהרן — עס ווערט נישט דערמאָנט דער נאָמען פון אהרן. ווייל דאָ ווענדעט מען זיך אויסשליסלעך צו זיינע קינדער, דערמאָנען זיי צוערשט זייער אָפּשטאַם, אז זיי זענען „בני אהרן" דערנאָך זאָג זיי, אז זיי זאָלן זיך נישט מטמא זיין.

דער איינציקער וועג וואָס קען אָפּהאַלטן פון צו טאָן נישט געוווּנטשענע טאַטן, איז נישט צו פארגעסן ווער מען איז, און פון וואַנען מען שטאַמט.

ווי מען געפינט ביי יוסף הצדיק, אין דער לעצטער מינוט פון קריזיס, פון אינערלעכן קאמף, ווען ער איז געשטעלט געווארן פארן באוווסטן „נסיון" האט אים איין זאך אפגעהאלטן, ער האט געזען „דמות דיוקנא של יעקב אביו" דאס בילד פון זיין פאטער יעקב...

✶

ואשה גרושה מאשה וכ"ו — און א גרושה, זאלן זיי נישט נעמען.

צום ראדזינער רבי, איז אמאל געקומען א גרושה פרעגן אן עצה, צי זי זאל חתונה האבן מיט א יונגן מאן וואס איז, ביים שטיין צום פריזיוו, געווארן אפגעלייגט אויף א יאר. זי האט מורא, האט זי געזאגט, טאמער וועט מען אים אין א יאר ארום צונעמען צום מיליטער. פארוואס האט מען אים אפגעלייגט אויף א יאר?—פרעגט דער רב,—ער איז נעבעך זייער דאר, ממש הויט און ביינער. — זאגט די פרוי. — אויב אזוי, זאגט דער רבי, דארפט איר גארנישט זיך שרעקן, איך זאג אייך צו, אז איר וועט מיט אים חתונה האבן, וועט מען אים זיכער נישט צונעמען צום מיליטער...

דעם רבינס צוזאג האט ארויסגערופן אן איבעראשונג צווישן די ארום שטייענדיקע חסידים און איינער האט אים געפרעגט: — ווי קומט דאס, וואס דער רבי האט געגעבן אזא זיכערן צוזאג דער פרוי? — איך וועל אייך זאגן — האט דער רבי געענטפערט, ווי איר האט געזען די גרושה, איז פון איר פנים קענטיק, אז דער מאן האט זי גע'גט, ווייל זי איז א מרשעת. דעם יונגנמאן האט מען אפגעלייגט אויף א יאר ווייל ער איז, ווי זי זאגט, הויט און ביינער, איז ווען דער יונגערמאן וועט מיט איר חתונה האבן, וועט מען אים זיכער צום מיליטער נישט נעמען, ווייל ער וועט ביי דער גרושה נאך מער אויסגעדארט ווערן...

✶

ששת ימים תעשה מלאכה וכ"ו — זעקס טעג זאל געטאן ווערן ארבעט, אבער אויפן זיבעטן טאג איז א שבת פון רוען.

ר' יהושע בעלזער זאגט: ערב שבת פארנאכט, ווען די מלא-כים קומען אריין אין א יידיש הויז, ווערן זיי אנגערופן מלאכי-השרת, דאס הייסט, אז זיי זענען אין דער מדרגה העכער פון מענטשן. נאכדעם, ווען זיי זעען, אז די ליכט זענען אנגעצונדן, און דער טיש איז געגרייט לכבוד שבת, ווערן זיי אנגערופן מלאכי-השלום, דאס הייסט, אז דער בעל-הבית שטייט העכער פון זיי אין מדרגה. דעריבער זאגן מיר אין אנהויב: שלום עליכם מלאכי השרת, און דערנאך: בואכם לשלום, ברכוני לשלום, צאתכם לשלום, מלאכי-השלום...

✶

וספרתם לכם — און איר זאָלט ציילן זיבן וואָכן. די יידן זענען געווען זייער נייגעריק צו באַקומען די תורה, און האָבן געציילט יעדן טאָג פון פסח ביז שבועות. רבינו יהודה החסיד זאָגט: דער טעם פאַרוואָס מען ציילט ספירה איז, ווייל אין די דאָזיקע טעג, צווישן פסח און שבועות, איז דאָס פאָלק שטאַרק באַשעפטיקט ביי פעלד ארבעט, און זייענדיק די גאַנצע צייט באַשעפטיקט ביי פעלד ארבעט, און זייענדיק די גאַנצע צייט דערווייטערט פון שטאָט און היים, קען אמאָל פּאַסירן, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן די צייט רעכענונג, ווען עס דאַרף אויספאַלן דער יום טוב שבועות, האָט מען דעריבער זיי געהייסן ציילן יעדן טאָג, כדי זיי זאָלן נישט האָבן קיין טעות.

דער מהר״ל פון פּראָג זאָגט: די ספירה, דאָס ציילן די טעג ביז צום יום טוב פון קבלת-התורה, האָט די תורה באַשטימט, מען זאָל אָנהויבן דאַן, ווען מען ברענגט דעם עומר און מען שניידט די נייע תבואה, און פאַרקערט ווידער, דער עומר איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן געבראַכט דאַן, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו ציילן די ספירה צו קבלת-התורה. איין זאַך איז אָפּהענגיק אָן דער צווייטער — „אם אין תורה אין קמח״, און „אם אין קמח אין תורה״...

בהר

כי תבאו אל הארץ — ווען איר וועט קומען אין ארץ-ישראל און איר וועט באארבעטן דאָס לאַנד, אַקערן, זייען און פלאַנצן, און איר וועט האָבן מזל און ברכה, די ערד וועט ארויסגעבן פיל פּרוכטן, וואָס וועלן זיס און געשמאַק זיין, זאָלט איר זיך נישט איינרעדן, אז דאָס קומט בלויז פון אייער איבערגעגעבענער אַר־בעט, פון אייערע פעאיקייטן, נאָר — אשר אני נותן לכם — דאָס אַלץ האָב איך אייך געגעבן — זאָגט ג-ט — איך האָב אייך גע-שיקט די ברכה אין אייערע פעלדער און וויינגערטענער. דעריבער באַפעל איך אייך—ושבתה הארץ שבת לד׳—פּונקט ווי דו רו׳סט אין דעם זיבעטן טאָג פון וואָך — שבת — זאָל אויך די ערד רוען דעם זיבעטן יאָר — שמיטה.

די חז״ל זאָגן: (תוספתא שבועות פ״ח) ווען עס איז געקומען שמיטה, זענען שליחים פון בין־דין, אוועקגעשטעלט געוואָרן ביי די טויערן פון אַלע שטעט און שטעטלעך און האָבן צוגענומען אַלע תבואות, שפּייז, פרוכטן, וואָס די פּאַרמערס האָבן געבראַכט, און דאָס אַלץ אוועקגעפירט צום שטאָט־אוצר. און דורכן שמיטה-יאָר איז דאָס צוטיילט געוואָרן, יעדן פּריוואַט צו יעדן מענטש, לויט זיין הויזגעזינד, א גלייכן חלק. נישט אזוי, אז איינער זאָל האָבן צופיל און דער צווייטער גאָרנישט...

✶

וחי אָחיך עמך — דיין ברודער זאָל לעבן מיט דיר.

די גמרא דערציילט: (בבא מציעא ס״ב): צוויי מענטשן זענען געגאַנגען אין וועג, און איינער האָט געהאַט א קריגל וואַ-סער. אויבביידע וועלן טרינקען פון דעם וואסער פריער, וועלן זיי ביידע שפּעטער שטאַרבן פון דאָרשט, וואָרום דאָס וואסער וועט נישט קלעקן פאר ביידע ביז זיי וועלן קומען צו א באַוווינטן אָרט, און אויב איינער וועט טרינקען, וועט ער קומען ביז צו א באַוווינטן אָרט, אָבער דער חבר זיינער וועט שטאַרבן פון דאָרשט.

האָט בן-פּטירא געזאָגט: בעסער זאָלן זיי ביידע טרינקען און ביידע זאָלן שטאַרבן, כדי איינער זאָל נישט זען ווי זיין חבר שטאַרבט.

דאַקעגן רבי עקיבא האָט געלערנט: עס שטייט אין פּסוק „וחי אחיך עמך״ דיין ברודער זאָל לעבן מיט דיר, אָבער דיין לעבן איז פריער ווי דיין חבר׳ס לעבן, דעריבער איז דער וואָס

די וואסער איז זיינע, זאָל ער טרינקען און בלייבן לעבן, און דאָס וואָס דער חבר וועט שטאַרבן, קען ער נישט האָבן קיין שולד.

זאָגט אויף דעם דער חדושי הרי"ם: נאָר אזא ווי רבי עקיבא, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געוואַרט אויף א געלעגנהייט צו קענען מקריב זיין, זיין לעבן אויף קידוש־השם (ברכות ס"א), נאָר ער האָט געהאַט דאָס רעכט זיך אויסצודריקן „חייך קודמים", דיין לעבן איז פריער, ווייל ער האָט דאָך נישט געדאַרפט דאָס לעבן פאר זיך, פארן אייגענעם גענוס.

דער יעניקער אָבער, וואָס לעבט בכדי צו געניסן פון לעבן און האָבן בלויז פארגעניגן, האָט קיין רעכט נישט צו זאָגן, אז זיין לעבן איז וויכטיקער פאר יענעמס...

✶

וכי ימוך אחיך וכו' והחזקת בו — און אז דיין ברודער וועט אָרעם ווערן, זאָלסטו אים אויפהאַלטן.

דער חפץ־חיים זצ"ל, איידער ער האָט ארויסגעגעבן זיין ערשטן ספר, איז געווען זייער אין א געדריקטער לאַגע. ער איז געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט, און איז איבערגעקומען ממש מיט ברויט און וואסער. אין שטעטל האָט מען געוווסט פון זיין אָרעמקייט, און פיל מענטשן האָבן געוואָלט אים העלפן, אָבער ער האָט יעדן אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט צו קיינעם אָנקומען. איינמאָל האָט זיין מוטער אָנגעהויבן איינ־טענה'ען מיט אים: סטייטש, דו זעסט דאָך אליין, אז אין שטוב פעלט אמאָל אפילו א שטיקל ברויט, און מענטשן ווילן דיר ארויסהעלפן, טאָ פארוואָס זאָלסטו נישט וועלן? —

איך וועל דיר זאָגן — האָט דער חפץ-חיים געענטפערט — מען וויל מיר געבן געלט אזוי לאַנג ווי איך וויל נישט נעמען, קוים אָבער וועל איך אָנהויבן נעמען, וועט מען מיר אויפהערן געבן...

בהר בחקותי

אין דער סדרה „בהר" ווערן באהאנדלט די דינים וואס האבן צו טאן מיטן סאציאלן עקאנאמישן לעבן פון די יידן, און אויך די דאזיקע געזעצן זענען געגעבן געווארן אויפן בארג סיני.

די ערשטע מצוה, אין דער סדרה איז „שמיטה", אבער דער מענטש קען מיינען, אז צוליב שמיטה, ווען ער וועט א גאנץ יאר נישט אקערן און נישט זייען, וועט ער האבן שאדן. זאגט די תורה: „והיתה וכ"ו" — כאטש דו וועסט נישט באארבעטן דאס פעלד, וועט דאך זיין גענוג צו עסן פאר דיר און דיין פא-מיליע און בהמות. „וצויתי את ברכתי לכם" — דאס שמיטה יאר וועט אויך ארויסגעבן א ברכה און דו האב נאר צוטרוי צום אויבערשטן.

וכי ימוך אחיך וכ"ו — און אז דיין ברודער וועט ארעם ווערן, זאלסטו אים אויפהאלטן. אין דער פרשה פון שמיטה, ווערן טאקע יידן אנגעזאגט, זיי זאלן האבן בטחון און נישט זארגן פארן „מה נאכל", נאר פארלאזן זיך אויפן אויבערשטן. דאס איז נאר בנוגע דיר, דאקעגן אבער ווען עס קומט צו דיר א געדריקטער מענטש, און ארעמאן נאך הילף, אים טארסטו נישט אפ'פטר'ן מיט „דער אויבערשטער וועט העלפן, האב בטחון", נאר „והחזקת בו" צוערשט זאלסטו אליין אים העלפן און אים אויפהאלטן...

✶

והארץ לא תמכר לצמיתות וכ"ו — און די ערד זאל נישט פארקויפט ווערן אויף אייביק, ווייל צו מיר געהערט די ערד.

צוויי יידן, וואס האבן געהאט א סכסוך צווישן זיך וועגן א שטיקל ערד, זענען געקומען צום רב. יעדער איינער פון זיי האט גע'טענה'ט, אז דאס שטיקל ערד געהערט צו אים, און ער וועט נישט איינגיין אויף קיין שום פשרות. ווען דער רב האט געזען, אז זיי ווען בשום-אופן נישט דורכקומען צווישן זיך, האט ער זיך איינגעבויגן צו דער ערד, צוגעלייגט דעם אויער, און זאגט צו זיי: — איר ווייסט, עס איז דא נאך א דריטער צד, דאס איז די ערד. זי טענה'ט אז זי געהערט נישט צו אייך, נאר, אז אירביידע געהערט גאר צו איר...

אין דער סדרה „בחקותי" ווערט די תוכחה געזאגט בלשון רבים, און אין „כי תבוא" — בלשון יחיד. פארוואס — ווייל די ערשטע תוכחה אין בחקותי, — זאגן די חז"ל — איז געווענ-

דעם קעגן בית־ראשון, וועלכער איז חרוב געוואָרן צוליב די זינד פון עבודה-זרה און גילוי עריות, דאקעגן די צווייטע תוכחה אין כי תבוא, איז געזאָגט געוואָרן אויפן בית-שני, וועלכער איז חרוב געוואָרן צוליב שנאת חנם, איינער האָט דעם צווייטן פיינט גע-האַט, יעדער האָט געלעבט אָפּגעזונדערט און געזאָרגט נאָר פאַר זיך. דעריבער ווערן דאָרט די שטראָף רייד גערעדט צום יחיד.

רבי לוי באַרדיטשעווער, האָט איינמאָל, אין דער וואָך, וואָס מען האָט געלייענט די תוכחה, אין מיטן דאַווענען, אראָפּגעכאַפּט די תפילין פון קאָפּ און האָט אויסגעשריען: רבונו של עולם! די חז"ל זאָגן, אז אויך דו לייגסט תפילין, און אז אין דיינע תפילין שטייט געשריבן די ווערטער „מי כעמך ישראל", ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל—נו פרעג איך דיך: אפילו ביי א פשוטן יידן, אז עס פאַלן אראָפּ זיינע תפילין, הויבט ער זיי אויף און קושט זיי. טאָ פאַרוואָס דערלאָזטו דערצו, אז דיינע תפילין, דיין פאָלק ישראל זאָל זיך וואַלגערן, זיין דערנידעריקט, צו שאַנד און צו שפּאָט?...

✶

את שבתותי תשמורו וכ"ו — מיינע שבתים זאָלט איר היטן און הייליק האַלטן.

מיט וואָס זאָלט איר זיי האַלטן הייליק? — מיט לערנען, מיט טרינקען, מיט ריינע און שיינע בגדים, און מיט רוען.

אין ספר „מטה-משה" ווערט געבראַכט: אז עס איז פאַראַן אין מענטש'ן אביינדל מיטן נאָמען „לוז" וואָס האָט קיין הנאה נישט פון עסן און טרינקען, נאָר בלויז אין שבת-צונאַכט'ס. דאָס דאָזיקע ביינדל איז דער עיקר און דער שורש, וואָס פון אים ווערט דער מענטש, און ווען דער מענטש שטאַרבט, ווערט דאָס דאָזיקע ביינדל נישט צוריבן און נישט צעפוילט. אין דער צייט פון תחית-המתים, וועט דאָס דאָזיקע ביינדל זיך אָנציען מיטן טוי פון אויפלעבונג און פון אים וועלן זיך אָנציען אַלע אברים און אַלע אָדערן און מגולגל ווערן קיין ארץ-ישראל, און דאָרט וועלן זיי באַקומען זייער גייסט אין ריינעם לאַנד.

בכדי צו פאַרפלאַנצן אין הארץ פון פאָלק דעם גלויבן אין תחית-המתים, עסט מען שבת-צו־נאַכט'ס א סעודה, כדי צו לער-נען, אזוי ווי דאָס דאָזיקע ביינדל האָט פון עסן קיין הנאה נישט, ביז די וואָך ענדיקט זיך, אזוי אויך וועט דאָס דאָזיקע ביינדל האָבן פאַרגעניגן פון די תענוגים פון עולם-הבא, נאָכדעם, ווי ס'ענדיקט זיך דעם מענטשנס יאָרן... דעריבער, דער וואָס היט אָפּ די דאָזיקע סעודה, און זעטיקט אָן דאָס דאָזיקע ביינדל „לוז" וועט זוכה זיין, אז זיין נשמה זאָל זיך זעטיקן מיט די גרויסע פאַרגעניגנס, וואָס זענען באַהאַלטן פאַר די צדיקים...

בחקותי

אם בחקותי תלכו — חקים, זענען אזעלכע מצוות וואָס מענטשן פארשטייען נישט. מצוות ווידער ווערן אָנגערופן אזעלכע געבאָטן וואָס מענטשן פארשטייען יאָ.

עס איז פארשטענדלעך, אז ביי א מענטשן איז גרינגער צו טאָן א מצוה וואָס ער פארשטייט מיטן שכל דעם טעם דערפון, איידער צו טאָן אזאַ מצוה וואָס ער פארשטייט נישט מיטן שכל. אָבער אז דער מענטש האָט זיך איינגעוווינט צו היטן די מצוות וואָס הייסן חקים איז אים פיל גרינגער דערנאָך מקיים צו זיין די מצוות וואָס ער פארשטייט יאָ מיטן שכל.

דאָס זאָגט די תורה: „אם בחקותי תלכו" אויב איר וועט גיין אין די וועגן פון היטן מצוות וואָס הייסן חקים, איז „ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם", וועט אייך שוין גרינג זיין צו היטן מיינע מצוות, וואָס איר פארשטייט מיט שכל, און איר וועט זיי טאָן.

✶

רבי זאָגט: (אבות פ"ב) זיי געוואָרנט מיט א גרינגער מצוה ווי מיט א הארבער, ווייל דו קענסט נישט וויסן די לוין פאר די מצוות.

ר' חיא האָט געזאָגט: פארוואָס האָט ג־ט נישט אָנטפּלעקט אין דער תורה, דעם לוין פון יעדער מצוה? — דאָס קען מען דערקלערן מיט א משל:

א קעניג האָט געלאָזט פלאַנצן פאר זיך א גאָרטן, האָט ער געבראכט ארבעטער און האָט זיי פאראויס נישט אויסגעזאָגט דעם לוין וואָס זיי וועלן באקומען פאר פארשידענע פלאַנצונגען, כדי זיי זאָלן נישט אָפּגעבן זיך די גאנצע צייט נאָר מיט יענע פלאַנצונגען, פאר וועלכע מען באקומט מער לוין, און דורך דעם וועט דער גאָרטן נישט ארויסקומען אזוי שיין ווי דער קעניג האָט געטראכט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער „תורה": ווען ג־ט וואָלט פריער אָנטפּלעקט דעם לוין פון יעדער מצוה, וואָלטן יידן זיך געהאַלטן נאָר ביי יענע מצוות, וואָס דער לוין זייערע איז גרויס און וואָלטן פארנאכלעסיקט די איבעריקע, און דורך דעם וואָלט די תורה נישט געוואָרן אינגאַנצן אויסגעפילט לויט דעם רצון פון אויבערשטן...

✶

ואכלתם לחמכם לשובע, וישבתם לבטח — און איר וועט עסן אייער ברויט צו זאט, און זיצן אין זיכערקייט.

ווען עס איז נישטאָ קיין פּרנסה, קריגט מען זיך ארום, אייער קאָנקורירט מיטן צווייטן. אפילו אין פריוואטן לעבן, ווען עס הערשט אָרעמקייט איז דאָ מחלוקת.

די חז"ל האָבן שוין לאנג געזאָגט: (בבא-מציעא נ"ט) — „ווען עס לאָזט זיך אוים דער גערשטן פון קרוג, הויבט זיך אָן קריגערייאין שטוב". זאָגט די תורה: ואכלתם לחמכם לשובע" — ווען עס וועט זיין פרנסה, איז דאן „וישבתם לבטח", וועט זיין ביי יידן שלום און מנוחה...

עס איז פאראן א גריכיש מעשה'לע: ווען אלכסנדר מוקדון האָט אָנגעהויבן זיין מלחמה־מארש אויף פּערסיע, האָט ער אויפן וועג זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט „קאָרינט", וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע גרויסע גריכישע קלוגע לייט.

די איינוווינער פון קאָרינט, מיט די פירערס און חכמים, זענען יענעם טאָג ארויסגעגאנגען אַנטקעגן דעם גרויסן קעניג אים מקבל פנים זיין און אָפּגעבן כבוד. נאָר איינער פון די חכמים, דיאָגענעס, איז נישט געגאַנגען. ער איז געבליבן זיצן אין זיין פאַס, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט אין שטאָט.

דער דאָזיקער דיאָגענעס, האָט זיין גאַנץ לעבן געוווינט אין א פאַס, ווייל ער האָט געהאלטן, אז די אלע זאכן, אויף וואָס א מענטש גיט אוועק זיינע כוחות און אָנשטרענגונגען, זענען אינגאַנצן איבעריק. זיי ברענגען אָפּט בלויז דאגות און צאָרג.

ווען דער מלך האָט געזען, אז דיאָגענעס איז נישטאָ צווישן די גרויסע לייט, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, און געבעטן, אז מען זאָל אים אוועקפירן צו אים.

ווען אלכסנדר איז צוגעקומען צום פאַס, וו דיאָגענעס האָט געוווינט, האָט דיאָגענעס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אים אָנגעקוקט און געשוויגן.

זאָגט דער מלך צו אים: — איך בין אלכסנדר, אפשר ווילסטו עפּעס, וועל איך עס טאָן פאר דיר. — יאָ, האָט אים דיאָגענעס געענטפערט, שטעל זיך אין א זייט, אז די זון זאָל קענען צוקומען צו מיר. — מער האָט ער נישט גערעדט.

אלכסנדר האָט זיך אויף אזא ענטפער נישט גערעכט. די מענטשן, וועלכע זענען דאָרט געווען מיט אים, האָבן א קוק געטאָן אויף אלכסנדערן, ווי זיי וואָלטן געפרעגט, צי זיי זאָלן דעם חכם באַשטראָפן פאר זיין חוצפה. נאָר אלכסנדר'ן איז דער ענטפער אזוי געפעלן געוואָרן, אז ער האָט געזאָגט: — ווען איך וואָלט נישט געווען אלכסנדר, וואָלט איך געוואָלט זיין דיאָגענעס...

פערטער טייל

במדבר

במדבר

די ערשטע מצוה אין ספר „במדבר" איז: שאו את ראש וכ"ו — מען זאָל ציילן די יידן. דעריבער ווערט דער גאַנצער ספר אָנגערופן (סוטה ל"ו) „חומש הפקודים" דער פינפטל (איינער פון די פינף ספרים) פון די ציילונגען.

ואתכם יהיו איש איש למטה. — און מיט אייך זאָל זיין א מאַן פון יעדן שבט (ביים ציילן). די איצטיקע ציילונג איז גע-מאַכט געוואָרן אלס א פאַרברייטונג צום כבושׁהארץ, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרטיילט ווערן, לויט דער צאָל און גרויס פון יעדן שבט.

דעריבער האָט מען געדאַרפט פאַרהיטן, אז עס זאָל נישט פאַרקומען קיין מיסברויכן, אז א טייל שבטים זאָלן נישט אויפ-געבן א גרעסערע צאָל מענטשן, און אזוי ארום באַקומען א גרע-סערן טייל אין לאַנד. דערפאַר איז נויטיק געווען, אז די ציילונג זאָל שטרענג קאָנטראָלירט ווערן דורך אָנפירער פון יעדן שבט.

דאַקעגן ביי די ציילונגען פון פ' „כי־תשא", וואָס איז באַ-שטאַנען בלויז צו וויסן די צאָל, איז נישט נויטיק געווען פאָר-שטייער פון יעדן שבט.

✶

וימת נדב ואביהוא וכ"ו ובנים לא היו להם. — און נדב און אביהוא זענען געשטאָרבן פאַר ג—ט, און קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. — צו וואָס דאַרף די תורה אונדז זאָגן, אז זיי האָבן נישט געהאַט קינדער? וואָס וואָלט געווען ווען זיי וואָלטן יאָ גע-האַט קינדער? — נאָר די חז"ל זאָגן: אז אויב א מענטש זינדיקט, אָבער ער האָט א זון א צדיק, דאַן ווערט דער פאָטער נישט באַ-שטראָפט, ווייל אויב ער וועט יאָ באַשטראָפט ווערן וועט אויך דער זון דערפון ליידן, און דער זון, אלס צדיק, דאַרף דאָך נישט ליידן.

דאָס איז דער זין פון „ובנים לא היו להם", ווייל ווען זיי וואָלטן געהאַט קינדער, איז מעגלעך, אז זיי וואָלטן אין זייער זכות, די שטראָף בכלל אויסגעמיטן...

פאַראַן א משל פון קעלמער מגיד: עס איז געווען א פאָטער מיט א זון, דער פאָטער א גרויסער צדיק, און דער זון איז געווען א פאָפולערער אַרטיסט און געשפילט טעאַטער. ווען דער פאָטער

איז געשטאָרבן, זענען מלאכים אים אנטקעגנגעקומען, צוערשט אים געשטעלט די באַוווּסטע פראַגן: צי האָסטו געלערנט תורה, צי האָסטו ערליך געהאַנדלט? און דערנאָך מיט גרויס פּאַראַד אים געפירט צום גן־עדן.

אין דער זעלבער צייט איז אויך זיין זון, נעבעך, יינגערהייט געשטאָרבן, און די מלאכים האָבן באַמערקט, ווי ער שטופּט זיך אויך צום טויער פון גן-עדן, האָבן זיי געמיינט, אז דאָ קומט פּאַר עפּעס א טעות, פרעגן זיי אים: מה-מלאכתך? — מיט וואָס האָסטו זיך פאַרנומען? — האָט ער געענטפערט, אז ער איז גע־ווען אַן „אַרטיסט" געשפּילט טעאַטער. דער טעאַטער ווייזט און לערנט דער מענטשהייט, ווי צו לעבן, מען ווייזט די נעגאַטיווע זייט פון לעבן, צו דערציען דעם מענטשן, ווי אויסצוּווייזן די פּאָזיטיווע זייט פון לעבן און ווערן א בעל-תשובה. דעריבער זאָגט דער אַרטיסט, איז זיין פּלאַץ אין גן-עדן.

די מלאכים האָבן אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, און אים געהייסן וואַרטן ביים טויער פון גן-עדן, ביז זיי וועלן זיך באַראַטן, וואָס צו טאָן מיט אים. אין א ווײַלע אַרום זענען זיי אַרויסגעקו-מען מיט א פאַרטיקן באַשלוס: חשובער אַרטיסט! עס איז טאַקי ריכטיק, אז דיין אַרבעט איז געווען „מחזיר-לתשובה" זיין מענטשן, דעריבער, וואַרט דאָ ביי דער טיר, און אויב עס וועט קומען כאָטש איין „בעל-תשובה" פון דיינע טעאַטער פאָרשטע-לונגען, דאַן וועלן מיר ברייט עפענען די טירן פון גן-עדן פאַר דיר. דער אַרטיסט וואַרט נאָך אַלץ, נעבעך, הינטערן טיר פון גן־עדן...

✶

פּקוד את בני לוי וכ"ו — צייל די קינדער פון לוי. פון א חודש אַלט און העכער זאָלסטו זיי ציילן. אַלע בני ישראל זענען געציילט געוואָרן פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, ווייל זיי זענען געווען אָנגעוויזן אויפן אייגענעם יחוס, דעריבער האָט די ציילונג אַרומגענומען נאָר די, וועלכע זענען געווען צוואַנציק יאָר אַלט, ערשט דאַן זענען זיי אָנערקענט געוואָרן אַלס טויגבאַרע און נוצלעכע מענטשן. דאַקעגן די בני-לוי, האָבן זייער יחוס אי-בערגענומען בירושה פון זייערע עלטערן, זיי זענען גלייך געבוירן געוואָרן לוויים, דעריבער דאַרפן זיי נישט וואַרטן אויף קיין גע־וויסע צאָל יאָרן, און די ציילונג זייערע האָט דעריבער אַרומגע-נומען פון א חודש אַלט און העכער...

✶

איינער האָט זיך געקריגט מיטן צווייטן און אים פאַרגע־וואָרפן, אַז ער איז נישט קיין מיוחס. האָט אים דער צווייטער גע-

ענטפערט: דו ביסט טאקי א מיוחס, אָבער ביי דיר לאָזט זיך דער יחוס אויס, ביי מיר הויבט זיך דער יחוס אָן...

✶

פונוואנען נעמט זיך עס, אז אויף אן אָרימאן, א שלימזל איז מען געוווינט צו באנוצן זיך מיטן אויסדרוק „שלומיאל״? — ווייל עס ווערט געזאָגט אין מדרש, אז „רובן של עניים משבט שמעון״ אממיינסטן אָרעמעלייט זענען פון שבט שמעון, וועלכער איז געווען דער אָרימסטער און שלימזל׳דיקסטער שבט, און דער ראש, דער פירער פון דאָזיקן שבט איז געווען שלומיאל בן צורישדי...

במדבר (שבועות)

איש על דגלו וכו׳—איטלעכער ביי זיין פאן, לויט די ציייכנס פון זייערע פאטערס-הייזער, זאלן רוען די קינדער פון ישראל.

דער מדרש זאגט: ווען מען האט געהייסן די יידן, אז זיי זאלן רוען ארום דעם משכן, האט משה רבינו זיך געשראקן, עס זאל נישט אויסברעכן א מחלוקה צווישן די שבטים: דעם וואס מען וועט הייסן רוען אין מזרח וועט וועלן רוען אין דרום, און דער פון דרום, וועט וועלן — אין מזרח, אא״וו. האט ג־ט באַרואיקט משהן און געזאגט: יעדער שבט וועט אליין וויסן ווו זיין פלאץ איז, ווייל יעקב אבינו האט פאר זיין פטירה אנגעזאגט זיינע קינדער, — אז ווען זיי וועלן אים טראגן קיין ארץ ישראל צו באגראבן, — אין וועלכער זייט פון דער מיטה יעדער זאל שטיין, און איז געווען געגוי אין זעלבן ארדענונג ווי ביי די דגלים אין מדבר, און דערויף איז דא אן אנווייזונג אין פסוק „באותות לבית אבותם״ לויט די ציייכנס פון זייערע פאטערס הייזער...

✶

אין דעם דריטן חודש פון זינט די יידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים — אין דעם דאזיקן טאג זענען זיי געקומען קיין מדבר־סיני, צו נעמען די תורה. אין דעם טאג האט ג־ט געגעבן די תורה צו די יידן.

פארוואס האט ג-ט נישט געגעבן זיי די תורה, גלייך ווען זיי זענען נאר ארויס פון מצרים? — עס איז א משל צו א בן-מלך וואס איז קראנק געווארן און נאכדעם איז ער פון זיין קראנקהייט אויפגעשטאנען. האט זיין מוטער צו אים געזאגט: גיי לערנען. האט געזאגט דער מלך: ער איז נאך נישט אויסגעהיילט געווארן אינגאנצן פון זיין קראנקהייט. זאל ערווארטן צוויי אדער דריי מאנאטן און דערנאך גיין לערנען.

דאס זעלבע איז אויך מיט די יידן. גלייך נאכן ארויסגיין פון מצרים זענען זיי נאכנישט ראוי געווען מקבל צו זיין די תורה, ווייל זיי זענען נאך גייסטיקע בעלי־מומין געווען. האט ג־ט געזאגט: מיינע קינדער האבן זיך נאכנישט אויסגערוט פון דער ארבעט, טא ווי אזוי קענען זיי א תורה נעמען? — דעריבער האט ער זיי אפגעהאלטן ביז דעם דריטן חודש און דערנאך זיי געגעבן די תורה...

✶

ווי באוווסט לייענט מען שבועות די מגילה „רות". עס זענען פאראן וועגן דעם פארשידענע טעמים: 1) ווייל שבועות איז דער זמן פון מתן-תורה, און רות האט זיך געשטעלט אונטער די „פליגל פון דער תורה", דערמיט וואס זי האט אנגענומען די יידישע אמונה; 2) די באקאנטשאפט פון רות מיט בועז'ן איז פארגעקומען אין דער צייט פון גערשטן שנים. און שבועות איז דאך אין ארץ ישראל אויך שניטצייט; 3) ווייל שבועות איז דאך די יארצייט פון דוד המלך, און ער קומט ארויס פון רות; 4) ביז מתן-תורה זענען די יידן געווען פארפליכטעט אפצוהיטן בלויז זיבן מצוות (שבע מצוות בני נח). ווען מען האט זיי געגעבן די תורה, איז זיי צוגעקומען נאך 606, לויט דער צאל פון די אותיות „רות" וואס צוזאמען מיט די פריערדיקע זיבן מצוות באטרעפט תרי"ג (613) מצוות.

✶

פארוואס ווערט שבועות אנגערופן אין תלמוד „עצרת", אזוי ווי דער יום-טוב שמיני-עצרת אין דער תורה? — ווייל, זאגט אויף דעם דער קדושת לוי, יעדער יום-טוב האט זיין באַזונדערע מצוה: פסח — מצה. סוכות — סוכה, אתרוג און לולב. ראש־השנה — שופר. בלויז שמיני־עצרת האט נישט קיין באַזונדערע מצוה, נאר וואס מען מוז זיך אין דעם טאג אפהאלטן (עוצר) פון ארבעטן. דאס זעלבע איז אויך בנוגע צו שבועות, וואס האט נישט קיין באזונדערע, פאר אים באשטימטע מצוה, נאר בלויז וואס מען טאר אין אים נישט ארבעטן. דעריבער ווערט ער אויך גערופן עצרת.

פונוואנען נעמט זיך דער מנהג ביי יידן צו באצירן אום שבועות די הייזער מיט גרינס וואס וואקסט ביים טייך? — ווייל אין ז' אדר איז משה רבנו געבוירן געווארן און דאן איז געווען „ותצפנהו שלשה ירחים", די מוטער האט אים באהאלטן דריי חדשים, און „ותשם בסוף על שפת היאור", זי האט אים אהינ־געטאן אין די ריטלעך ביים ברעג טייך, וואס עס קומט אויס פונקט אין ז' סיון, אין טאג פון שבועות...

שבת שבועות

דעם צווייטן טאָג שבועות לייענט מען, די גראַציעזע און מלא־חן־דיקע דערציילונג פון דער פערציק יעריקע אלמנה „רות" מיט איר שוויגער „נעמי".

וווהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין. דיין פאָלק, איז מיין פאָלק. און דיין ג—ט איז מיין ג—ט. האָט רות געזאָגט צו איר שוויגער. און אזוי ארום זיך באַהעפטט צום יידישן פאָלק, און געוואָרן די עלטער באָבע פון דוד המלך.

פונקט אין טאָג פון „מתן תורה" לייענען מיר מגילת־רות, כדי אונטערצושטרייכן דעם אונטערשייד פון אונדזער „אמונה" ביז אנדערע „גלויבנס". פינף און פערציק מאָל ווערט אָנגעזאָגט אין דער תורה, מען זאָל ליב האָבן דעם גר און דאָך נעמט מען נישט אזוי לייכט אָן ביי אונדז גרים. „קשים גרים לישראל כספחת" (קידושין ע') — גרים זענען אזוי שלעכט פאר דעם יידישן פאָלק, ווי קרעץ אויפן קערפער. אין מגילת־רות, ווערט דריי מאָל דערציילט, ווי נעמי האָט געוואָלט אָפּהאַלטן די פרעמד־גלויביקע ערפּה און רות, פון זייער באשלוס אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן. מיר האָבן טאַקי ליב דעם גר, אָבער מיר יאָגן זיך נישט נאָך אים, און ער ווערט נישט אקצעפּטירט, סיידן מיר האָבן די זיכערקייט, אז ער מיינט מיט זיין שריט ערנסט און אויפריכטיק...

✶

ויהי בימי שפוט השופטים, ויהי רעב בארץ.—און ס'איז געווען אין די טעג פון די שופטים, איז געווען א הונגער אין לאַנד. די חז"ל זאָגן: אומעטום וו עס שטייט „ויהי" איז געווען א צרה. דאָ שטייט צוויי מאָל „ויהי", ווייל עס איז דאָן געווען א טאָפּלטע צרה: עס איז געווען א הונגער אויף ברויט, און אויך א הונגער אויף תורה. „שפוט השופטים" — זיי האָבן געמשפּט די שופּטים, אַנשטאָט דער שופט זאָל באשטראָפן דעם זינדיקן, האָט גאָר דער זינדיקער באשטראָפט דעם שופט.

✶

וילך איש מבית לחם יהודה וכ"ו — און א מאַן איז געגאַנגען פון בית־לחם־יהודה, זיך אויפצוהאַלטן אין פעלד פון מואב, ער מיט זיין ווייב, און זיינע צוויי זין. דאָ ווערן זייערע נעמען נישט אָנגערופן. ערשט אין צווייטן פסוק, ווערן זייערע נע־

מען ארויסגעגעבן. — און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען אלימלך, און דער נאָמען פון זיין ווייב, נעמי, און דער נאָמען פון זיינע צוויי זין, מחלון און כליון. — פאַרוואָס ווערן נישט דערמאָנט זייערע נעמען באַלד אין ערשטן פסוק? — נאָר, די חז"ל זאָגן, אז אלימלך איז געווען זייער רייך, און א פרנס פון זיין דור, און פון ארץ ישראל איז ער אַנטלאָפן, צוליב קאַרגשאַפט, צופיל אָרעמע לייט זענען אין די הונגער יאָרן געקומען צו אים נאָך הילף. האָט ער באַשלאָסן זיך ארויס׳גנב׳ענען פון לאַנד אַנאָנים, קיינער זאָל נישט וויסן, דעריבער איז: וילך איש וכ"ו — סתם א מענטש מיט א פרוי און קינדער אָן א נאָמען. ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין אָנגעקומען אין פרעמדן לאַנד, אין די פעלדער פון מואב, דאַרף מען שוין זיך פאַר קיינעם נישט אויסבאַהאַלטן. דעריבער אין צווייטן פסוק, ווו עס ווערט שוין דערציילט פון אלימלך׳ס אָנקומען קיין מואב, דאַרט רעדט זיך שוין נישט מער פון סתם א מענטש, סתם א ווייב מיט צוויי קינדער, נאָר עס ווערט שוין אויסגערעכנט די נעמען...

✶

ויקח עשרה אנשים וכ׳ו — און בועז האָט איינגעלאַדן צען מענטשן, בכדי אדורכצופירן די נויטיקע צערעמאָניע, און חתונה האָבן מיט רות׳ן. צוויי מאָל ווערט דערציילט אין תנ"ך וועגן א חתונה מיט איינגעלאַדענע געסט: ביי לבנ׳ען און ביי בועז׳ן. דער אונטערשייד איז נאָר וואָס ביי לבנ׳ען ווערט געזאָגט: „ויאסוף לבן וכ׳ו" — און לבן האָט איינגעזאַמלט אַלע מענטשן פון דעם אָרט. — לבן, דער רמאי און שווינדלער, האָט נישט געקלערט, וואָס מאָרגן וועט זיין, נאָר האָט געפּראַוועט א חתונה מיט דער ברייטער האַנט, איבער זיינע כוחות, פאַרבעטנדיק אויף איר „את כל אנשי המקום" אַלע מענטשן פון שטאָט. דאַקעגן בועז, הגם ער איז געווען א ייד א גביר, וועלכער האָט זיך יאָ געקאָנט דער-לויבן צו מאַכן א גרויסע חתונה, האָט ער אָבער געלעבט מיט חשבון און „ויקח עשרה אנשים" ער האָט איינגעלאַדן נישט מער ווי צען פערזאָן אויף דער חתונה. מען דאַרף נישט ביים פּראַווען א חתונה אריינטרייבן זיך אין צופיל הוצאות בכדי נאָכצוטאָן יענעם. אויב יענער לאַדנט איין הונדערט מענטשן וויל איך ווייזן, אז איך קען גרייטן א חתונה פאַר צוויי הונדערט, און אין דער אמתן קען ער נישט, נאָר פאַרשולדיקט זיך נעבעך אויף יאָרן צו צאָלן, און נישט איינמאָל ווירקט די דאָזיקע נישט נויטיקע אָנשטרענגונג אויפן געזונט...

נשא

אין דער סדרה „נשא”, רעדט זיך צווישן אנדערע, אויך ווי משה רבינו האָט איינגעטיילט צווישן די שבטים די פארשידענע ארבעטן וואָס יעדער שבט דאַרף טאָן, אין און ארום דעם משכן, און די לויים האָבן באַקומען אַ ספּעציעלע אויפגאַבע.

פרעגט דער מדרש: דוד המלך זאָגט (תהילים קמ”ו) ד׳ אוהב צדיקים — דער אויבערשטער האָב ליב צדיקים. — פאַר־וואָס האָט דער אויבערשטער ליב צדיקים מער פון אנדערע? עס זענען דאָך אויך פאראן כהנים, לויים, וואָס זענען אויסדערוויילטע פון פאָלק? — נאָר, דער ענטפער איז: ווייל צדיקים זענען נישט קיין דינאַסטיע, צדקות, רעכטפארטיקייט, גייט נישט איבער בירושה. כהנים, לויים זענען דינאַסטיעס. זאָל א ישראל וועלן ווערן א כהן, אָדער א לוי, קען ער בשום אופן נישט.

אָבער א צדיק, צו ג—ט און צו לייט, קען יעדער מענטש ווערן. אפילו ווען דער פאָטער זאָל זיין נידערטרעכטיק און שלעכט קען דער זון זיין א צדיק, ווייל דאָס איז נישט קיין ירושה זאַך.

דעריבער שטייט: (תהילים קל”ה) בית ישראל ברכו את ד׳— הויז פון ישראל, לויבט ג—ט. בית אהרן ברכו את ד׳ — הויז פון אהרן לויבט ג—ט. בית הלוי ברכו את ד׳ — הויז פון לוי, לויבט ג—ט. יראי ד׳ ברכו את ד׳ — איר גאָטספאַרכטיקע, לויבט ג—ט. אָבער עס שטייט נישט „בית יראי ד׳ ” די הויז פון גאָטס־פאָרכטיקע, ווייל גאָטספאָרכטיקייט און רעכטפארטיקייט קומט פון זיך אליין, און נישט ווייל זיי האָבן עס גע׳ירש׳נט פון זייערע עלטערן, פון „בית־אָב”... דערפאר האָט ד׳ ליב צדיקים, ווייל זיי זענען זייער אייגענע דערגרייכונג...

✶

כה תברכו את בני ישראל — אזוי זאָלט איר בענטשן די קינדער פון ישראל. אין בריסק איז אמאָל געקומען צו גאַסט, דער ליובאַוויטשער רבי, ר׳ ישראל נח שניאורסאָן. איז דער בריס־קער רב געקומען אים וויזיטירן. ביים געזעגענען זיך, ווענדעט

זיך דער ליובאַוויטשער רבי צום בריסקער רב, אַז ער זאָל אים געבן אַ ברכה. — מתנגדים — זאָגט דער בריסקער רב — קענען נישט בענטשן. זאָגט איר עפּעס אַ ברכה.

דער אייבערשטער זאָל געבן — ווינטשט אים דער ליובאַוויטשער רבי — אַז איר זאָלט זיין געבענטשט אין רוחניות און אין גשמיות. — איך פאַרלאַנג בלויז — רופט זיך אָן דער בריסקער רב, — אַז דער אייבערשטער זאָל אונדז בענטשן אין רוחניות. — פאַרוואָס נישט אויך אין גשמיות? — וואונדערט זיך דער רבי. — ווייל — ענטפערט דער בריסקער רב — אַ געוויינלעכער ייד נעמט גשמיות און מאַכט דערפון רוחניות, אַז ער האָט אַ סך געלט, גיט ער אַ טייל דערפון אויף צדקה, אויף ישיבות, און העלפט אויסהאַלטן נויטיקע אינסטיטוציעס, דאַרף מען דעריבער אים ווינטשן, אַז ער זאָל געבענטשט ווערן מיט וואָס מער גשמיות. ביי אונדז אָבער, רבנים, איז פאַרקערט, מיר פאַרקויפן אונדזער רוחניות, אונדזער תורה, און מאַכן דערפון גשמיות. נויטיקן מיר זיך דעריבער, און וואָס מער רחניות, כדי צו האָבן וואָס צו פאַרקויפן אונדזערע בעלי בתים.

✶

ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן. — און עס איז געווען אין דעם טאָג וואָס משה האָט געענדיקט אויפשטעלן דעם משכן.

דער מדרש זאָגט: אַז ווען די יידן האָבן געבויט דעם צווייטן בית־המקדש, האָבן די רייכע לייט בייגעשטייערט די מזרח וואַנט. די יידן פון מיטל־קלאַס האָבן געבויט די ווענט פון צפון און דרום, און פון די קליינע נדבות וואָס אָרעמעלייט האָבן געבראַכט, האָט מען אויפגעשטעלט דעם „כותל־מערבי".

חיים ווייצמאַן ז"ל, ווען ער האָט אַמאָל גערעדט אין אַמעריקע וועגן אַ ציוניסטישע אַקציע, האָט ער דעם מדרש דערמאָנט און געזאָגט: זעט! דער איינציקער זכר, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון אונדזער אַמאָליקן גלאַנץ־פּעריאָד, פון „בית־המקדש", איז וואָס ס'איז געבויט געוואָרן דורך די אָרעמעלייט...

שלמה המלך האָט געזאָגט: (משלי כ"ח) עס איז בעסער דעם אָרעמען, וועלכער גייט אין זיין אָרנטלעכן וועג, ווי דעם וואָס גייט אין קרומע וועגן און ער איז רייך...

די גמרא זאָגט: (שבת ל"ב) אויפן שוועל פון עשירות —

געפינען זיך א סך ברידער און פיל גוטע פריינד. אויפן שוועל פון אָרעמקייט — זענען נישטאָ קיין ברידער און נישט קיין גוטע פריינד...

דער מדרש דערציילט: א גרויסער תלמיד-חכם האָט איינמאָל באַשלאָסן צו בויען פאַר זיך א נייע וווינונג. ווען די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן בויען דאָס הויז, האָבן שכנים זיך צוגעקוקט צו דער ארבעט. זיי האָבן אָבער אַלע באַמערקט וואָס פאַר א קליין הויז דאָס וועט זיין, און האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט. רבי! — האָט איינער פון די שכנים געוואָגט צו פרעגן: „אַזאַ באַרימטער חכם ווי איר זענט, מיט אַזוי פיל פריינד און נאָכפאָלגער, לאָזט בויען אַזאַ קליין הויז? ווו וועט איר אַריינגעמען אַלע אייערע פריינד?"

— דאָס הויז וועט זיין גענוג — האָט זיי געענטפערט דער געלערנטער. — מיין איינציקער וווּנטש איז בלויז: צו האָבן אַזוי פיל אמתע פריינד, וויפיל עס וועלן קענען אַריינגיין אין דעם הויז...

בהעלותך

בהעלותך את הנרות—ווען דו וועסט ארויפברענגען די ליכט. עס שטייט נישט — ווען דו וועסט אָנצינדן — נאָר ווען דו וועסט ארויפברענגען, בכדי אָנצודייטן, אז אויב די וועסט אָנצינדן — דאָס ליכט פון וויסן, דאָס ליכט פון בילדונג, איז „אל מול פני המנורה יאירו". זאָלן זיי לייכטן אַנטקעגן דער יידישער מנורה, אַנטקעגן דער יידישער קולטור, און נישט איבערלאָזן די יידישע מנורה, און גיין באַלייכטן פרעמדע האַריזאָנטן, נאָר צו דעם מיטלפונקט פון זייער אייגענעם פאָלק'ס גייסטיקער אַנטוויקלונג, און דאַן וועט איר דערהויבן ווערן אלס פאָלק...

דער מדרש זאָגט: אז קרבנות ברענגען איז מען זיך נוהג, נאָר אין דער צייט פון בית-המקדש, אָבער די ליכט פון דער מנורה איז אייביק. שטעלט זיך א פראגע, פון דער צייט אָן, וואָס דער בית המקדש איז חרוב, איז דאָך אויך נישט פאַראַן די מנורה? — ענטפערט דער רמבן, אז דאָס האָט דער אויבערשטער צוגעזאָגט אהרן הכהן, אז דורך זיינע קינדער, די חשמונאים, וועלן געשען די ניסים פון חנוכה, און ביים אָנצינדן די מנורה וועט בלייבן אן אייביקע מצוה פון „הדלקת הנרות", און די חנוכה ליכט זענען נוהג אפילו ווען דער בית המקדש איז ניטאָ...

✶

כן יהיה תמיד הענן יכסנו ומראה אש לילה — „כן יהיה תמיד", אזוי ווי ס'איז געווען מיטן משכן אין מדבר, אזוי וועט אויך שטענדיק זיין מיט די יידן: „הענן יכסנו" ווען דאָס יידישע לעבן וועט זיין פארוואָלקנט, און פארפינסטערט, און עס וועט זיך אויסדאַכטן, אז עס איז שוין חלילה קיין שום האָפענונג נישט פאַראַן, איז דאַן — ומראה אש לילה — וועט אינמיטן דער נאַכט פינסטערניש אויפפלאַקערן א פייערדיקע ליכטיקייט, וואָס וועט צוטרייבן אלע וואָלקנס, און פלוצלונג וועט א וועג פון הילף דערשיינען....

אין ירושלמי (ברכות פ"א) ווערט דערציילט: ר' חייא און ר' שמעון בן חלפתא, זענען געגאנגען צוזאמען אין דעם טאָל ארבל, אין א פרימאָרגן. און אז דער מאָרגנשטערן האָט זיך דורכגעבראָכן א וועג דורך דער פינסטערניש פון דער נאַכט און האָט באַלויכטן די ערד, האָט ר' חייא געזאָגט צו ר' שמעונ'ען: אָט אזוי וועט זיין די יידישע גאולה. פון אָנהויב וועט עס אויפלייכטן ביסלעכווייז, אָבער וואָס ווייטער וועט די ליכטיקייט ווערן אלץ גרעסער און גרעסער...

✶

והאיש משה עניו מאד — און דער מאן משה איז געווען זייער אן עניו.

דער כתב סופר זאָגט: עס זענען פאַראַן פאַרשידענע ענוים. פאַראַן אן עניו, וועלכער האַפט, אז צוליב זיין עניוות זאָל ער ווערן אָנגעזען און געשעצט ביי מענטשן. פאַראַן אויך אן עניו לשם שמים, בכדי מקיים צו זיין וואָס די תורה הייסט, אז מען זאָל זיך האַלטן נידעריק. דער אמת'ער עניו איז דער, וועלכער האַלט זיך קליין, ווייל ער געפינט גאָרנישט אין זיך, מיט וואָס ער זאָל זיך האַלטן גרויס...

דוד המלך זאָגט: „ד' פוקח עורים, ד' זוקף כפופים, ד' אוהב צדיקים", דער אויבערשטער מאַכט בלינדע זעעוודיק, ער גלייכט אויס די איינגעבויגענע, ער האָט ליב די צדיקים. פרעגט דער רבי ר' בונים: ווי קומען עפּעס צדיקים צווישן קאַליקעס? — נאָר דער תירוץ איז, אז עס איז נישטאָ קיין גרעסערער קאַליקע, ווי איינער וואָס האַלט זיך פאַר א צדיק...

דער חתם-סופר, האָט געהאַט א משמש, וועלכער האָט זיך שטאַרק גרויס געהאַלטן און געבלאָזן פון זיך, און צוליב צוויי זאכן: ערשטנס, ווייל ער איז דעם חתם־סופר'ס משמש, צווייטנס, ווייל ער האָט געהאַט א פעטער, א באַרימטן גביר, וועלכער איז געווען א באַנקיר אין פּרעשבורג.

ווען מען האָט דאָס דערציילט דעם חתם-סופר, האָט ער אים אריינגערופן צו זיך און געזאָגט: איך פאַרשטיי נישט מיט וואָס דו האָסט זיך אזוי איבערצוגעמען. מילא, ווען וואָלסטו געקענט לערנען אזוי ווי איך, און רייך וואָלסטו געווען, ווי דיין פעטער — וואָלסטו טאַקי געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירן, אָבער אז לערנען קענסטו ווי דיין פעטער און רייך ביסטו ווי איך — טאָ וואָס איז דער יחוס מיט דיר?...

✶

ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל, האָט געראָטן זיינע חסידים נישט צו טראָגן קיין מלבוש, וואָס זיין אויבערשלאָק איז פון גאוה, דער אונטערשלאָק באַשטייט פון כעס, און געניט איז דער מלבוש מיט פעדים פון מרה־שחורה. וואָרום גאוה איז אן אומווירדיקע איינגעשאַפט, און כעס, איז נאָך אפילו מער ווי אומווירדיק, עס איז פשוט געפערלעך. דער רמב"ם זאָגט: אז „כל הכועס כאילו עובד עבודה-זרה". א כעסן, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט צו פרעמדע געטער. און מרה-שחורה קען חלילה, פאַרפירן א מענטשן ביז צום טיפסטן אָפּגרונט, סיי גייסטיק און סיי פיזיש. עס איז פאַראַן א ווערטל: „לאַך וועט די וועלט לאַכן מיט דיר. וויין, וועט די וועלט לאַכן פון דיר". פון א וויינענדיקן, און פון א מרה־שחורה'דיקן מענטשן, אַנטלויפט מען. פריילעכקייט און מונטער-קייט, איז דער סוד וואָס מאַכט איינעם באַליבט ביי מענטשן, און איז דער ערשטער שטופּ צו דערפאָלג...

שלח

שלח לך אנשים וכ׳ו — דער אויבערשטער זאָגט צו משה׳ן: שיק מענטשן, זיי זאָלן אויסקוקן דאָס לאַנד כנען. האָט משה באַשטימט צוועלף מענטשן, איין פאָרשטייער פון יעדן שבט (אויסער פון שבט לוי, ווייל זיי האָבן דאָך נישט באַקומען קיין חלק אין לאַנד) און זיי געשיקט זען צי דאָס לאַנד איז גוט, צי די שטעט זענען באַפעסטיקטע. „היש בה עץ, אם אין״ צי איז דאָ אויף איר א בוים, אָדער נישט.

רש״י זאָגט: היש בה עץ, אם יש בהם אָדם כשר, שיגין עליהם — צי דאָרט געפינט זיך אן ערלעכער און גאָטספאָרכטיקער מענטש וועלכער זאָל זיי באַשיצן.

מען דערציילט: אַמאָל איז איינער פון די תושבים אין ארץ־ישראל, געקומען צו ר׳ שמואל מאָהילעווער. דער לעצטער אלס חובב־ציון, האָט זיך זייער געפרייט מיטן חשובן גאַסט. ער האָט מיט אים געשמועסט וועגן יעדן איינצלהייט פון ארץ ישראל. דער גאַסט ווידער וועלנדיק געפעלן דעם רב, האָט דערציילט וועגן דעם מאַטעריעלן מצב פון ארץ־ישראל און האָט ווייניק גערעדט וועגן די פרוכט און בנינים, דאקעגן האָט ער מאריך געווען ביים דערציילן וועגן די לומדים וואָס ווינען דאָרט, און וועגן די הייליקע פלעצער.

ר׳ שמואל מאָהילעווער האָט איבערגעריסן דעם שמועס און געזאָגט: אויף די ווערטער „היש בה עץ״ זאָגט רש״י: „אם יש בהם אָדם כשר״, פאַרוואָס זאָגט נישט די תורה בפירוש „היש בה אָדם כשר״? נאָר ווייזט אויס, אז דער פשט פון דער תורה איז טאַקע „עץ״ — א בוים, נאָר מען קען אויך דרשנ׳ען „עץ״ — אָ אָדם כשר. א באַוויז, אז די תורה מיינט טאַקע עץ א בוים, איז דער סוף פון פסוק „און איר זאָלט אייך שטאַרקן, און ברענגען פון די פרוכט פון לאַנד״. איר אָבער טוט פאַרקערט, איר מאַכט פון דרש אן עיקר און פון פשט א טפל. הייליקע ערטער, זאָגט אויך די נישט יידישע וועלט, אז אויך זיי האָבן דאָרט. פאַר אונדז יידן אָבער, איז דאָס גאַנצע לאַנד הייליק...

✶

ויקרא משה להושע בן נון יהושע — און משה האָט גערופן הושע דעם זון פון נון, יהושע.

אין א שטעטל האָט מען אַמאָל איבערגעבויט און פאַרגרעסערט די שול און די פלעצער (שטעט) וואָס זענען פריער געווען

אין מזרח וואנט, זענען איצט געווען אין מיטן פון דער שול. האָבן די מזרח-וואַנט בעלי־בתים, שטאַרק פּראָטעסטירט, סטייטש! זיי האָבן געקויפט „שטעט" אויבנאָן, און איצט שטייען זיי גאָר אין מיטן שול! — האָבן זיי גערופן די גבאים צו א דין תורה.

נאָך דעם ווי דער רב האָט אויסגעהערט די טענות, האָט ער זיי געענטפערט: דער מדרש זאָגט: ווען די „ה" פון יהושע'ס נאָמען איז געקומען פאַרן אויבערשטן מיט א טענה, אז פריער איז זי געווען דער ערשטער אות פון דעם נאָמען, און איצט איז זי גאָר דער צווייטער, האָט מען איר געענטפערט: עס איז טאַקע אמת, אז מען האָט צוגעגעבן צום נאָמען נאָך אן אות, אָבער די „ה" האָט מען פון אָרט נישט גערירט, און זי בלייבט אויפן זעלבן פּלאַץ ווי פריער. דער זעלבער פּסק איז אויך בנוגע אייך; פּירט אוים דער רב...

✶

וגם זבת חלב ודבש היא וזה פריה. — די מרגלים האָבן גע-זאָגט: „און עס פליסט אויך מיט מילך און האָניק, און דאָס איז איר פּרוכט.

איינגנטלעך האָבן דאָך די מרגלים אוסגערעכנט אויך די מעלות פון ארץ ישראל, זאָגנדיק אָפּן, אז אין לאַנד פליסט מילך און האָניק, טאָ פאַרוואָס איז זיי געקומען אזוי באַשטראָפט צו ווערן? — נאָר אין רעדן פון א מענטש און ווי אזוי ער ענטפערט, איז קענטיק די אמתע כוונה זיינע. ווען מען האָט גוטע כוונות רעכנט מען פריער אוים די חסרונות און דערביי פירט מען אוים: דאָך, פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק דערויף, פאַרמאָגט עס אָבער אויך אזעלכע און אזעלכע מעלות. דאקעגן ווען מען איז דורכגע-דרונגען מיט שלעכטע כוונות, הויבט מען פריער אָן ביי די מעלות און מען ענדיקט, אז טראָץ דעם אלעם, זענען אָבער פאַראַן אזעלכע און אזעלכע חסרונות, וועלכע שטייגן איבער די מעלות, און דער איינדרוק אויפן צוהערער בלייבט שטענדיק דער לעצטער אויספיר.

דאָס האָבן געטאָן די מרגלים, אָנגעהויבן האָבן זיי מיטן שילדערן די גוטע זייט: „מיר זענען געקומען אין דעם לאַנד וווהין דו האָסט אונדז געשיקט, ווו עס פליסט אויך מיט מילך און האָניק, און דאָס איז איר פּרוכט", אָבער — האָבן זיי זיך גלייך באַמיט אָפּצושוואכן דעם ערשטן איינדרוק, זאָגנדיק — וואָס קומט ארוים דערפון? — „אז שטאַרק איז דאָס פאָלק וואָס זיצט אין לאַנד". דערפאַר זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן...

✶

דער באַריכט פון די מרגלים האָט געמאַכט א שרעקלעכן

רושם אויף דעם פאָלק. און די גאַנצע געמיינדע האָט אויפגע-
הויבן א גרויסן יאָמער און געוויינט דורך דער נאַכט.

די גמרא (תענית כ"ט) זאָגט: אז נישט נאָר האָט דער דור־המדבר געליטן, פון דעם פאַראַט פון די מרגלים, נאָר אויך די שפּעטערדיקע דורות

די נאַכט וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין וויינען, איז געווען ערב תשעה־באָב, האָט ג—ט דאַן געזאָגט צו די יידן: „איר וויינט איצט אומזיסט, וועל איך דערפאר באַשטימען היינטיקע נאַכט פאר א שטענדיקן געוויין פאר אייך". אזוי איז טאַקע געשען ביידע בתי-מקדש, זענען חרוב געוואָרן אין ניינטן טאָג פון אָב...

מען דערציילט: נאַפּאָלעאָן איז אמאָל דורכגעפאָרן תשעה־באב דורך א יידיש שטעטל, פארבייגייענדיק א יידישע שול, געזען יידן זיצן אויף דער ערד, זאָגן קינות און וויינען. וואָס וויינען זיי? — פרעגט נאַפּאָלעאָן, מען האָט אים דערקלערט, אז דאָס וויינען די יידן אויף זייער לאַנד, וואָס איז צעשטערט געוואָרן מיט נאָנטע צוויי טויזנט יאָר צוריק. די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף אים א שטאַרקן איינדרוק געמאַכט און ער האָט געזאָגט: א פאָלק, וואָס טרויערט אויפן פארלוסט פון זיין לאַנד, קרוב צו 2 טויזנט יאָר, אזא פאָלק קען נישט אונטערגיין, אזא פאָלק מעג זיין זיכער, אז ענדלעך וועט זי איר לאַנד באַקומען צוריק...

קרח

ויקח קרח — לקח את עצמו. — קרח האָט געוואָלט אליין נעמען פאַר זיך גרויסקייט און פירערשאַפט. קרח, וועלכער איז געווען געבענטשט מיט אזוי פיל מעלות, זייענדיק אי א מיוחס, אי א גביר, אי א קלוגער מאַן, איז טאַקי אפשר געווען פּאַסיק צו זיין א מנהיג ביי יידן. דער חסרון איז אָבער געווען וואָס „לקח את עצמו" ער האָט נישט געוואַרט ביז מען וועט אים איינלאַדן צו פירערשאַפט, נאָר ער האָט עס אליין געוואָלט נעמען, און אַזעלכעם נעמט מען נישט אליין...

פונקט ווי יענער חסיד, וואָס האָט פאַרטרויט דעם רבי'ן, אַז שוין דריי נעכט נאָכאַנאַנד, ווי ער האָט גע'חלומ'ט, אַז די חסידים האָבן אים אויפגענומען אלס זייער רבי'ן. — זאָגט דער רבי — ווען די חסידים וואָלטן אזוי גע'חלומ'ט וועגן דיר, נישט דו, וואָלט שוין זיכער עפּעס געשען. אָבער ווען דו אליין חלומ'סט וועגן דעם, איז דאָס בלויז פּוסטע חלומות...

✶

קרח האָט דאָס אַלץ געטאָן אויס קנאה. ער האָט זיך מתקנא געווען, וואָס משה האָט באַשטימט אליצפן'ען פאַר א נשיא און נישט אים, און נישט אזוי פאַרוואָס נישט אים, נאָר פאַרוואָס אליצפן'ען יאָ.

עס איז פאַראַן א ילקוט, אין וועלכן עס ווערט דערציילט: אַ קאַרגער האָט באַהאַלטן טיף אין דער ערד א קרוג מיט גאָלדענע רענדלעך. אין א צייט אַרום, האָט ער, צו זיין גרויס אומגליק, דערזען, אַז גנבים האָבן אַרויסגע'גנב'עט די רענדלעך פון דעם קרוג, וועלכן זיי האָבן אָנגעפילט מיט שטיינער. ער האָט זיך ממש געריסן די האָר פון קאָפּ. האָט אים זיינער א פריינד געפּרוּווט טרייסטן: נאָכוואָס זאָלסטו זיך אזוי שטאַרק איבערנעמען? זינט איך קען דיר, האָסטו דאָך פון דיין רייכטום, אפילו איין מאָל נישט הנאה געהאַט, און דו האָסט אפילו נישט בדעה געהאַט נהנה צו זיין דערפון, טאָ וואָס אַרט עס דיך, אַז מען האָט עס צוגע־גנב'עט? — ענטפערט אים דער קאַרגער מיט א געוויין: מיר אליין איז טאַקי קיין אונטערשייד נישט, צי עס ליגן אין קרוג רענדלעך, אָדער שטיינער, איך האָב סיי ווי סיי דערפון קיין הנאה נישט געהאַט. אָבער מיין האַרץ טוט מיר וויי, וואָס איצט וועט דאָך אַן אַנדערער דערפון הנאה האָבן, און זיך פאַרשאַפן דערמיט פאַרגעניגן...

✶

וירדו הם וכ"ו חיים שאולה — און זיי, און אלץ וואס איז זייערס, האבן אראפגענידערט לעבעדיקערהייט, אין אונטערערד.

רבה בר בר חנה דערציילט (בבא בתרא ע"ד): ער איז אמאל געגאנגען אין מדבר. איז ער צוגעקומען צו א פלאץ, ווו עס זענען געווען צוויי שפאלטן אין דער ערד, פון וועלכע עס איז געגאנגען א רויך. אויף זיין פראגע: וואס פאר א פלאץ דאס איז? האט אים אן אראבישער סוחר געענטפערט, אז אין דעם ארט זענען די אמאליקע בני קרח איינגעזונקען געווארן און מען קאכט זיי דא לעבעדיקערהייט.

ווען רבה בר בר חנה האט זיך צוגעבויגן צו דער ערד, האט ער געהערט ווי די בני־קרח שרייען: „משה און זיין תורה זענען אמת און מיר זענען ליגנער". שטעלט זיך א פראגע: אויב זיי זענען אליין זיך מודה, אז זיי זענען ליגנער און משה מיט דער תורה איז אמת, טא פארוואס קומט זיי נאך אלץ די שטראף? — דער ענטפער איז: אז אפילו ליגנדיק אין דער ערד, האבן די בני־קרח אויך זייערע קריגערישע שפיצלעך. פונקט ווי די מעשה מיט יענעם יידן, וועלכן מען האט געבראכט צום רב פארן באַליידיקן ר' שמואל'ן דעם גבאי. האט דער רבי ארויסגעגעבן א פסק, אז דער ייד מוז דעם גבאי איבערבעטן.

האט דער ייד זיך אנגערופן צום גבאי בזה הלשון: ר' שמואל, איר זייט א פרומער ייד, א טייערער ייד, א גוטער ייד, און איך בין דער גרעסטער ליגנער אין דער וועלט, דאס הייסט, אז דאס וואס איך זאג איז א ליגן.

דאס זעלבע איז מיט די בני־קרח, זיי שרייען: „משה איז אמת, און זיין תורה איז אמת, און מיר זענען די גרעסטע ליגנער" ד"ה, אז דאס וואס זיי זאגן איז ליגן, דערפאר טאקי זענען זיי נאך אלץ אונטער דער ערד...

✶

מען זאגט רייך ווי קרח. אייגנטלעך, איז ער דאך געווארן איינגעזונגען מיטן געלט, טא פונוואנען ווייסט מען, אז ער איז רייך געווען? —

אממיינסטן יידישע גבירים, זענען נאר רייך ביים לעבן, גאנץ אפט האלט מען איינעם פאר א גרויסן עושר, מען שאצט זיין פארמעגן זייער גרויס צוליב זיין אויפפירונג אין גרויסן פארנעם. אבער אז ער שטארבט ווערט מען ערשט געוואר, אז באמת איז דער געשאצטער גביר, געווען גאר א קבצן.

קרח אבער, איז איינגעזונגען געווארן מיט זיין גאנצן פארמעגן, איז ער געבליבן ביי זיין נאמען, אז ער איז געווען רייך...

חקת־בלק

פּרה אדומה, איז איינע פון די מצוות אויף וועלכע עס איז נישטאָ קיין טעם, זאָגט רש״י: אז דעריבער שטייט „זאת חקת התורה״ — צו ווייזן, אז עס איז א געזעץ, א גזרה פון אויבערשטן, און דער מענטש האָט קיין רעכט נישט נאָכצוטראַכטן וועגן א טעם פאר דער דאָזיקער מצוה.

מען דערציילט: רבי יונתן אייבעשיץ, האָט געטראָפן א יונג־מאַן עסן טרפות. יענער האָט זיך אביסל פארשעמט און געזאָגט: רבי, איך בין מקיים בלויז די עטישע, מאָראַלישע מצוות, וועלכע איך קען פארשטיין מיטן שכל, אָבער נישט סתם אומפארשטענד־לעכע חוקים.

דערויף האָט אים רבי יונתן געענטפערט מיט א פּסוק אין תהילים: „ולרשע אָמר אלוקים״ — און צום רשע זאָגט ג—ט — „מה לך לספר חוקי״ וואָס דערציילסטו מיר געשיכטעס, אז דו ביזט בלויז א קעגנער פון חוקים? — „ואתה שנאת מוסר״ באמת האָסטו דאָך אויך פיינד די מאָראַל און עטיק — „ותשלך דברי אחריך״ — צוזאמען מיט די חוקים האָסטו אויך אלע איבעריקע זאכן אוועקגעוואָרפן, און נישטאָ אזא זינד, וואָס דו זאָלסט נישט גרייט זיין צו טאָן...

✶

זאת התורה אָדם וכ״ו — אתם קרוים אָדם וכ״ו — נאָר איר ווערט אָנגערופן אָדם. פארוואָס? —

זאָגט אויף דעם, הרב עמיאל: די מענטשלעכע געזעלשאפט באשטייט פון דריי קאטעגאָריעס: „איש״, „עבד״, „אָדם״. „איש״ הייסט א הערשער, א אָדון; „עבד״ איז אזעלכער, וואָס איז פאר־פליכטעט צו אנדערע; „אָדם״ באדייט אן איינפאכער מענטש, נישט קיין הערשער און נישט קיין קנעכט. די תורה רופט אָן דעם ערשטע מענטש „אָדם״ און נישט „איש״, ווייל ער איז נישט געווען משועבד צו אנדערע און אנדערע זענען נישט געווען פאר־פליכטעט צו אים. אין מיטלאַלטער האָבן עקזיסטירט ביי די פעל־קער פון דער וועלט, נאָר צוויי קאטעגאָריעס, אממיינסטן זענען געווען די פארקנעכטעטע, און א מינדערהייט טיראַנישע מושלים. די קאטעגאָריע פון „אָדם״ האָט זיך דעמאָלט געפונען נאָר ביי יידן...

✶

הנה עם יצא ממצרים וכ"ו — בלק זאָגט צו בלעם'ען: אָט איז א פאָלק ארויסגעגאַנגען פון מצרים, און פארדעקט דעם אָנבליק פון דער ערד.

די חז"ל זאָגן, אז בלעם איז געווען צווישן די ראטגעבער פון פרעה'ן, און ער האָט געגעבן די עצות, אז מען זאָל פייניקן די יידן, זיי נישט ארויסלאָזן פון מצרים און אז מ'זאָל זייערע קינדער דערטרינקען, כדי זיי זאָלן זיך נישט מערן.

האָט דעריבער בלק איצט גע'טענה'ט צו בלעם'ען: זע, פון דיינע דעמאָלסדיקע עצות איז גאָרנישט געוואָרן, זיי זענען יאָ ארויס פון מצרים און האָבן זיך אויך געשטארקט און געמערט. מוזט דו דעריבער איצט זיך אָנשטרענגען און אָוונענדן צו זיי א ניי מיטל פון שעלטן, און אזוי ארום זיי קענען בייקומען...

✶

מה טובו אהליך יעקב — ווי גוט זענען דיינע געצעלטן יעקב, דיינע וווינונגען ישראל.

די צוויי יידישע געצעלטן, די „היים" און די „שול" באשיצן דאָס יידישע פאָלק פון פרעמדע איינפלוסן און פארהיטן פון אונטערגאַנג. ביי קיין פאָלק אין דער וועלט איז די היים, דאָס פאַמיליע־לעבן, נישט אזוי ריין ווי ביי יידן. עס איז נישטאָ אזוי פיל פאמיליע־סקאַנדאַלן, ווי ביי נישט יידן. יידישע טאַטע־מאַמע ארבעטן שווער בכדי צו פארזאָרגן די קינדער. און וואָס די היים איז פאר דעם יידן אין זיין פריוואַטן לעבן, איז די שול פאר אים און זיין גייסטיקן זין. די שול איז דער צענטער פון דעם יידנס פרייד און לייד, פון „וויגל ביזן גריבל". ווערט ביי עלטערן א קינד געבוירן, גייט מען אין שול א „מי־שברך מאַכן, דערנאָך א בר־מצוה, א חתונה, אלץ אין שול. ווערט איינער אן אָבל ר"ל קומט ער אין שול און ווערט מיט ברידערלעכע ליבע געטרייסט. ווען איינער ווערט אַנטוישט, אָדער מיד פון זאָרג פאר פרנסה, געפינט ער אין לערנען אָדער אין תהילים זאָגן, א טרייסט.

אָט אין די צוויי געצעלטן האָט דער ייד שטענדיק זיין פעסטונג געפונען. די יידישע היים און די יידישע שול האָבן געזיכערט זיין עקזיסטענץ עקאָנאָמיש און גייסטיק.

אין די לענדער וווּ די צוויי פעסטונגען ווערן פארנאַכלעסיקט ווערט דאָס יידישקייט שוואַכער און שוואַכער...

✶

די חז"ל זאָגן (ירושלמי ברכות): בדין היה שהיו קוראים פרשת בלק ובלעם בכל יום, — לויטן דין וואָלט מען געדאַרפט לייענען די פרשה פון בלק און בלעם, יעדן טאָג, נאָר פארוואָס לייענט מען נישט, ווייל דאָס וואָלט געווען א צו גרויסע טרחה.

אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך די וויכטיקייט פון די דאָזיקע פּרשה? — ווייל זי וואָרנט אונדז נישט צו זיין איבערגעשראָקן און צו פיל פּעסימיסטיש פון גוי'אישע קללות, און אויך נישט צו זיין צופיל אָפּטימיסטיש פון גוי'אישע ברכות.

ג—ט זאָגט צו בלעם'ען „גם ברך לא תברכנו" דיינע ברכות זענען אזוי באַדייטונגלאָז פונקט ווי דיינע קללות.

אונדזער דור האָט דאָך געזען באַשיינפּערלעך, די ברכות פון די „גוטע בענטשנדיקע פריינד" פון לאָנדאָן און אפילו פון וואשינגטאָן. לייגט נישט דעריבער קיין צופיל אכט, נישט אויף רוסלאַנד'ס (מיט זייערע פארבינדעטע) קללות, און נישט אויף די פריינד'ס ברכות. נישט דאָס שעלטן פון די שונאים, וועלן חלילה, יידן חרוב מאַכן, און נישט דאָס בענטשן פון די פריינד וועלן מדינת ישראל אויפבויען...

פינחס

פינחס בן אלעזר וכ׳ו, והיתה לו ברית כהונת עולם — דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פינחס׳ן, אז זיין כהונה וועט אי־בערגיין פון דור צו דור אויף אייביק. אייגנטלעך איז דאך שוין לאנג צוגעזאגט געווארן, אז אלע קינדער און אפשטאמיקע פון אהרן זאלן כהנים זיין? — נאר ביז איצט איז פינחס געווען א כהן נאר דערפאר, ווייל ער איז געווען א זון פון אלעזר און אן אייניקל פון אהרן. אבער פון איצט אן, באקומט ער די כהונה נישט אלס ירושה, ווייל ער איז „בן אלעזר", נאר „תחת אשר קנא לאלקיו", אלס פארדינסט פאר זיינע אייגענע מעשים.

מען דערציילט: ווי איינער א פראסטער מענטש, וועלכער האט געשטאמט פון גרויסן יחוס, האט פארגעווארפן א געוויסן געלערנטן, אז ער שטאמט פון איינפאכע עלטערן און ער האט הינטער זיך קיין שום יחוס נישט. האט איב דער געלערנטער גע־ענטפערט: טאקע אמת, איך בין דער אנהויב פון מיין יחוס, אבער דו — דער סוף... איך בין דער שטאלץ פון מיינע עלטערן און דעם כבוד פון מיינע קינדער, דו דאקעגן, ביסטו די חרפה פון דיינע עלטערן און די שאנדע פון דיינע קינדער...

✶

הנני נותן לו את בריתי שלום — איך גיב אים מיין בונד פון שלום.

די מתנה פון „שלום" וואס איז געגעבן געווארן צו פינחס׳ן איז פון גרויס באדייטונג.

שלום איז איינע פון די דריי זיילן וואס האלט אויף די וועלט. דאס לעצטעווארט פון „ברכת כהנים" איז שלום. דער מדרש זאגט: אז דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די תורה צו די יידן באלד נאכדעם ווי זיי זענען ארויס פון מצרים, נאר ווייל זיי האבן געפירט מחלוקת צווישן זיך, האבן זיי נאך נישט גע־קענט נעמען די תורה. נאר ווען זיי זענען געקומען קיין „רפי־דים" און האבן שלום געמאכט צווישן זיך, ווי עס שטייט „ויחן" — לשון יחיד — זיי זענען געווארן ווי איינס, פאראייניקט, דאן האט דער אויבערשטער געזאגט: די תורה איז אינגאנצן „שלום", ווי ס׳שטייט „וכל נתיבותיה שלום", און אלע אירע שטעגן זענען שלום. וועל איך זי געבן צו דעם פאלק וואס האט ליב שלום...

„את בריתי שלום". די „ואו" פון ווארט „שלום" איז אפ־געהאקט און זעט אויס ווי א „יוד" פארוואס? — דריי הונדערט און אכציק כהנים גדולים זענען ארויסגעקומען פון פינחס׳ן.

ביים ערשטן בית-המקדש זענען געווען אכציק און ביים צווייטן בית-המקדש — דריי הונדערט, וועלכע האָבן געשטאַמט פון פּינחס'ן. איז דאָס די אָנווייזונג וואָס די „וואָו" פון „שלום" איז אָפּגעהאַקט און זעט אויס ווי א „יוד", אזוי ארום באַטרעפט דאָס וואָרט „שלים" דריי הונדערט און אכציק...

די חז"ל זאָגן: (ברכות נ"ו) הרואה קדרה בחלום וכ"ו — אז מען זעט אין חלום א טאָפּ, זאָל ער אויפשטיין און זאָגן: „ג—ט באַשער אונדז שלום". וואָס פאַרא שייכות האָט א טאָפּ צו שלום? — ווייל דער טאָפּ איז דער גרעסטער רודף שלום. דער טאָפּ מאַכט שלום צווישן די צוויי שטאַרקסטע און שאַרפסטע קעגנער צווישן פייער און וואַסער...

*

יפקד ד' וכ'ו איש על העדה — זאָל ג—ט ארויפזעצן א מאַן איבער דער עדה. אייגנטלעך, נאָך וואָס האָט משה רבנו גע-דאַרפט בעטן ביי ג—ט צו נאָמינירן א פירער נאָך זיין טויט? האָט ער דען נישט פאַרשטאַנען, אז דער אויבערשטער וועט נישט לאָזן זיין פאָלק ישראל אויף הפקר אָן א מנהיג? —

נאָר ווען משה האָט דערזען די גרויסע פּאָפּולאַריטעט וואָס פּינחס האָט באַקומען ביים פאָלק, האָט ער גאָר איינפאַך מורא געהאַט, טאָמער וועט ער אויך אויסגעוויילט ווערן אלס מנהיג, און משה'ן איז נישט געפעלן געוואָרן, אז ביי יידן זאָל זיין א פירער אזא קנאי. א מנהיג דאַרף זיין ווי רש"י כאַראַקטערי-זירט: „שהיה סובל כל אחד ואחד" ער זאָל קענען זיך איינהאַלטן און ארויסגעוויזן מער מילדקייט און נישט ארויסשפּרינגען גלייך מיט קנאות. דעריבער טויג נישט פּינחס...

אשר יצא לפניהם, ואשר יבא לפניהם — וואָס זאָל ארויס-גיין פאַר זיי און וואָס זאָל אריינקומען פאַר זיי. משה האָט געבעטן צו באַשטימען א פירער, וואָס זאָל זיין אַנדערש פון די פירער וואָס די אַנדערע פעלקער האָבן.

די מנהיגים פון אַנדערע פעלקער שיקן זייערע ארמייען אויף די שלאַכטפעלדער, בעת זיי אליין זיצן אין דער היים און פאַר-ברענגען זיך גאַנץ פיין.

משה האָט געוואָלט פירער, וואָס ווען מען דאַרף איינשטעלן דאָס לעבן פאַרן פאָלק און לאַנד, זאָלן זיי גרייט זיין דאָס צו טאָן, פּונקט ווי זיי פאָדערן דאָס פון אַנדערע...

הרב עמיאל, האָט געזאָגט: דער ריכטיקער מנהיג דאַרף גיין פאָראויס דעם פאָלק, נישט נאָכשלעפּן זיך נאָך זיי. ער דאַרף זיי אויפהויבן צו זיך, נישט זיך אראָפּלאָזן און נאָכגעבן דאָס וואָס זיי ווילן — אשר יצא לפניהם, ואשר יבא לפניהם — ער זאָל גיין פאָראויס און פירן דאָס פאָלק נאָך זיך, אָבער נישט ער זאָל זיך אויסדרייען און זען, וואָס דאָס פאָלק פאַרלאַנגט און נאָכגעבן זיי...

מטות־מסעי

וידבר משה אל ראשי המטות, לבני ישראל לאמר זה הדבר אשר צוה ד׳. משה רבינו האָט געזאָגט צו די יידן ווענגן די „ראשי המטות״ די גייסטיקע פירער, אַז די בני-ישראל זאָלן וויסן ווי אַזוי צו שעצן די ווערטער פון זייערע מנהיגים, ווייל דאָס וואָס זיי, די „ראשי המטות״ זאָגן — זה הדבר אשר צוה ד׳ — זענען עס די ווערטער פון אויבערשטן.

צו רבי יאשע בער פון בריסק, זענען אַמאָל געקומען איי־ניקע אַנגעזעענע משכילים, און אָנגעהויבן צו דיסקוטירן מיט אים, ווענגן דער נויטיקייט צו פאַרלייכטערן אַ ביסל דאָס יידיש-קייט און אָפּשאַפן פאַרשידענע חומרות וועלכע פאַרשווערן דאָס לעבן.

אויף דעם האָט זיי רבי יאשע בער געענטפערט, אַז אויך ער טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום מיט דעם געדאַנק, און אין זיינע כתב־ידן, באַמיט ער זיך מקיל צו זיין, אין אַ גאַנצע רייע דינים און הלכות. די משכילים זענען פון דעם אומדערוואַרטעטן ענט־פער שטאַרק איבעראַשט און דערפרייט געוואָרן, און זיי האָבן דערביי אים געבעטן צו זיין אַזוי פריינדלעך און זיי באַקענען באַטש מיט אַ טייל פון די דאָזיקע התרים, וואָס ער האָט אין געדאַנק דורכצופירן.

— איך וועל אייך געבן אייניקעביישפּילן — זאָגט צו זיי רבי יאשע בער:

1) עס זענען פאַראַן אייניקע פּוסקים, וועלכע זענען מחמיר, אַז מעריב מעג מען דאַווענען נאָר ביז האַלבע נאַכט, און איך האָב באַשלאָסן מקיל צו זיין, אַז מען זאָל מעגן דאַווענען אַ גאַנצע נאַכט...

2) פאַראַן אַ חומרא, אַז אויב מען פאַרגעסט איין נאַכט צו ציילן ספירה, טאָר מען שוין אין די ווייטערע נעכט נישט ציילן קיין ספירה מיט אַ ברכה; איך האַלט, אַז דאָס איז אַ צו שווערע גזירה, און מ׳דאַרף מתיר מאַכן, אַז מען זאָל יאָ מעגן ציילן מיט אַ ברכה...

3) טייל זענען מחמיר, אַז מען טאָר נישט לערנען ערב תשעה־באב, אפילו ווען דער דאָזיקער טאָג פאַלט אויס שבת; האָב איך זיך באַמיט מתיר צו מאַכן, אַז אויב ערב תשעה-באב פאַלט אויס אום שבת, זאָל מען אין דאָזיקן טאָג יאָ מעגן לערנען...

✶

אלה מסעי בני ישראל. דאָס זענען די ציאונגען פון די קינדער פון ישראל. אין דער סדרה זענען אויסגערעכנט נעמען פון צוויי-און-פערציק ערטער, ווו יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט דורך די פערציק יאָר וואַנדערן אין מדבר.

— אייגנטלעך צו וואָס דאַרף דאָס די תורה אויסרעכענען? — זאָגט אויף דעם דער רמב"ם (אין זיין ספר מורה נבוכים): אין די שפּעטערדיקע דורות, קענען זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן זיך באַמיען אָפּצולייקענען די ניסים. זיי וועלן אַרגומענטירן, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז פערציק יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די יידן געקענט אויסהאַלטן אין אַ וויסטן מדבר אָן עסן און טרינקען, נאָר זיך דערנערן בלויז פון מן, וואָס איז געפאַלן פון הימל, און פון וואַסער פון מרים'ס ברונעם. נאָר וואַרשיינלעך האָבן זיי זיך שטענדיק אייגנגעאָרדנט אין אַזעלכע פּלעצער וואָס האָבן זיך געפונען נעבן אַ ישוב, און זיי פלעגן קויפן עסנוואַרג פון די דאָרטיקע איינוווינער.

דערפאַר האָט די תורה געפונען פאַר נויטיק אויסצורעכע־נען אַלע ערטער, כדי די צוקונפטיקע גענעראַציעס זאָלן זיך קענען איבערצייגן, אַז אָט די דאָזיקע ערטער זענען נאָך, ביז היינט, וויסטעניש און ווייט פון ישובים, און אויפן נאַטיר־לעכן אופן איז אוממעגלעך, אַז אַ פאָלק זאָל זיך קענען דאָרט אויפהאַלטן אַ לענגערע צייט. און לויט ווי מיר ווייסן, האָבן זיי זיך יאָ אויפגעהאַלטן דאָרט גאַנצע פערציק יאָר, איז דאָך נישט אַנדערש, נאָר אַז זיי זענען געשפּייזט געוואָרן דורך ניסים...

✶

די טעג פון שבעה-עשר בתמוז ביז תשעה-באב, ווערן באַ־טראַכט אַלס דריי וואָכן פון אבילות צוליב די חורבנות אין ירושלים. די חז"ל זאָגן: (בבא-מציעא ל') לא חרבה ירושלים וכ"ו ולא עבדו לפנים משורת הדין. ירושלים איז חרוב געוואָרן, ווייל זיי האָבן געטאָן נאָר ווי דער דין איז, און נישט געטאָן מער ווי דער דין איז.

אין ספר „קורות ירושלים" ווערט דערציילט: אַז אויף דעם אָרט, ווו עס איז געבויט ירושלים, איז געווען אַ פעלד וואָס האָט געהערט צו זייער אַ פרומען מאַן וואָס האָט געהייסן שמיר. ער האָט געהאַט צוויי זין; דער עלטערער מיטן נאָמען גבר, האָט געהאַט אַ פרוי מיט דריי טעכטער, און דער ייִנגערער האָט גע־הייסן חבב, און נאָך אַ בחור געווען. ביידע זין, גרויסע צדיקים, און האָבן אָפּגעגעבן גרויס כבוד די עלטערן און ג—ט האָט געשיקט זיין ברכה אין די וווקסן פון פעלד.

ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן, האָבן די ברידער זיך צע־טיילט מיט דער ירושה. און דאָס יאָר איז די ברכה אַזוי גרויס

געווען, אז זיי האָבן אראָפּגענומען פון פעלד הונדערט מאָל אזוי פיל, וויפיל זיי האָבן זיך געריכט אראָפּצונעמען.

דאָ, האָט דער יינגערער ברודער ביי זיך געטראַכט, איך בין דאָך נאָר איין מענטש אַליין, נאָך וואָס דאַרף איך אזוי פיל תבואה, איך וועל בעסער אַ העלפט דערפון אוועקגעבן מיין ברו-דער, ער איז דאָך מיט אַ פאַמיליע, דאַרף ער מער ווי איך. אָבער וויסנדיק אז דער ברודער וועט קיין מתנות נישט נעמען, האָט ער אַלע נעכט שטילערהייט איבערגעטראָגן בינטלעך תבואה פון זיין פעלד צום ברודערס פעלד.

זיין ברודער האָט אָבער פאַרקערט געטראַכט: איך האָב אַ פרוי מיט קינדער וואָס קענען מיר העלפן. אָבער מיין ברודער איז נאָך אַליין, און איך מוז אים העלפן. איך האָב אַזוי פיל תבואה וועל איך אים אַ העלפט אוועקגעבן. ער האָט אָבער גע-ווּסט, אַז זיין ברודער וועט קיין מתנות נישט נעמען, האָט ער אויך, אַלע נעכט איבערגעטראָגן תבואה פון זיין פעלד צום ברו-דער'ס.

אזוי האָט געדויערט פיל נעכט און ביידע ברידער האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די צאָל פון זייערע תבואות ווערט נישט פאַרקלענערט. ביז אין איין ליכטיקער נאַכט האָבן זיך ביידע ברידער באַגעגנט אין מיטן וועג מיט זייער תבואה אויף די אַקסלען, צו ערשט זיך פאַרשעמט דערנאָך געקושט איינער דעם צווייטן און געוויינט. די פעלדער ווו דאָס האָט פּאַסירט האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „ירושת-שלום״ — אַ פריד-לעכע ירושה.

האָט ג—ט געזאָגט צו די מלאכים: זעט ווי דער מענטש לעבט מיט פרידן און ליבע, מער ווי דער דין איז. דערפאַר וויל איך מיין וווינונג מאַכן אויף דעם אָרט, און דער נאָמען פון דער שטאָט וועט זיין ירושלים (ירושת-שלום)...

פינפטער טייל

דברים

דברים (חזון)

אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל — דאָס זענען די ווערטער וואָס משה האָט גערעדט צו אַלע יידן. —

איז דען מעגלעך צו רעדן, צו אַזוי פיל מענטשן מיטאַמאָל? — נאָר, לויט ווי די חז״ל זאָגן: זענען די אַלע רייד געווען „דברי תוכחות״ שטראָף-רייד, און די תורה וויל אונדז דאָ ווייזן משה רבינו׳ס גאַנג בנוגע שטראָפן יענעם. מען שטראָפט נישט קיין יחיד, ווייל ער קען פאַרשעמט ווערן. מען דאַרף רעדן צום כלל — אַזוי אַז דער יחיד זאָל זיך שוין אַליין מערקן.

איינער פון די שטרענגסטע מגידים איז געווען רבי יהודה סאַטמאַרער, ער פלעגט זייער שטאַרק מוסר׳ן דעם עולם. איינמאָל האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה אין וועלכער ער האָט געגאָסן ממש פעך און שוועבל אויף די צוהערער. אין מיטן דער דרשה שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט צום עולם: — מיינט נישט רבותי, אַז איך זאָג דאָס אַלץ פאַר אייך. אין דער אמת׳ן מיין איך דערמיט זיך אַליין, נאָר אַזוי ווי איך ווייס, אַז איר זענט נישט בעסער פאַר מיר, זאָג איך דאָס אביסל העכער, כדי איר זאָלט דאָס אויך הערן...

דער בעל־שם-טוב פלעגט שטאַרק מקפיד זיין אויף די מגידים וואָס פלעגן אין זייערע דרשות האַלטן אין איין אויסרעכענען די זינד פון די יידן און מוסר׳ן זיי מיט די האַרבסטע רייד. איינמאָל האָט ער געטראָפן אַזאַ מגיד, און אים געפרעגט: — „זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קען דאָס אַ ייד ביי זיך פועל׳ן, זיך אוועקצושטעלן אין אַ שול און רעדן לשון-הרע אויף יידן. ווייסט איר, אַז ווען אַ ייד לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג זוכן פרנסה פאַר זיין ווייב און קינדער, און אַז עס קומט פאַרנאַכט טוט ער זיך אַ כאַפּ „אוי כ׳וועל פאַרשפּעטיקן מנחה דאַווענען״ און ער שטעלט זיך אַוועק דאַווענען מנחה, צי ער ווייסט יאָ וואָס ער דאַוונט, צי ער ווייסט ניט, ציטערן דאָך דאַן אַלע מלאכים?...

✶

ד׳ אלקיכם וכ״ו - ככוכבי השמים לרוב — ג—ט האָט אייך געמערט און אָט זייט איר אזוי ווי די שטערן פון הימל אין פילקייט.

יידן ווערן געגליכן, אין דער תורה, צו די שטערן, טיילמאָל צו זאמד וואָס אויפן ברעג פון ים (בראשית כ״ב), און טיילמאָל צו די שטויב פון דער ערד — כעפר הארץ (בראשית י״ג).

יעדער פון די דאָזיקע פארגלייכן באַציט זיך אויף אַן אנדער צייט. דאָס פארגלייכן די יידן צו די שטערן באַציט זיך אויף יענער גלאַנץ עפּאָכע, אין די צייטן פון דוד און שלמה, ווען יידן האָבן זיך געפונען אויף דער העכסטער שטופע פון גליק און צופרידנהייט. ווי די שטערן האָבן זיי דאַן געפינקלט אין דער וועלט מיט זייער דערהויבנקייט. שפּעטער ווען זיי זענען געוואָרן ארומגערינגלט מיט שונאים, זייענדיק געצוואונגען צו פירן אומ־אויפהערלעך מלחמות, זענען זיי געוואָרן געגליכן „כחול אשר על שפת הים״, צום זאמד וואָס אויפן ברעג פון ים, וועלכע די צאָרנדיקע כוואַליעס ווילן אָפּשווענקן און קענען זיי נישט בייקומען.

נאָך שפּעטער, ווען די יידן זענען פארטריבן געוואָרן אין גלות, און געווען צוזייט און צושפּרייט צווישן די פעלקער, זענען זיי געגליכן „כעפר הארץ״ צו די שטויב פון דער ערד. צו דער סאַמע נידעריקסטער מדרגה, צו די שטויב אויף וועלכער אלע טרעטן מיט די פיס. וועגן דער דאָזיקער צייט ווערט געזאָגט — התנערי מעפר קומי...

✶

היינטיקער שבת ווערט פארעכנט אלס דער טרויעריקסטער אין יאָר. מען הערט נישט די פריילעכע ניגונים, וועלכע ווערן געזונגען יעדן שבת. אויף יעדן יידישן געזיכט איז פארצויגן א וואָלקן פון זאָרג. דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווייל מיר ריכטן אָפּ די ניין טרויער טעג, און ווייל מיר לייענען היינט די שטראָף־רייד פון ישעיהו־הנביא, וועלכע הויבן זיך אָן מיט די ווערטער „חזון ישעיהו״, דעריבער טראָגט דער היינטיקער שבת דעם נאָמען — שבת חזון.

דאָס וואָרט „חזון״ איז א צונויפשטעל פון צוויי קעגנזייטיקע ווערטער און באגריפן, חז — ון. דאָס ערשטע האלבע וואָרט „חז״

באַדייט „חצי זועם" א העלפט צאָרן, און דאָס צווייטע העלבע וואָרט „ונ" — באַדייט „וחצי נחמה" און א העלפט טרייסט.

די חז"ל זאָגן: אין תשעה-באב איז געבוירן געוואָרן משיח, זיין נאָמען איז „מנחם", און צו דער באַשטימטער צייט וועט ער קומען און אויפריכטן דאָס יידישן פאָלק. נאָר דאָס יידישע פאָלק האָט געקענט אין דער מינוט פון צער און צאָרן, געפינען א טרייסט אין דער ווייטער צוקונפט, ער גלויבט און האָפט מיטן פולסטן בטחון, אז די שלעכטע צייט וועט אריבער און בעסערע צייטן וועלן קומען. דאָס איז דער יידישער אָפּטימיזם, וואָס פאַר-לאָזט נישט דעם באַוווסטזיניקן ייד אפילו תשעה-באב. „מנחם" טרייסט — איז אין דעם טאָג געבוירן געוואָרן און „מנחם" וועט אים צוריק פירן אהיים...

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, פלעגט יעדן ערב-תשעה-באב שטיין א גאנצן טאָג ביים פענסטער און ווארטן און אויסקוקן אפשר גייט משיח. ערשט ווען עס איז צוגעפאלן די נאכט און די טריט פון משיח'ן האָבן זיך נישט געהערט, איז ער טרויעריק אוועק אין שול, אוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד, און גענומען זאָגן „איכה" מיטן טראדיציאָנעלן טרויעריקן ניגון...

ואתחנן (נחמו)

ואתחנן אל ד' וכ"ו — און איך האָב געבעטן צו ג—ט אין יענער צייט.

דער בעל־שם-טוב זאָגט: אז תפילה, ווי אזוי צו בעטן ביים אויבערשטן, דארף מען זיך לערנען פון משה רבינו. ווער איז דען גרעסער פון משה'ן? פונדעסטוועגן, אז ג—ט האָט אים געזאָגט „כי לא תעבור את הירדן הזה" — דו וועסט נישט אדורכגיין דעם ירדן, האָט ער אזוי אונטערטעניק אויסגעשפרייט זיינע הענט פארן אויבערשטן, און געבעטן נישט אין זכות פון זיינע גוטע מאַטן, נאָר א געשאַנק א מתנת חנם. טאָ, ווי איז שוין מיט אונדז, ווען מיר קומען מיט ליידיקע הענט פארן רבש"ע, דארפן מיר דאָך ווי קליינע קינדער בעטן ביים אויבערשטן בלויז, עשה למען שמך הגדול...

אין מדרש ווערט געבראכט, אז משה האָט אויך געבעטן, אז אויב ער קען נישט אריין קיין ארץ ישראל ביים לעבן, זאָל מען אים כאָטש נאָכן טויט אריינברענגען, אזוי ווי ער האָט אריינגעבראכט די „עצמות יוסף" יוסף'ס ביינער. דערויף האָט אים ג—ט געענטפערט: יוסף האָט מודה געווען אין זיין לאַנד, און זיין שטאַם נישט פארלייקנט. ווען פוטיפר'ס ווייב האָט וועגן אים געזאָגט „הביא לנו איש עברי" — מען האָט געבראכט צו אונדז א יידן — האָט ער גארנישט געלייקנט און ער האָט עפנט־לעך דערקלערט „כי גנב גנבתי מארץ העברים" — איך בין גע-וואָרן גע'גנב'עט פון יידישן לאַנד. אָבער דו משה, האָסט אין דיין לאַנד נישט מודה געווען און דיין שטאַם באהאלטן, ווען יתרו'ס טעכטער האָבן געזאָגט וועגן דיר צו זייער פאָטער „איש מצרי הצילנו" — אן עגיפּטער האָט אונדז געראַטעוועט, האָסטו געהערט און געשוויגן. דעריבער קענסטו נישט נקבר ווערן אין ארץ ישראל.

אפילו אין גלות, מוז א ייד זיין צוגעבונדן צו זיין פאָלק און לאַנד און דערמיט שטאָלצירן...

✶

לא תוסיפו על הדבר וכ"ו — איר זאָלט נישט צולייגן צו דעם וואָרט וואָס איך געבאָט אייך, און איר זאָלט נישט מינערן דערפון.

דער דובנער מגיד דערקלערט דאָס מיט א משל: איינער

קומט אריין צו זיין שכן באַרגן א גלאָז. צומאָרגנס ברענגט ער אים אָפּ צוויי. „איך האָב דאָך אייך געבאָרגט נאָר איין גלאָז?"—וווּנדערט זיך דער שכן—„אייער גלאָז" — ענטפערט יענער — „איז געווען טראָגעדיק און האָט ביי מיר געבוירן א צווייט גלאָז"... זעט דער שכן, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט א נישט נאָרמאַלן, און נעמט צו ביי אים ביידע גלעזער. צומאָרגנס קומט ער אריין צו אים באָרגן א לעפל, און ווידער ברענגט ער אים אָפּ צוויי.

אין עטלעכע טעג ארום קומט ער ווידער אריין בעטן ער זאָל אים באָרגן די זילבערנע לייכטער, ווייל ער האָט עפּעס א שמחה. איצט, טראַכט דער שכן, וועט דער משוגענער באשטימט אָפּברענגען צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער, און ער האָט אים מיט פארגעניגן געליען די לייכטער.

גייען, אָבער, אריבער עטלעכע טעג און מען זעט בכלל נישט דעם יידן, מיט די לייכטער. קומט דער שכן צו אים און פרעגט: ווו זענען מיינע לייכטער? „אייערע לייכטער" — ענטפערט ער אים געלאַסן — „זענען נישט פאר קיינעם געדאכט געשטאָרבן" — משוגענער איינער — שרייט דער שכן — ווי איז דאָס מעגלעך, אז לייכטער זאָלן שטאַרבן? — אויב עס איז ביי דיר רעכט געווען — ענטפערט אים יענער — אז גלעזער זאָלן געבוירן אנדערע גלעזער, און איר האָט זיי מיט פארגעניגן צוגענומען, קען דאָך אויך מעגלעך זיין, אז לייכטער זאָלן שטאַרבן...

דאָס זעלבע איז אויך דאָ, אויב איר וועט נישט אָפּהיטן דעם „לא תוסיפו", נאָר איר וועט אָנהויבן צוגעבן מצוות, קענט איר אויך לייכט עובר זיין אויף „לא תגרעו" — איר זאָלט נישט מינערן. וואָרום אויב מצוות קענען זיך מערן, קען אויך געמאָלט זיין, אז אנדערע זאָלן ביי אייך אָפּשטאַרבן...

✶

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם. — די חז"ל זאָגן: דעריבער איז דער טאָפּלטער אויסדרוק „נחמו נחמו", ווייל „ומתנחמים בכפלים" מיר וועלן צוויי מאָל געטרייסט ווערן. איינמאָל ווען דאָס יידישע פאָלק וועט דערלעבן די אויפלעבונג פון אונדזער לאַנד „מדינת ישראל" און די צווייטע טרייסט איז, „נחמו עמי" וואָס מיר זענען נישט אָפּהענגיק פון קיינעם, אונדזער לאַנד האָבן מיר נישט באקומען פון די אומות־העולם אלס א קאָמפּענסאציע פאר די רשעות וואָס איז געטאָן געוואָרן צו אונדז, נאָר „עמי — יאמר אלקיכם" פון ג—ט אליין צו זיין פאָלק. אונדזער אייביקער בונד מיט ג—ט, גיט אונדז די גאראנטיע צו אונדזער אייביקער עקזיסטענץ...

נחמו עמי יאמר אלקיכם — טרייסט זיך מיין פאָלק, זאָגט צו אייך אייער ג—ט. די ריכטיקע טרייסט קענען מיר יידן האָבן

נאָר ווען „עמי" און „אלקיכם" גייען צוזאמען. קוים אָבער טיילן מיר זיי פונאנדער, אזוי גייען ארום נאָר האלבע יידן, וועלכע זוכן און בענקען און ווייסן נישט נאָך וואָס.

דער מדרש דערציילט: ווי איינער איז געגאנגען אין פעלד און האָט דערזען א ברענעדיקע קויל, האָט ער געמיינט, אז דאָס איז א דימענט וואָס לייכט. ווען ער האָט דאָס גענומען אין האנט האָט ער פארברענט זיינע פינגער. אין א צייט ארום איז ער ווידער געגאנגען אין פעלד און האָט דערזען ווי עס ליגט א ריכטיקער דימענט, האָט ער מורא געהאט דאָס אָנצורירן, טאָמער וועט ער זיינע הענט פארברענען.

אָט אזוי איז מיט אונדזער יוגנט, זיי ווייסן, נעבעך נישט דעם אונטערשייד פון דימענטן און קוילן. זיי מיינען, אז אין אונדזער גייסטיקן פעלד געפינט זיך בלויז פאנאטיזם, שווארצע קוילן וואָס ברענען.

זיי ווייסן נישט, אז אונדזער תורה איז געווען די ערשטע וואָס האָט געגעבן דער וועלט נייע אידעען, נייע באגריפן, פאר דער מענטשהייט בכלל...

עקב

עקב תשמעון את המשפטים האלה — דערפאר וואָס איר וועט צוהערן די דאָזיקע געזעצן, ושמרתם ועשיתם אותם — און איר וועט זיך אָפּהיטן פון וואָס מען טאָר נישט טאָן (לא תעשה) און איר וועט טאָן, וואָס איר זענט געבאָטן צו טאָן (מצוות־עשה).

די חז"ל טיילן איין די מצות און עבירות אויף צוויי הויפּט־טיילן. 1) בין אדם למקום — פליכטן פון מענטש צו ג—ט. 2) בין אדם לחברו — פליכטן פון מענטש צו מענטש.

מצוות ווי: תפילין, ציצית, שבת א.ד.ג. — זענען פליכטן וואָס דער מענטש האָט צו ג—ט. פאר זיינע פריינד ברענגט דאָס ווייניק נוצן. אָבער אזעלכע מצוות ווי: צדקה, גמילות־חסדים, גאַסטפריינדלעכקייט א.ד.ג. זענען פליכטן וואָס דער מענטש האָט צו זיינע פריינד און צו דער געזעלשאַפט.

דאָס גלייכן איז אויך בנוגע זינד. אזעלכע עבירות ווי עסן טרפות, אָדער חלול-שבת, זענען בלויז זינד קעגן ג—ט. זיינע מיטמענטשן טוט ער דערמיט קיין שאָדן נישט. דאקעגן אָבער גנבה, גזלה, שווינדל א.ד.ג. דאָס זענען שוין עבירות וואָס פאר־אורזאכן שאָדן אַנדערע, און גראָבן אונטער די געזעלשאַפט.

די זינד קעגן מענטשן, זענען שווערער ווי די זינד קעגן ג-ט, ווייל ווען ער טוט שלעכטס צו זיינע מיט-מענטשן, באַגייט ער דערמיט א טאָפּלטע זינד: קעגן מענטשן, און קעגן ג—ט...

עס איז פאראן א פאָלקס לעגענדע: איינעם א מענטש מיטן נאָמען — אַבו, האָט זיך אמאָל גע'חלומ'ט א וואונדערלעכער חלום: ער האָט געזען ביי זיך אין צימער, א מלאך מיט א גאָל־דענעם בוך, און ער האָט געשריבן.

„וואָס שרייבסטו?" — האָט אַבו אים געפרעגט. — איך שרייב אריין די נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן ליב ג—ט — האָט דער מלאך מיט א שמייכל געענטפערט.

„איז מיין נאָמען דאָ צווישן זיי?" — האָט אבו געפרעגט. — ניין, דיין נאָמען איז נישטאָ — האָט געענטפערט דער מלאָך.

אַבו האָט זיך גאָרנישט פארלוירן און ער האָט מוטיק גע-זאָגט: „אויב אזוי, בעט איך דיך, פארשרייב מיך ווי איינעם וואָס האָט ליב זיינע מיטמענטשן". דער מלאך האָט אריינגעשריבן זיין נאָמען, און איז פארשוואונדן.

די אנדערע נאַכט איז דער מלאָך ווידער געקומען און ער האָט געוויזן די נעמען, וועמען ג—ט האָט געבענטשט מיט זיין

ליבשאפט. און וואונדערלעך, אבו'ס נאמען איז דארט געשטאנען דער ערשטער אויבנאן...

✶

וקשרתם אותם לאות על ידכם, והיו לטוטפות בין עיניכם — און איר זאלט זיי אנבינדן פאר א צייכן אויף אייער האנט, און זיי זאלן זיין פאר א שטערנבאנד צווישן אייערע אויגן (תפילין).

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, האט איינמאל באמערקט אין בית-המדרש ווי ביי א פשוט'ן ייד זענען אראפגעפאלן די „תפילין". שנעל האט דער ייד אויפגעהויבן די תפילין און זיי גע־קושט. האט ר' לוי יצחק, זעענדיק די האנדלונג פון דעם פשוט'ן ייד, אזוי געטהנה'ט צו ג—ט: רבש"ע! פארוואס פירסטו זיך נישט אזוי ווי אט דער פראסטער ייד. דו טראגסט דאך אויך תפילין (ברכות ו'), אין דיינע תפילין שטייט געשריבן „ומי כעמך ישראל" — ווער איז נאך ווי דיין פאלק ישראל — זענען דאך די יידן דיינע תפילין... אזוי פיל יארן האסטו זיי ארונטער־געלאזט אויף דער ערד, אזוי טיף דערנידעריקט, צו שאנד און צו שפאט זיי געמאכט. דו זעסט נישט ווי מען טרעט אויף זיי, מען פארשעמט דיינע תפילין, און דו הויבסט זיי נישט אויף. פאר־וואס טוסטו נישט מיט דיין פאלק ישראל, ווי אט דער פראסטער ייד האט געטאן מיט זיינע תפילין...

✶

וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך — די חז"ל דערציילן: (ירושלמי פאה) ווי איינער א גרויסער פרינץ מיטן נאמען ארטבן, האט געשיקט צו רבי יהודה הנשיא, א טייערן פערל, וואס איז געווען כמעט אוממעגלעך אפצושאצן זיין גרויסן ווערט, און דורך דעם זעלבן שליח האט ער אנגעזאגט צום נשיא: — שיק מיר אויך א שיינע מתנה, וואס זאל האבן אן ענלעכן ווערט. נעמט רבי יהודה און שיקט אים אריין א מזוזה.

קומט אן פון ארטבן אן אנפראגע: — איך קען נישט פאר־שטיין וואס דו מיינסט? איך האב דיר געשיקט אן אויסערגע־וויינלעכע זאך, אזעלכעס וואס מ'קען אפילו פאר פיל געלט נישט באקומען, און דו שיקסט מיר דערפאר א מזוזה, וואס איז ווערט א קלייניקייט!

דערויף האט אים רבי יהודה געענטפערט: —

דיין פארמעגן צוזאמען מיט מיין פארמעגן, קען מען נאך נישט פארגלייכן מיט דעם ווערט פון דער מזוזה. דו האסט מיר געשיקט א זאך, וואס איך דארף דאס היטן. און איך האב דיר געשיקט א זאך, וואס וועט דיך אפהיטן. אפילו ווען דו שלאפסט וועט דאס דיך היטן...

ראה

ראה אָנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה — זע, איך לייג פאַר אייך, היינט, פאַר די וועגן, וואָס פירן צו ברכה, צו גליק, און אויך די, וועלכע פירן ח"ו צו קללה, צום אומגליק. די ברכה ליגט אין הערן און פאָלגן די מצוות פון ג—ט, און די קללה — אין נישט הערן און פאָלגן זיינע ווערטער. און איר זאָלט זיך נישט פירן מיט מיטלוועגן און פשרות, ווייל איך גיב אייך — ברכה אָדער קללה — די גרעסטע קעגנזאַצן און קאָנטראַסטן, קיין קאָמפּראָמיסן עקזיסטירן נישט בנוגע יידישקייט.

פון א שטעטעלע — נישט ווייט פון בריסק, ווו די מערהייט פּרנסים זענען געווען אויפגעקלערטע, אזוי גערופענע משכילים, — איז געקומען א דעלעגאַציע צו ר' חיים בריסקער, בעטן, אז ער זאָל באַשטימען א רב פאַר זייער שטעטל, נאָר מיט איין באַדינג, אז ער זאָל זיין א ביסל מאָדערן און באַשטיין אויף קאָמפּראָמיסן.

זאָגט ר' חיים צו זיין שמש: גיי רוף אריין שמריהו דעם העברעאישן לערער. ווען די בעלי־בתים האָבן דאָס דערהערט, זאָגן זיי, ניין רבי. מיר ווילן א רב! אזוי, זאָגט ר' חיים, אויב איר ווילט באמת א רב, דאַרף דער רב שטעלן אייך באַדינגונגען, נישט איר אים. צום רב האָט שוין די תורה לאַנג געזאָגט „לא תגורו מפני איש" — איר זאָלט זיך ניט שרעקן פאַר א מענטשן...

✶

כי לא תוכל שאתו, כי ירחק ממך המקום. טייטשט דער אַלשיך הק': כי לא תוכל שאתו — אויב די פילסט דאָס יידישקייט ווי א משא וואָס איז שווער צו טראָגן, איז א באַוויז, אז — כי ירחק ממך המקום — אז ג—ט איז ווייט פון דיר, ווייל פאַר אן אמת'ן גלויביקן ייד, איז דאָס יידישקייט גאָרנישט שווער.

פאַראַן א ווערטל: „עס איז שווער צו זיין א ייד" — האָט אמאָל איינער געזאָגט: ס'איז שווער צו זיין א האַלבער ייד, אָבער א גאַנצער ייד, מיט ריכטיקער אמונה אין הארצן, איז גאָרנישט שווער צו זיין...

דער דובנער מגיד, גיט אויף דעם א משל: א סוחר, וואָס האַנדלט מיט בריליאַנטן און ווערטפולע שטיינער, האָט געשיקט זיינעם אַן אָנגעשטעלטן, ער זאָל אים ברענגען פון א געוויסן אָרט א וואַליזע מיט דימאַנטן און איידעלע שטיינער, און ער האָט

אומגעדולדיק געקוקט דורכן פענצטער, ביז דער אַנגעשטעלטער וועט צוריקקומען.

פּלוצלונג, זעט ער פונדערווייטנס ווי דער אַנגעשטעלטער קוים וואָס ער שלעפּט זיך א פּארמאטערטער, טראַגנדיק אויף די פּלייצעס א שווערע משא. „אוי וויי" האָט דער סוחר אויסגע-שריגן — נישט אנדערש, נאָר גנבים האָבן פארטווישט די וואַ-ליזע, און אַנשטאָט ברילִיאנטן האָבן זיי אונטערגערוקט דעם אַנגעשטעלטן א זאַק מיט שטיינער, ווייל ביים טראָגן ברילִיאנטן ווערט מען נישט אזוי פּארמאַטערט.

דאָס זעלבע איז — פּירט אוים דער דובנער מגיד — אויך מיט די יידן, וועלכע האלטן יידישקייט פאַר א שווערן יאָך, ווייל זיי האָבן פארטווישט גאָ—ט׳ם ברילִיאנטן אויף שווערע שטיינער. אַנשטאָט די ריינע געטלעכע מצוות אוים ליבע צו ג—ט, האָבן זיך געשאפן שוועריקייטן אויסצופירן זיי. אמת׳ע יידישקייט איז נישט שווער...

✶

ולא תקפוץ את ידך, כי פתוח תפתח את ידך — זאָלסט נישט צודריקן דיין האנט, נאָר עפענען זאָלסטו דיין האנט.

די חז"ל זאָגן: (מדרש קהלת) כשאדם בא לעולם ידיו הן קפוצות — ווען א מענטש קומט אויף דער וועלט זענען זיינע הענט פארמאכט — פּונקט ווי ער וואָלט געזאָגט, איך וועל פאר-נעמען די גאנצע וועלט. וכשהוא נפטר מן העולם, ידיו הן פּשו-טות — און ווען דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט, זענען זיינע הענט פאנאנדערגעעפנט, ווי וויזנדיק דערמיט: זעט, איך נעם גאָרנישט מיט, מיט זיך... דעריבער זאָגט אונדז די תורה: „ולא תקפוץ את ידך", האלט נישט ביים לעבן געשלאָסן די הענט, ווייל — „כי פתוח תפתח את ידך" עס וועט דאָך קומען א טאָג ווען דו וועסט מוזן עפענען די הענט... איז דען נישט בעסער, אז דו זאָלסט זיי עפענען ביים לעבן...

איינער האָט אמאָל געפרעגט דעם דובנער מגיד; זאָגט מיר, איך בעט אייך, פארוואָס גיט גיכער א גביר א נדבה א פּראָסטן אָרימאן, א קאליקע, א בלינדן, אָדער א שטומען, איידער צו אן אָרימאן א תלמיד-חכם?

— איך וועל אייך זאָגן, ענטפערט אים דער דובנער מגיד: א גביר קען קיינמאָל נישט זיין זיכער, וואָס מיט אים קען א מאָל פּאסירן, ער טראכט, ער קען נאָך אמאָל אליין ווערן חלילה בלינד, אָדער שטום, און דעמאָלט קען טרעפן, אז אויך ער זאָל דארפן אָנקומען צו אנדערע. נאָר מיט איין זאך איז דער גביר זיכער: ער וועט שוין קיינמאָל קיין תלמיד-חכם נישט ווערן...

שופטים

שופטים ושוטרים תתן לך וכ"ו — דו זאָלסט באַשטימען ריכטער אין אַלע שטעט און זיי זאָלן משפּט'ן דאָס פאָלק מיט גערעכטיקייט.

צדק צדק תרדוף — דו זאָלסט נאָכיאָגן דעם צדק מיט צדק. די מיטלען מיט וועלכע דו ווילסט דערגרייכן אַ גערעכטן ציל, זאָלן אויך זיין גערעכטע. נישט ווי דער באַוווסטער, נישט יידישער כלל, אַז דער ציל היילקט די מיטלען.

מען דערציילט: צו ר' אליהו חיים מייזל, לאָדזשער רב, איז אַמאָל געקומען אַ גוי, און אים פאַרטרויט פאָלגנדיקעס: — ער אליין, דערציילט ער, איז געווען אַ הויכער באַאַמטער, לעצטנס פּאַסירער געוועזן, און ווען די אומרוען, וועלכע זענען פאַרגעקומען אין לאַנד זענען איינגעשטילט געוואָרן, איז ביי אים גע-בליבן אַ גרויסע סומע געלט, איבער פופציק טויזנט רובל. דאָס געלט האָט ער באַגראָבן אין קעלער פון זיין הויז. פון צייט צו צייט פלעגט ער אין מיטן דער נאַכט אַראָפּגיין אין קעלער זען צו אַלץ איז אין אָרדענונג.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, גייט ער אַראָפּ אין קעלער, — אַן אומגליק, דאָס געלט איז נישטאָ... דערביי האָט דער גוי זיך שטאַרק צעוויינט, און בעט דעם הייליקן „פאַן ראַבין" אים צו העלפן.

האָט איר — פרעגט אים הרב מייזל — אויף אימיצן אַ חשד? — מיט מיר אין הויז — ענטפערט דער גוי — וווינט אַ ייד, אַן אָרעמער סטאָלער, שטענדיק געלעבט אין גרויס נויט, אָבער לעצטנס איז דער סטאָלער אויפגעריכט געוואָרן, אַזוי, אַז פאַר אים איז קיין טייערע זאַך נישטאָ. פאַר די שכנים, זאָגט ער, אַז זיינער אַן עלטער פעטער איז געשטאָרבן, אין לאָנדאָן און אים איבערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה.

הרב מייזל האָט געהייסן דעם גוי קומען צו אים אין אַ טאָג אַרום, און גלייך געלאָזט רופן צו זיך דעם סטאָלער. — איך האָב געהערט — זאָגט הרב מייזל, צום סטאָלער — אַז איר זענט ב"ה אַ גביר געוואָרן, איז פאַרוואָס זאָל אַזאַ ייד ווי איר נישט אַריינקומען צו מיר און געבן אַ שיינע נדבה פאַר אַן אינ-סטיטוציע? — גערעכט רבי, כ'האָב גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם, אָבער איך וועל זיך זיכער נישט אָפּזאָגן. — איז עפּעס

אייער פעטער — פרעגט אים הרב מייזל — געווען א גרויסער עושר? — יאָ — ענטפערט דער סטאָלאַר — זייער רייך געווען. — האָט ער געלאָזן נאָך זיך נאָך יורשים? — דאָ האָט שוין דער סטאָלאַר אביסל געפּלאָנטערט, פון וואָס הרב מייזל, האָט פארשטאַנען, אז די מעשה מיט דער ירושה איז נישט אזוי גלאַטיק.

הערט זיך איין — זאָגט צו אים הרב מייזל, שטילערהייט — איך האָב אייך געשיקט רופן פאר אייער טובה וועגן, אייך ראטעווען פון אן אומגליק. מען האָט מיר פארטרויט, אז איר צאָלט מיט פאַלשע געלט... ווערט דער סטאָלאַר בלייך ווי קאַלך. עס איז אים באַלד געקומען אויפן געדאַנק, אז דער דאָזיקער סודות'דיקער גוי איז גאָר געווען פארנומען מיט מאַכן פאַלשע געלט, און דעריבער זיך באַהאַלטן אין קעלער. — רבי — זאָגט ער ציטערנדיק — איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת. דאָס געלט האָב איך געפונען באַגראָבן אין קעלער פון הויז. דערנאָך בין איך געוואָר געוואָרן, אז א גוי'אישער שכן האָט עס באַגראָבן, היינט ווער זאָל זיך ריכטן, אז ער מאַכט פאַלשע געלט? — לויפט שוין אהיים — זאָגט צו אים דער רב — און ברענגט צו מיר דאָס גאַנצע געלט, און מיר וועלן זען צו געפינען עפּעס אן עצה.

דער סטאָלאַר האָט שנעל געבראַכט דאָס גאַנצע פּעקל געלט, און הרב מייזל האָט עס פון אים צוגענומען און געזאָגט: זייט וויסן ר' ייד, פון היינט אָן און ווייטער, אז מען טאָר נישט נע־מען יענעמ'ס. דאָס געלט איז טאַקע נישט קיין געפעלשטע, אָבער, עס איז נישט אייער'ס. אויף צומאָרגנ'ס ווען דער גוי איז געקו־מען, האָט ער זיין געלט צוריק באַקומען...

✶

תמים תהיה עם ה' אלקיך — עס טרעפט גאַנץ אָפט, אז אויב איינער איז „גאַנץ" דאָס הייסט מאַטעריעליש פעלט אים גאָרנישט, איז „הינקט" ביי אים דאָס „יידישקייט" א ביסל אונ־טער. זעט איר, ווידער, איינעם ביי וועלכן דאָס „יידישקייט" איז דווקא יאָ „גאַנץ" ער פירט זיך ווי א ייד, קען אָבער זיין, אז ער אליין איז נישט „גאַנץ", עס פעלט אים עפּעס, פּרנסה, אָדער אן אנדערע זאַך. דעריבער זאָגט אונדז די תורה „תמים תהיה" — דאַן ווען דו אליין ביזט „גאַנץ" עס פעלט דיר ב"ה גאָרנישט, „עם ה' אלקיך" זאָלסטו אויך זיין גאַנץ מיטן אויבערשטן. וואַרט נישט אויף דער צייט ווען דיר וועט ח"ו שלעכט זיין, נאָר ווען דיר איז גוט גיי אין שול און זיי נאָענט צו יידישקייט...

מען דערציילט: אז צו ר' פּנחס דער „בעל הפלאה", האָט אמאָל אין א ווינטער-נאַכט אָנגעקלאַפּט א האַלב־געפרוירענער ייד,

זיך אַנטשולדיקט פאַרן רב, פאַרוואָס ער האָט אים באַאומרואיקט און אָנגעקלאַפּט אין מיטן דער נאַכט, און דערציילט אים, אַז ער איז אַ סוחר, פאָרט אויף אַ יריד, און אויפן וועג האָט פּלוצלונג אַ נעם געטאָן אַ שרעקלעכער פראָסט, איז ער שיער נישט געפרוירן געוואָרן, קוים אַ לעבעדיקער זיך דערשלעפּט אין שטעטל. אַזוי שמועסנדיק מאַכט דער ייד צו ר' פּנחס'ן: איר זעט דאָך רבי, אַז קיין עולם-הזה האָב איך נישט, איך בין שטענדיק פאַריאָגט, אין קעלט, אין היץ, וועל איך כאָטש האָבן עולם-הבא? — ענטפערט אים ר' פּנחס זיפצנדיק — זאָגט אליין, מה-דאָך עולם-הזה, אויף וועלכער איר האָרעוועט אַזוי שווער, האָט איר נישט, טאָ ווי אַזוי קענט איר דערוואַרטן עולם-הבא, אויף וועלכע איר טוט גאָרנישט...

כי־תצא

כי תצא למלחמה וכ"ו — ווען דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אקעגן דיינע פיינט. יידן זענען בטבע א פרידלעך פאָלק. שלאָגן זיך, דאָס איז עשיו'ס געביט. יידן האָבן ליב שלום. אָבער מיר לעבן דאָך צווישן פארשידענע פעלקער, קען אמאָל אויסקו־מען צו פירן מלחמה, דעריבער הויבט אָן די היינטיקע סדרה אוים־צורעכענען פארשידענע פאלן ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן אין זיי. דאָס אליין באווייזט ווי עטיש און מענטשלעך אונדזערע געזעצן זענען.

עס זענען פאראַן צוויי ערליי מלחמות: איינע איז א „מלחמת־מגן" — א פארטיידיקונגס־קאמף, ווען א שונא באפאלט דאָס לאנד און וויל עס פארכאפן אָדער אונטערדריקן. אזא מלחמה ווערט אויך אָנגערופן „מלחמת־מצוה" — א הייליקער קאמף. די רעגירונג האָט דאָן דאָס רעכט צו מאָביליזירן און צווינגען יעדן צו גיין קעמפן. די צווייטע איז א „מלחמת־רשות" — אן אָנ־גרייפונגס־קאמף, וואָס ווערט פארפירט פון דער רעגירונג מיטן צוועק צו פארשטארקן אירע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאָזי־ציעס. צו אזא מלחמה מוז מען שוין האָבן די צושטימונג פון די איין־און־זיבעציק סנהדרין, וועלכע זענען די פארשטייער פון גאנצן פאָלק.

די חז"ל זאָגן: „כי תצא למלחמה על אויביך" — „שהוא אויביך" — איבערצייג זיך פריער צי ער איז טאַקע דיין פיינט. יידן איז פארבאָטן צו פארגיסן אומשולדיק בלוט.

די תורה זאָגט אונדז אויך „כי תקרב וכ"ו להלחם עליה" — ווען דו וועסט זיך דערנענטערן צו א שטאָט צו האלטן מלחמה אויף איר, איז „וקראת אליה לשלום" זאָלסטו איר צוערשט אָנבאָטן פרידן, אפילו ווען דו ביסט זיכער, אז ער איז דיין שונא און זוכט ריך צו פארניכטן, פונדעסטוועגן זאָלסטו אים פריער פאָרלייגן שלום.

— אָט דאָס איז די יידישע שטעלונג צו מלחמה...

לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳ — ווי באוווסט פלעגן נישט יידישע גייסטלעכע פירן רעליגיעזע וויכוחים, מיט יידן, און זיי פלעגן שטענדיק זיך באַמיען צו באַווייזן, אַז די יידישע רעליגיע פּריידיקט פיינטשאַפט צו גוים. אין איינעם אַזא דיספּוט וואָס אַ געווויסער גלח האָט אַמאָל געהאַט מיטן „נודע־ביהודה״, האָט דער גלח אים פאָרגעוואָרפן, אַז די יידישע אמונה פלאַנצט איין אין אירע אָנהענגער אַ שנאה צו די גוים, אַ באַווייז, אַז יעדער ייד דאַרף מאַכן יעדן פרימאָרגן אַ ברכה „שלא עשני גוי״ —

דערויף האָט אים דער „נודע־ביהודה״ געענטפערט, אַז די דאָזיקע ברכה האָט גאָר אַן אַנדערע באַדייטונג און דערמיט ווערט גאָרנישט געמיינט, אַז מען דאַרף פיינט האָבן די גוים. אַ באַווייז: אַט זאָגן מיר דאָך אויך יעדן אינדערפרי די ברכה „שלא עשני אשה״, נו, באַדייט דאָס, אַז אַ ייד ווערט אויפגעפאָדערט פיינט צו האָבן זיין פרוי?—פאַרקערט די יידישע אמונה פאָדערט, אַז דער מאַן זאָל ערלעך האַלטן און ליב האָבן זיין פרוי...

אַנדערע טייטשן „שלא עשני גוי״ אויף פאָלגנדיקן אופן: מיר בעטן, אַז שלא עשני — גוי, אַז נישט דער גוי, זאָל מיר מאַכן פאַר אַ יידן.

נישט דער אַנטיסעמיטיזם זאָל האַלטן דעם יידן ביי יידישקייט, אָדער אים צוריקברענגען צו יידישקייט, וואָס לײַדער איז דאָס זייער מערקבאַר אין אַלע צייטן...

✶

זכור את אשר עשה לך עמלק — געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן. איינער האָט אַמאָל געפרעגט: פאַרוואָס האָט די תורה אָנגעזאָגט „זכור את אשר עשה לך עמלק״, אין לשון יחיד — עמלק האָט דאָך געשטרעבט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אויסצוראָטן, האָט דאָך געדאַרפט שטיין „לכם״ בלשון רבים — האָט דערויף דער פשיסכער רבי געענטפערט: — אמת טאַקע, עמלק האָט געצילט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אומצוברענגען, אָבער בלויז יענע יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשיידט פון דער יידישער מחנה, און זענען געגאַנגען באַזונדער, זענען פון עמלק׳ן גע־הרג׳עט געוואָרן, און די יידן, וועלכע האָבן זיך פעסט איינגע־שלאָסן אין דער יידישער מחנה, האָט עמלק קיין שלעכטס נישט געקענט טאָן. דעריבער האָט די תורה געזאָגט: „זכור״ און „לך״ בלשון יחיד — זאָלסט געדענקן וואָס עמלק האָט געטאָן צו דיר,

ווען דו האָסט זיך אָפּגעטיילט פון צבור, און געלעבט בלויז פאַר זיך...

לא תשכח — דאָ איז נישט דער טייטש, דו זאָלסט נישט פאַרגעסן, ווייל עס שטייט דאָך שוין פריער „זכור" דו זאָלסט געדענקען, איז דאָך שוין פאַרשטענדלעך, אז נישט פאַרגעסן, נאָר דער טייטש פון „לא תשכח" איז: דו וועסט נישט פאַרגעסן, ווייל עמלק וועט אומעטום און אין אַלע צייטן, אַלץ טאָן, פון זיין זייט, אז דו זאָלסט, חלילה, אין אים נישט פאַרגעסן...

מען דערציילט: א גרויסער אַנטיסעמיט, וואָס האָט געשמ'ט אלס א פאַרביסענער יידן פיינט, איז איינמאָל שטאַרק קראַנק געוואָרן און ווען ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער שנעל זיך אויפגעהויבן און געבעטן רופן דעם רב, ווייל ער וויל זיך מגייר זיין.

אַלע אין שטוב האָבן אים באַוואָרפן מיט פראַגן: דו, וועלכער האָסט דיין גאַנץ לעבן אַזוי געהאַסט יידן, גייסט איצט אליין ווערן א ייד?

דערויף האָט ער געענטפערט: — איך טו דאָס צו וואָס איך האָב געשטרעבט מיין גאַנץ לעבן, איך וויל איצט באַגראָבן נאָך א ייד...

כי־תבוא

והיה כי תבוא אל הארץ וכ״ו — און עס וועט זיין, ווען דו וועסט קומען אין דעם לאַנד וואָס ג—ט גיט דיר פאַר א נחלה, און דו וועסט זיך באַזעצן אין איר. זאָלסטו נעמען דאָס ערשטע פרוכט פון דער ערד און אריינטאָן אין א קאָרב, און גיין צו דעם אָרט, וואָס ג—ט וועט אויסדערוויילן צו מאַכן רוען זיין נאָמען דאָרטן, קיין ירושלים.

די ביכורים (ערשטע פרוכט) האָט מען געדאַרפט ברענגען פון די בעסטע זיבן מינים: ווייץ, גערשטן, וויינטרויבן, פייגן, מילגרוימען, אײלבירטן און טייטלען.

פון אָט די דאָזיקע זיבן מינים האָט מען געמוזט אויסקלייבן די בעסטע און די פיינסטע. די רייכע לייט, פלעגן פירן די ערשטע צייטיקע פרוכט אין גאָלדענע און זילבערנע כלים. די אָרעמערע פלעגן אויספלעכטן קערב פון דער קאָרע פון די ווערבע-בוימער, און זיי שיין דעקאָרירן מיט פאַרשידענע פרוכטן און בלומען.

די ביכורים זענען באַטראַכט געוואָרן פאַר זייער הייליק, און נאָר דער כהן, האָט פון זיי געמעגט עסן.

זאָגט אונדז די סדרה: „ובאת אל הכהן וכ׳ו״ — און דו זאָלסט קומען צו דעם כהן וואָס וועט זיין אין יענע טעג און זאָגן צו אים: „הגדתי היום לה׳ אלקיך״ — איך זאָג היינט פאַר ה׳ דיין ג—ט. איז אײינגנטלעך א פראַגע: פאַרוואָס שטייט עפּעס „אלקיך״ — דיין ג—ט. נישט „אלקינו״ — אונדזער ג—ט? — דערקלערט עס דער זהר הק׳ אויף א זייער אינטערעסאַנטן אופן: די אמת׳ע געטלעכקייט קען א ייד פילן בלויז אין ארץ־ישראל, און אזוי ווי משה רבינו איז נישט אריינגעגאַנגען אין דעם צוגע־זאָגטן לאַנד, האָט ער דערפאַר דעם אויסדרוק „אלקינו״ נישט גע־קענט באַנוצן...

✶

אָרור אשר לא יקים וכ״ו — די רעפאָרם-באַוועגונג איז מיט דער מיינונג, אז מען דאַרף פאַרלייכטערן דעם יאָך פון יידישקייט און פיל מצוות מבטל זיין, כדי עס זאָל לייכטער זיין פאַר די מאָ־דערנע מענטשן פון דער היינטיקער צייט, צו בלייבן כאָטש אביסל ביי יידישקייט. אויב מען וועט פאַרלאַנגען פון די היינטיקע מענטשן — זאָגן די רעפאָרמער — צופיל, וועט עס ביי זיי צו שווער זיין, און זיי וועלן בלייבן ביי גאָרנישט.

האָט דער כתב-סופר, דערויף געזאָגט, אַז דאָס מיינט די תורה: אָרור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת — פאַר־שאָלטן זאָל ווערן דער וואָס האַלט, אַז מען דאַרף נישט מקיים זיין די גאַנצע תורה, נאָר בלויז אַ טייל פון איר, אפילו ווען די כוונה איז „לעשות אותם" — כדי מען זאָל אַ טייל מצוות יאָ טאָן...

אַ רעפאָרמער האָט אַמאָל געפרעגט אַן אָרטאָדאָקסישן ייד, וואָס איז די מעשה וואָס ביי זיי, אין די טעמפּלען, איז שיין און יעדער שטייט מיט רעספּעקט, און ביי די פרומע איז דאָס דאַווע־נען וואָכעדיק, און זיי מאַכן דערפון גאָרנישט קיין וועזן. — דאָס איז — האָט דער אָרטאָדאָקסישער ייד געענטפערט — ווייל איר קומט זיך צוזאַמען נאָר שבת און יום־טוב, אַפּצוריכטן קורצע תפילות, איז ביי אייך אַלץ יום־טוב׳דיק. ביי אונדז אָבער דאַווענען מיר אַ גאַנצע וואָך, איז דעריבער דאָס דאַווענען ביי אונדז וואָ־כעדיק...

וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת — אויך יעדע מכה, וואָס שטייט נישט געשריבן אין דעם בוך פון דער דאָ־זיקער תורה.

ווערט דערויף געזאָגט: „זו מיתת צדיקים" — דאָס מיינט מען, דער פּריציייטיקער טויט פון צדיקים. וואָלט דאָך אייגנטלעך געגוג געווען, עס זאָל שטיין סתם „וכל מכה אשר לא כתוב" נאָך וואָס זענען נויטיק די ווערטער „בספר התורה הזאת"? —

זאָגט דער „נודע-ביהודה": אין יעדן ספר פון די פינף חומשים ווערט דערמאָנט ווענן טויט פון צדיקים. אין בראשית — ווענן טויט פון די אבות. אין שמות — יוסף׳ס טויט. אין ויקרא — ווענן טויט פון נדב-ואביהו. אין במדבר — דער טויט פון אהרן. בלויז אין דעם ספר „דברים" איז אין אַלע ביז איצטיקע סדרות, ביז צו דער תוכחה, נישט דערמאָנט קיין טויט פון צדיקים, (משה׳ס טויט ווערט דערמאָנט ערשט שפּעטער) איז דערפון גע־דרונגען, אַז — וכל מכה וכ"ו מיינט מיתת צדיקים...

די חז"ל זאָגן: (מגילה ל"א), אַז דערפאַר לייענט מען די „תוכחה" פאַר ראש השנה, כדי עס זאָל זיין „תכלה שנה וקללותיה" — דאָס יאָר זאָל זיך פאַרענדיקן צוזאַמען מיט די קללות, און דאָס נייע יאָר זאָל שוין זיין געבענטשט.

זאָגט מען דערויף אין נאָמען פון „תפארת-שלמה", אַז דער געדאַנק איז: אויב ח"ו ס׳איז נגזר געוואָרן אויף יידן, נישט קיין גוטע זאַכן, זאָל מען האָבן יוצא געווען מיטן לייענען בלויז די קללות, און אין דער אמתן זאָל דאָס זיין ברכות, אַזוי ווי מיר זאָגן „ונשלמה פרים שפתינו", אַז אונדזער זאָגן תפילות, איז אָנשטאָט קרבנות...

נצבים־וילך

היינטיקער שבת איז דער לעצטער פון יאָר, און א סאָרט צוגרייטונג צום נייעם יאָר. אן ערנסטער געפיל, פון חשבון-הנפש, נעמט ארום יעדן ייד, און דער אָנהויב פון דער היינטיקער סדרה איז אויך צוגעפּאַסט צו די ערנסטע טעג.

אתם נצבים היום כולכם וכ"ו — היינט שטייט איר אלע פאר ג—ט, אייערע עלטסטע, אייערע אויפזעערס, אייערע פרויען און קינדער און אלע מענער פון ישראל.

ווען נאָך שטייען אלע יידן פארן אויבערשטן, אזוי ווי ראש־השנה? — „אתם" מאַכן די זעלבע אותיות ווי „אמת" — אז די יידן וועלן זיך האַלטן ביים אמת׳דיקן געטלעכן וועג, איז „נצבים" וועלן זיי קענען האָבן א קיום, אן עקזיסטענץ.

די חז"ל זאָגן: (סנהדרין ק"י) „אתם נצבים היום" — איר שטייט ווי דער טאָג". מה היום מאפיל ומאיר" — פונקט ווי דער טאָג איז צוערשט פינסטער און דערנאָך ליכטיק, אזוי איז אויך מיט אייך, נאָך דער פינסטערניש, וועט קומען אייער ליכט.

אויף דעם פסוק „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" זאָגט די גמרא: (חולין פ"ג) „היום הולך אחר הלילה" דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט, אויב איינעם איז ח"ו שלעכט, עס גייט אים נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, זאָל ער נישט אריינפאַלן אין יאוש, דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט, די וואָלקנס איבער זיינע הימלען וועלן מיט דער צייט פארשווינדן. און אויך פאר אים וועט נאָך די זון שיינען...

✶

ראה נתתי לפניך היום, את החיים ואת הטוב — זע, איך האָב היינט געגעבן פאר דיר לעבן און גוטס. דער „חיים" זאָל זיין צוליבן „טוב" און נישט פארקערט: נישט דו זאָלסט טאָן גוטס כדי דו זאָלסט לעבן — נאָר דו זאָלסט לעבן, כדי צו טאָן גוטס...

עס איז ווייניק וואָס דו האָסט ליב דעם אויבערשטן, באַמיען דארפסטו זיך, מיט דיינע מעשים, אז דער אויבערשטער זאָל אויך דיך ליב האָבן...

— די חז"ל זאָגן: (כתובות ק"ג) פניו כלפי העם — אויב דער מענטש איז אין זיין לעבן געוואָנדן מיטן פנים צום פאָלק, אקטיוו אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, לעבט נישט בלויז פאר

זיך, דאן איז „סימן יפה לו" איז א גוטער סימן פאר אים. אויב אָבער „פניו כלפי כותל", ווען ער איז געווען אלע זיינע יאָרן אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט, געלעבט בלויז פאר זיך — „סימן רע לו" איז א שלעכטער סימן פאר אים...

א גביר האָט אמאָל געהאלטן ביים באַנקראָטירן, אָבער קיי־נער האָט נאָך דערפון נישט געוווּסט, און מענטשן פלעגן אים נאָך טראָגן הלוואות. קומט אריין שרה ליבע די אלמנה און זאָגט, אז זי וויל זען דעם גביר — וואָס דאַרפסטו מיך? — פרעגט דער גביר. — איך האָב פינף הונדערט פונט אויף חתונה מאַכן מיין טאָכטער, וויל איך דאָס דערווייל האַלטן ביי אייך און איר וועט מיר צאָלן פּראָצענט. — גוט — זאָגט דער גביר, און נעמט צו ביי איר דאָס געלט.

ווען די אלמנה איז ארויס, רופט זיך אָן זיין ווייב צו אים: — דו ווייסט, דו האָסט אפשר נישט געדאַרפט נעמען פון איר דאָס געלט, מיר טוט וויי דאָס האַרץ, נעבעך, אָרעמע געלט, און דו וועסט זיי נישט קענען אָפּגעבן. — וואָס האָסטו געוואָלט? — האָט דער גביר געענטפערט מיט כעס — אויב עס איז א רחמנות אויף איר, קען איך איר שענקען, פיר אָדער פינף פונט, אָבער נישט פינף הונדערט...

✶

היינטיקן שבת צו נאכטס (פ' נצבים־וילך) 12 אזייגער, זאָמ־לען זיך צונויף אלע יידן צו זאָגן סליחות. צווישן אנדערע תפילות זאָגן מיר: מי שענה לאברהם אבינו וכו' — דער וואָס האָט געענטפערט צו אברהם אבינו ביי דעם באַרג מוריה, זאָל אויך אונדז ענטפערן, און געבן א גוט־יאָר. שטעלט זיך א פראַגע: ווי קענען מיר זיך גלייכן צו אברהם'ען, וואָס האָט געהאַט אזוי פיל זכותים? — ענטפערט אויף דעם דער דובנער מגיד מיט א משל: אין א שטאָט איז נפטר געוואָרן דער רב, זענען עטלעכע אָנגע־זעענע בעלי־בתים ארויסגעפאָרן צו א גרויסע ישיבה, אויסצו־קלייבן א נייעם רב. דער ראש־הישיבה האָט אָנגעוויזן אויף איי־נעם א בחור וואָס האָט גע'שם'ט פאר אן עילוי אז ער איז פאַ־סיק צו זיין זייער רב. די בעלי־בתים האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין אָפּשטאַם, און האָבן זיך דערוווּסט, אז זיין פאָטער איז א ריי־כער מאַן, אָבער א גרויסער עם־הארץ און ווען דער פאָטער וועט אמאָל קומען צו גאַסט צו זיין זון דעם רב, וועט זיין א חרפה. האָבן זיי גערופן אן אסיפה און באַשלאָסן, אז אויב דער פאָטער וועט געבן א גרויסע סומע געלט אויפצובויען א ישיבה אין שטעטל, וועלן זיי אויפנעמען זיין זון פאר זייער רב. דער פאָטער איז דערויף באַשטאַנען און דער זון איז מיט מזל געוואָרן אויפגענומען אלס רב.

דער נייער רב האָט חתונה געהאַט, געהאַט קינדער, דעם

רב׳ס עלטסטער זון האָט גע׳שמ׳ט אלס גאון און פלוצלונג איז דער רב קראנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. האָבן די בעלי-בתים געוואָלט אויפנעמען דעם זון אלס זייער רב, אָבער מיט א באדינגג, אז ער זאָל געבן א געוויסע סומע געלט איבערצובויען די אלטע שול. האָט זיי דער יונגער עילוי געענטפערט: מיין זיידע האָט אייך געגעבן געלט, ווייל ער איז געווען אן עם־הארץ, אָבער איך וועל אייך קיין געלט נישט געבן, ווייל איך בין דער זון פון אייער געוועזענעם רב, און דאָס איז א כבוד פאר אייך. די בעלי־בתים האָבן אים רעכט געגעבן און אויפגענומען אים אלס זייער רב.

דער נמשל איז: אברהם אָבינו האָט טאָקע געהאַט פיל זכותים, אָבער זיין טאַטע איז געווען א געצנדינער, אן עם-הארץ, דאָך האָסטו אים געענטפערט און זיך געגרויסט מיט אים. מיר יידן האָבן, אָבער, אזא גרויסן טאַטן, ווי אברהם אָבינו, דארפסטו געוויס מוחל זיין אונדזערע זינד און געבן אונדז א געזונטן גליקלעכן יאָר...

ראש־השנה

דער חודש תשרי איז ביי אונדז פאררעכנט אלס דער וויכטיקסטער חודש פון יאָר, ווייל ער איז נישט בלויז דער אָנהויב פון יאָר, נאָר אַנטהאַלט אין זיך די „ימים נוראים" — די פּאָרכטיקע טעג, וועלכע גיבן א געלעגנהייט זיך צום רייניקן פון די פארגאנגענע זינד און אויפסניי זיך דערנענטערן צו ג—ט.

די ראש-השנה'דיקע תפילות זענען די הייליקסטע, און לויט דער אויפפאסונג פון ר' יהודה הלוי (כוזרי), זענען די ראש-השנה'דיקע תפילות הייליקער פון אלע אנדערע. פּונקט ווי ארץ-ישראל איז הייליקער פון אלע לענדער, דער בית־המקדש העכער פון אלע ערטער, אזוי זענען די תפילות פון ראש־השנה מער מרוצה אָנגענומען צו ווערן ביי ג—ט. די חז"ל האָבן אין די דאָזיקע תפילות אריינגעוועבט גרויסע און טיפע כוונות, און אלע באַטאָנען זיי די פּאַרכטיקייט און הייליקייט פון טאָג.

די ראש־השנה'דיקע תפילות סימבאָליזירן איבערהויפּט 3 יסודות אין יידישקייט: מלכיות, זכרונות, שופרות. מלכיות — דאָס איז דער געדאַנק פון געטלעכן קעניגרייך. אין די תפילות ווערט כסדר באַטאָנט ג-ט'ס מלכות, אָנשטאָט — האל-הקדוש — המלך־הקדוש. — די הויפּט תפילות הויבן זיך אָן מיט — המלך יושב על כסא רם ונשא.

אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם — זאָגט פאר מיר מלכיות, — זאָגט דער אויבערשטער — כדי איר זאָלט מיר אָנערקענען אלס אייער מלך. קומען זיך יידן צוזאמען אין די הייליקע טעג. די בתי-כנסת זענען פול מיט מענער, פרויען, יונג און אלט, פרומע און נישט פרומע, אלע קומען ,און שוין דער־מיט אליין דעמאָנסטרירן זיי די אָנערקענונג פון „מלכות שדי", אז נאָר צו ג—ט געהערט דאָס מלכות און „ולעולמי עד תמלוך בכבוד" אייביק וועט ג—ט קיניגן.

גלייכצייטיק בעטן יידן ביי זייער געקרוינטן מלך, אויסער די אינדיווידועלע באַדערפעניש ווי: געזונט, פרנסה און נחת פון קינדער, אויך „שמחה לארצך" שמחה צו דיין לאַנד וואָס דו

האָסט געגעבן צו די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, און „וששון לעירך" און פרייד צו דיין הייליקער שטאָט ירושלים, זי זאָל ח"ו נישט פארטרויערט זיין.

זכרונות — דער זכרון העלפט פיל צו פארמיידן פעלערן, און צו מאַכן א שטיקל חשבון הנפש, גוט אריינטראַכטן אין דעם וואָס עס איז שוין געשען און וועלן פארשטיין וואָס עס קען ווייטער געשען. צי פירט ער זיין אַרט לעבן לויט דעם וואָס עס איז אין די טעפעניש פון זיין נשמה, אָדער ער לעבט ווי עס דיק־טירט אים די אומגעבונג ארום, און ער מוז זיך צופּאַסן צו דער סביבה אין וועלכער ער לעבט, ווייל ער קען נישט גיין קעגן שטראָם. א גאנץ יאָר טראכט דער מענטש אפילו נישט דערפון. אָבער ווען עס קומט דער „יום הזכרון" דער טאָג פון באַדענקען זיך נעמט דער ייד א גאנץ אנדערע שטעלונג דערצו.

שופרות — א פארבאָרגענע קראַפט ליגט באַהאַלטן אין שופר, דאכט זיך א פשוט'ער פרימיטיווער אינסטרומענט, און דאָך רופט ער צוזאמען אלע, אפילו די דערווייטערטע, און יעדער באמיט זיך ח"ו נישט צו פארשפּעטיקן דאָס בלאָזן שופר.

דער מדרש זאָגט: ווען אברהם אבינו איז געקומען מקריב זיין יצחק'ן, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אים: אין דער צוקונפט, וועלן דיינע קינדער זוכן א זכות, דאן וועל איך פאר זיי דערמאָנען „עקדת יצחק", ווען זיי וועלן בלאָזן פאר מיר דעם שופר. — פרעגט אים אברהם „מהו השופר" — וואָס אזוינס איז דער שופר? — „א"ל חזור לאחוריך" — האָט ג—ט צו אים געזאָגט „קוק זיך אום אויף צוריק".

די וועלטלעכע השקפה איז, דאָס שטרעבן צום פאָראויס, צו דעם וואָס ווערט איצט געשאַפן. דאָס אַלטע ווערט פאררעכנט אלס אָפּגעלעבט און אָפּגעוועלקט.

דאקעגן די יידישע השקפה האָט שוין א גאנץ אנדערע באַ־ציאונג צו דעם פּראָבלעם פון אלט און יונג. ביי אונדז איז אלט־קייט א גרעסערע מעלה ווי יוגנט. אלטקייט איז דערנענטערונג צום מקור. אלטקייט איז געזעצטער שכל. די אלטע וועלט ווערט ביי אונדז באַטראכט פאר מער געדעכטער און ערלעכער.

ר' מאיר פּרעמישלאַנער, האָט איינמאָל ראש השנה אוועק־געלייגט זיין מחזור אויפן שטענדער, האָט געעפנט דעם ערשטן טאָוול, האָט קיין איין בלעטל נישט איבערגעמישט, און אזוי איז

דער מחזור געלעגן אָפן אויפן שטענדער די גאַנצע צייט פון ראַ־ווענען. האָט איינער פון זיינע מקורבים אים געפרעגט: דער רבי זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיין נייגעריקייט: איך האָב באַמערקט, אַז דער רבי האָט בעת'ן גאַנצן ראש־השנה־דיקן דאַווענען גע־האַלטן דעם אָפענעם מחזור אויפן שטענדער, קיין איין מאָל נישט אַריינגעקוקט אין אים, און קיין איין בלעטל נישט איבערגעמישט. אויב דער רבי דאַוונט פון אויסנווייניק, טאָ צו וואָס דער מחזור אויפן שטענדער אויפגעמישט? —

איך וויל דיר זאָגן — האָט ר' מאיר'ל מיט אַ שמייכל גע־ענטפערט. — ווען עס קומען די הייליקע פּאַרכטיקע טעג, ווייס איך נישט וואָס צו דאַווענען, וואָס צו זאָגן און וואָס מכוון צו זיין, דעריבער עפן איך דאָס ערשטע בלעטל פון מחזור און איך ווענדע זיך צום אויבערשטן: רבש"ע! איך ווייס נישט היינט וואָס צום דאַווענען, וואָס צו זאָגן, און וואָס צו בעטן, אָט האָסטו רבש"ע דעם גאַנצן מחזור, אין מחזור שטייט אַלץ וואָס מען דאַרף זאָגן און בעטן, אין די הייליקע טעג, טאָ נעם קלויב אויס, וואָס דיר געפעלט...

האזינו (שובה)

האזינו השמים — פלעגט טייטשן דער קאָצקער רבי זצ״ל — פארנעמט הימלדיק. אז מען פארנעמט הימלדיק טראכט מען פון הימלישע זאכן, פון העכערע ענינים, מען האָט אין זינען גייסט, מען פירט זיך יידישלעך, מען קומט אריין אין א שול און מען לעבט נישט בלויז פאר זיך.

דאקעגן ווען מען פארנעמט נישט הימלדיק האָט מען אין זינען בלויז ערדישע מאַטעריעלע זאכן, ווי רייכטום, טייערע פאַלאַצן און לעבן א גוטן טאָג, וואָס דאָס איז נישט קיין אייביקייט.

די חז״ל זאָגן: (עירובין נ״ד) „האי עלמא לבי הלולי דמיא״ די וועלט איז גלייך צו א חתונה, ווו די טאַנצנדיקע געסט טוישן זיך. נעכטן האָבן געטאַנצט אנדערע געסט, און היינט אנדערע, און די וואָס טאַנצן, היינט, וועלן, מאָרגן נישט טאַנצן...

עס איז פאראן א משל: ווי איינער א ישוב'ניק איז אמאָל געקומען אין א גרויסער שטאָט, גייט ער פארביי א גרויס שיין הויז און ער זעט, אז עס איז דאָרט אזוי ליכטיק און פרייליך, מען זינגט, מען שפילט און מען טאַנצט. האָט ער זיך געטראַכט, אז מסתם פראַוועט, דאָ, דער בעל-הבית פון דעם הויז א חתונה. צומאָרגנס גייט ער ווידער פארביי פארן זעלבן הויז, און ווידער זעט ער, ווי מען שפילט און מען טאַנצט. אין א טאָג ארום, ווידער דאָס זעלבע, מען שפילט און עס איז פריילעך. וואונדערט זיך דער ישוב'ניק: ווי קען איין בעל-הבית פראַוועט אזוי פיל חתונות, איין נאָכט נאָך דער צווייטער?... און ער וואונדערט זיך מיט זיין פראגע צו איינעם פון די דורכגייער, וועלכער האָט זיך שטארק צעלאַכט און אים געענטפערט: דאָס איז א חתונה-זאַל, וואָס ווערט פאַר-דונגען, יעדן מאָל צו אנדערע מחותנים, נעכטן האָבן געטאַנצט און געזונגען אנדערע געסט און היינט, אנדערע, און די היינטיקע טאַנצנדיקע געסט וואָס איר זעט וועלן דאָ מאָרגן בכלל נישט זיין...

✶

האזינו השמים וכ״ו — איר הימלען לייגט צו אייערע אויערן צו מיינע ווערטער, און זאָל די ערד הערן די רייד פון מיין מויל. דאקעגן ישעיה הנביא, הויבט אָן „שמעו שמים והאזינו ארץ״ — הערט איר הימלען, און לייג צו דיינע אויערן, דו ערד.

זאָגן אויף דעם די חז״ל: ווייל משה איז געווען נאָענט צום הימל און ווייט פון דער ערד, דערפאר האָט ער גערעדט צו די

הימלען מיט דעם לשון „האזינו״ — א סוד אין אויער — און צו דער ערד מיט דעם לשון „ותשמע״ — אויפן קול — ישעיה, אבער, איז שוין געווען נענטער צו דער ערד ווי צו די הימלען, האט ער זיך דערפאר אויסגעדריקט פארקערט.

משה רבינו, דער געזעגנבער איז געשטאנען העכער און איז געווען נענטער צו די הימלען ווי די נביאים אין דער צוקונפט.

✶

שובה ישראל — קער זיך אום דו ישראל „עד ד׳ אלקיך״ — דו מוזט מיט דיין תשובה צוקומען צום אויבערשטן אליין, נאר ער אליין קען דיך באגנעדיקן — „כי כשלת בעונך״, ווייל גרוים זענען דיינע זינד, און נאר ריכטיקע תשובה קען דיר העלפן.

אבער דאס איז נאר גילטיק אזוי לאנג ווי דער מענטש לעבט, נאך הונדערט און צוואנציק יאר איז שוין צו שפעט.

בעלי מוסר, גיבן דאס צו פארשטיין מיט א משל: עס זענען געווען צוויי רשעים, וועלכע האבן איינער דעם צווייטן גוט גע־קענט. האט איינער פון זיי תשובה געטאן, און געווארן א פיינער מאן אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן, און דער אנדערער איז געשטארבן אן תשובה. דער וואס האט תשובה געטאן איז געווען צוזאמען מיט די צדיקים אין גן־עדן, און דער אנדערער איז געווען צוזאמען מיט אנדערע רשעים אין גיהנום.

ווען דער וואס איז געווען אין גיהנום האט דאס דערזען, האט ער געזאגט: אז דא פירט זיך נישט יושר׳דיק, מיר האבן דאךביידע אפגעטאן אלערליי שלעכטע זאכן און געזינדיקט, דאך, איז ער אין גן־עדן און איך בין אין גיהנום? — האט מען אים גע־ענטפערט: דיין חבר האט תשובה געטאן, אבער דו האסט נישט. — רופט ער זיך אן צו זיי — לאזט מיר, וועל איך אויך תשובה טאן — ענטפערט מען אים: דו ביזט א שוטה, איצט איז שוין צו שפעט, „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת״ — די וועלט פון וואנען דו קומסט איז געגליכן צו ערב שבת, און אט די וועלט, ווו דו ביזט איצט, איז געגליבן צו שבת, און ווען איינער גרייט זיך נישט אן שפייז ערב־שבת, איז ווען עס קומט שבת, האט ער נישט וואס צו עסן...

סוכות

ביי סוכות ווערט דערמאָנט אין דער תורה דריי מאָל דער אויסדרוק פון „שמחה": ושמחת בחגך, והיית אך שמח (דברים ט"ז) און „ושמחתם לפני ד'" (ויקרא כ"ג). דאַקעגן ביי פּסח געפינט זיך בכלל נישט דער אויסדרוק „שמחה" און ביי שבועות בלויז איינמאָל: „ושמחת לפני ד'" (דברים ט"ז).

ביי פּסח אין יום טוב פון פרייהייט, ווערט „שמחה" נישט דערמאָנט, ווייל פרייהייט אליין איז נאָך ווייניק. די דערוואָרבענע פרייהייט באקומט ערשט א זין נאָך מתן-תורה. דעריבער ווערט געניצט דאָס וואָרט „שמחה" אין חג-השבועות, אָבער נאָר איינמאָל, ווייל די שמחה איז נאָך אלץ ניט פולקאָם. די אמת'ע פרייד איז אין חג-הסוכות, ווען צו דער דערוואָרבענער פרייהייט און צו מתן-תורה ווערט צוגעגעבן דער „חג האָסיף" די מאַטעריעלע פאַרזיכערונג, ערשט דאַן איז די שמחה א פולע.

✶

ולקחתם לכם וכ"ו, פרי עץ הדר וכ"ו. — און איר זאָלט אייך נעמען, אין ערשטן טאָג, פרוכט פון א שיינעם בוים, טייטל־בלעטער, און צווייגן פון א געדיכטן בוים, און ווערבעס פון טייך, און איר זאָלט זיך פרייען פאַר ד' אייער ג—ט, זיבן טעג.

ארויסגייענדיק פון מדבר, פון די וויסטענישן אָן פרוכט, געוויקס און אָן וואסער צו טרינקען, און אריינקומענדיק אין א בליענדיקן פרוכטבאַרן לאַנד, האָט די תורה אָנגעזאָגט צו נעמען, אין חג-האָסיף, אלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט און שמחה, די שענ־סטע פון צווישן די פירות (אתרוג), די הערלעכסטע פון צווישן די בלעטער (לולב), די אויסגעצייכנטע פון צווישן די ריחות (הדס), די בעסטע פון צווישן די גראָזן (ערבה), און דערמיט זיך פרייען פאַר ג—ט זיבן טעג.

✶

כל האזרח בישראל ישבו בסוכות — זאָגן אויף דעם די חז"ל: ראויין כל ישראל לישב בסוכה אחת. אלע יידן זענען ווערט צו זיצן אין איין סוכה. דער פאַקט אליין פון דעקלאַרירן די צוגע־העריקייט צום יידישן פאָלק, גיט אים דאָס רעכט צו זיצן מיטן כלל ישראל. אָבער בכדי צוצוקומען צו אזא מדרגה, מוז ער אויפ־געבן זיינע אייגענע עגאָיסטישע פּרעטענסיעס, נישט בלויז פון נישט וועלן פאַרנעמען אויך יענעמ'ס פּלאַץ... נאָר זיין גרייט

אפילו אפצוטרעטן זיין פלאץ פארן צוויטן. פונקט ווי אין די סוכות אין מדבר, אונטער די „ענני-כבוד" זענען אלע, דאס פאלק ישראל אלס גאנצעס, געווארן באשיצט.

ר' לוי בערדיטשעווער זצ"ל, האט זיך נוהג געווען צו לאזן זיין סוכה אפן און פריי פאר יעדן איינעם. פלעגן זיך אנשטופן דארט די ארעמסטע פון שטעטל, און דאס האט שטארק פאר-דראסן די גבירים, די „שיינע יידן". סטייטש, אזא חוצפה? — צו עסן אין רבי'נס סוכה פאסט פאר גבירים, בכבוד'יקע בעלי-בתים אבער נישט פאר אבי וועמען...

רופט זיך אן צו זיי ר' לוי יצחק: מיינע טייערע יידן, דער אויבערשטער משפט דעם מענטשן מדה כנגד מדה, ווי אזוי דער מענטש באציט זיך צו אנדערע, פונקט אזוי באציט זיך ג—ט צו אים. אז עס וועט קומען לעתיד-לבוא, עס וועט אויפגעשטעלט ווערן די „סוכת דוד הנופלת", וועל איך, לוי יצחק, אויך וועלן דארט אריינגיין, וועט דעמאלט השי"ת זאגן: לאמיר זען ווי אזוי ער אליין האט זיך נוהג געווען אין זיין סוכה. האט ער נישט גע-קליבן, נאר יעדן איינעם אריינגעלאזט, וועל איך אויך נישט קלייבן, אויב אבער ער האט געקליבן, וועל איך אויך קלייבן. — נו, און וואס ווילט איר — האט ר' לוי יצחק פארענדיקט — אז צוליב אייך זאל איך נישט קענען אריינקומען אין אויבערשטנס סוכה?...

אין חפץ-חיים'ס ישיבה, אין ראדן, פלעגט מען א גאנץ סוכות פיל פארברענגען און זיך משמח זיין אין דער ישיבה און ביים „חפץ-חיים" אין הויז.

איינמאל ביי אזא פארברענגען, נאכדעם ווי דער „חפץ-חיים" האט אפגעזאגט, אויף זיין שטייגער, יום'טוב'דיקע תורה, האט איינער פון די בחורים א כאפ געטאן דעם חפץ-חיים און אים אויפגעהויבן אין דער הויך און מיט אים געטאנצט.

דער חפץ-חיים האט עס נישט געוואלט ליידן, האט שטארק מקפיד געווען, און זיך אנגעבייזערט אויפן בחור.

א ווײַלע שפעטער איז ער צוגעגאנגען צום בחור און האט אים מפייס געווען — פארשטייסטו מיך — זאגט דער חפץ-חיים — מען דארף נישט הויבן א מענטשן העכער ווי ער איז...

צום חפץ-חיים, איז איינמאל געקומען א ייד פרעגן אן עצה, צי ער זאל פארן קיין אמעריקע. — האט איר פרנסה? פרעגט אים דער חפץ-חיים, — מיט פרנסה — ענטפערט דער ייד — קומט מען ווי עס איז דורך, עס פעלט אבער הצלחה, אז מען זאל קענען אפשפארן עפעס. — אויב אזוי — זאגט אים דער ח"ח — דארפט איר נישט פארן. פארשטייט איר: צו „הושיעה נא" מאכט מען נענועים מיטן לולב, מען דרייט אהין, און מען דרייט אהער. אבער צו „הצליחה נא" מאכט מען נישט קיין נענועים, מען שטייט אויף אן ארט...

שמיני־עצרת שמחת־תורה

שמיני־עצרת איז א טאָג פון גרויס וויכטיקייט און באדייטונג. נאָכדעם ווי דער ייד ווערט פאַרטיק מיט זיצן אין דער סוכה, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זיינע אמאָליקע לײדן און וואנדערלעבן, פראַוועט ער מיט גרויס פייערלעכקייט דעם יום־טוב שמיני־עצרת וואָס דערמאָנט אים זיין ווערן א פאראייניקט זעלבשטענדיק פאָלק מיט אן אייגן לאַנד. אין דעם דאָזיקן טאָג בענטשט מען „גשם" — מען בעט אויף רעגן, און מען הויבט אָן זאָרגן פאר די אינטערעסן פון לאנד.

ר' משה ליב סאסאווער פלעגט זאָגן: „ביום השמיני עצרת יהיה לכם" — ראש־השנה און יום־כפור האָבן מיר תפילה געטאָן פאר דעם נפש, מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט הימלישע זאכן. שמיני־עצרת איז דער ערשטער טאָג, ווען מען בעט אויף גשם. מען הויבט אָן זאָרגן פאר מאַטעריעלע זאכן, פאר באַדערפעגישן פון גוף וועגן. מען הויבט אָן זאָרגן פאר דעם „לכם" און דאָס איז טאַקי דער טייטש „שמיני עצרת רגל בפני עצמו" — שמיני־עצרת איז דער יום־טוב, ווען מען הויבט אָן זאָרגן „פאר זיך"...

✶

שמחת תורה, פרייען זיך יידן מיט דער תורה מיט טענץ און געזאנג פון „שישו בשמחה בשמחת תורה". געפינען זיך אָבער גלייכציייטיק אזעלכע, וואָס שמייכלען אונטער און זאָגן: א שיינע פרייד איז דאָס, מען האָט דאָך אונדז, דורך די געזעצן פון דער תורה, ממש ווי מיט קייטן געבונדן: דאָס מעגסטו יאָ, און דאָס טאָרסטו נישט, אָן דער תורה וואָלטן מיר פריי געווען אָן קיינע פארפליכטונגען.

דערויף איז דאָ אן ענטפער מיט א משל: עס איז געשטאַנען אן אלטער שטאַרקער בוים מיט געדיכטע צווייגן, אויף די צווייגן האָבן געדיכטע בלעטער געבליט, האָבן די בלעטער געלעבט אויף זייער מוטער־שטאַם און געוועזן צופרידן. ביז עס האָט פאַסירט, אז א זינגנדיקע פלעיאדע פון פויגלען קומען אָן, שוועבן ארום מיט פריילעכן געשווישטשער, און דרייען זיך זאָרגלאָז, אונטערן בלויען הימל.

קוקן זיך צו, די בלעטלעך פון בוים, צו דעם אלעם, און שושקען איינע צו דער אנדערער: ווי גליקלעך די פייגעלעך זענען, זיי באַוועגן זיך פריי, פליען ווען זיי ווילן און וו זיי ווילן, קיינער

האַלט זיי נישט געבונדן. און מיר, ווי אומגליקלעך מיר זענען, אייביק צוגעבונדן צום שטאַם, און מיר קענען נישט זיך אַ לאָז טאָן פריי אין דער לופט. פּלוצלונג קומט אַ בייזער ווינט, רייסט אַראָפּ אַ בלעטעלע פון בוים און הויבט עס אויף אין דער לופטן. ניט דאָס בלעטעלע אַ געשריי מיט שמחה, דער ווינט האָט מיך געראַטעוועט! איצט וועל איך שוין מער נישט זיין צוגעבונדן צום פאַרהאַסטן שטאַם, נאָר פריי זאַרגלאָז שוועבן אין דער לופטן.

דער ווינט האָט זיך בארויקט, דאָס בלעטעלע הויבט אָן פאַלן און עס בלייבט ליגן אויף דער ערד, און ביסלעכווייז אָנגע־הויבן וועלקן און ווערן פאַרטריקנט. ליגט דאָס בלעטעלע פאַר־ווייטיקט, און קוקט מיט בענקשאַפט צו די גרינע זאַפטיקע בלע־טער אויפן בוים, וואָס בליען און לעבן — און קלאָגט: ווי נאַ־ריש איך בין געווען. געמיינט, אז דער שטאַם איז מיין שונא, איצט זע איך, אז דער שטאַם האָט מיר יניקה געגעבן, און געזי־כערט מיין לעבן.

די תורה, דאָס איז אונדזער לעבנס־שטאַם, פון וועלכן מיר ציען אונדזער יניקה זינט טויזנטער יאָרן. נאָר דאָס צוגעבונדנ־קייט צו די תורה־געזעצן, האָט אונדז פאַראייניקט און געראַטע־וועט פון אסימילאַציע און אויסמישונג, און מיטגעווירקט צו אונדזער אייביקער עקזיסטענץ...

✶

איינער האָט שטאַרק געטאַנצט שמחת-תורה ביי די הקפות, און ער אליין האָט נאָר קיין שייכות נישט געהאַט מיט דער תורה. האָט מען אים געפרעגט תיתכן? האָסטו דען געלערנט, האָסטו דען אָפּגעהיט די מצוות פון דער תורה? טאָ וואָס איז מיט דיר אזוי די שמחה? — האָט ער געענטפערט: אויב ביי מיין ברודער איז אַ שמחה דאַרף איך זיך נישט פרייען? אויב ביי אייך איז היינט „שמחת-תורה" בין איך דאָך אייערער אַ ברודער און פריי זיך מיט. — אויב אַ ייד פילט זיך, אז ער איז אַ ברודער, ער איז פאַראייניקט מיט אלע יידן, האָט ער דאָס רעכט זיך מיטצופרייען אין דעם אלגעמיינעם יידישן יום־טוב.

דער כתב-סופר האָט געזאָגט: איין ייד קען נישט מקיים זיין אלע מצוות פון דער תורה, ווייל עס זענען פאַראַן מצוות נאָר פאַר כהנים, לויים, אַ קעניג, און דאָס איז אלץ איינגעשלאָסן אין די תרי"ג מצוות. נאָר אויב יידן האַלטן זיך צוזאַמען, ברידערלעך ווי איין מענטש, ווערן די מצוות וואָס יעדער טוט באַטראַכט אזוי ווי אלע יידן וואָלטן זיי געטאָן. דאָס הייסט, אז יעדער ייד איז מקיים אלע מצוות. דאָס האָבן מיר געלייענט אין דער היינ־טיקער סדרה: „תורה צוה לנו משה" די זעקס הונדערט און עלף מצוות — אזוי ווי ס'איז דער באַטרעף פון וואָרט „תורה" —

וואָס „צוה לנו משה" — וואָס משה האָט אונדז אָנגעזאָגט. — ווייל די צוויי מצוות פון „אָנכי" און „לא יהיה לך" האָט דער אויבערשטער אליין געזאָגט, אזוי אז דורך משה'ן זענען מיר באַפוילן געוואָרן נאָר מיט 611 — מצוות. איז די דאָזיקע מצוות קענען בלייבן אלס — מורשה — אן אייביקע ירושה פאר יידן, אז יעדער זאָל אליין קענען פארווירקלעכן, אויב נאָר עס איז „קהילת־יעקב" ווען יידן זענען צוזאַמענגענומען און פאראייניקט אין איין קהילה...

לזכר הורי היקרים

אבי מורי
ר' אהרן יוסף ז"ל
ב"ר גרשון יהודה נ"ע
לומזה — פולין

ואמי מורתי
מרת רחל ז"ל
בת ר' אברהם פרידשטיין נ"ע
לומזה — פולין

שנהרגו על קדושת השם
כ' תמוז תש"ב (5—7—1942) הי"ד

ת.נ.צ.ב.ה.

לזכרון עולם

בתי: דינה ז"ל — י"א סיון תש"ו

אחי: גרשון, חיים, אליעזר, ומשה ז"ל

אחותי: חנה רייכל ז"ל

חמי: ר' שבתי ב"ר ברוך פסטרנק

חמותי: מרת אסתר בת ר' שלמה צודיקער

ובניהם: ארי' ליב, בן-ציון ופלטיאל.

ת.נ.צ.ב.ה.

לזכרון

יזכור אלוקים לטובה את נשמת הבחור

יהודה מנשה ב"ר משה ארי' הלוי

אשר נאסף פתאום אל עמיו

ט' טבת ה. תשל"א

In Memory of

JULIAN LEVY

who departed this life
as a result of an accident
on January 6, 1971

יהי זכרו ברוך